STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00903

# FARDEKTE SHPIGLEN

Israel Emiot

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Roslyn & Irving Statsinger*
*in memory of*
*their beloved parents, Isaac & Fanny Nathan and Samuel & Ethel Statsinger*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י ש ר א ל   ע מ י אָ ט

# פאַרדעקטע שפּיגלען

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

# 162

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגנבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער צום סוף פון בוך

ישראל עמיאָט

# פאַרדעקטע שפּיגלען

## דערציילונגען און סקיצן

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1962 — ה׳תשכ״ב

# אינהאַלט

## I

## מצבות אויף קברים


מיין זיידע דער רופא — 9
מיינע מומעס פון טאַטנס צד — 15
די עלטער־מומע יאַכוועדל — 22
פערל — 26
ביי דער מומע מאַליען — 32
אַ פאַרשטערטער שבת — 37
זיסל — 41
אַ קללה — 47
יאָרצייט — 52
דער ארץ־ישראל אתרוג — 57
אַ פלעק אין דער משפחה — 60
די קיך — 64
נישט אויסגעהאַלטן — 68
ערב פסח — 73
אַ ווינטערדיקער שבת ביי דער באָבען — 76
דער לעצטער קרבן — 31
חאַצקל פון די „טויטע חסידים” — 86
נחמיה קברן — 90


## II

## אין סיבירער לאַגערן


ביי דינאַמיט — 97
אַ טאָג צווישן טעג... — 102
נינאַ — 107
פון דער טיפעניש — 112
„וואַסילי בלאַזשעני” — 117

## III

## אין גוטע צייטן


דער שידוך — — — — — — — — — — — — — — — — — — 125
פאַרבאַהאַלטענע ליבע — — — — — — — — — — — — — 134
משפחה צעפּאָרט זיך — — — — — — — — — — — — — — 142


## IV

## נייער שטייגער


עס טרעפט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 153
אויף „טאַימס־סקווער" — — — — — — — — — — — — — 159
דער קעלער — — — — — — — — — — — — — — — — — 163
אויף דער עלטער — — — — — — — — — — — — — — — 166
איינזאַמקייט — — — — — — — — — — — — — — — — 170
אַ צופאַל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 173
אויפדאָסניי — — — — — — — — — — — — — — — — — 176
גראַזשינאַ — — — — — — — — — — — — — — — — — 179
דעם אַפּטייקערס טעכטער — — — — — — — — — — — — 182


## V

## פאַרדעקטע שפּיגלען


אַ מזוזה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 189
אין ירושלים — — — — — — — — — — — — — — — — — 190
די אַלטע פּעסעלע — — — — — — — — — — — — — — — 193
צווישן ברידער — — — — — — — — — — — — — — — — 196
צו איינער פון געטאָ — — — — — — — — — — — — — 198
אַנדערש גייט אויס דאָ דער האַרבסט — — — — — — — — 199
נאָכוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — 201

# I

# מצבות אויף קברים

## פון אַ לעבן וואָס איז אַוועק

# מיין זיידע דער רופא

צוויי קאַמפּן האָט דער זיידע געפירט אין זיין לעבן: מיט מיר, דעם 10 יאָריקן קינד, און מיט באָטשקאָן דעם פעלדשער.

וואָס, אַ שטייגער, האָב איך עס געטאָן פאַר אַ בייז? איך פלעג ראָך שטענדיק זאָגן דעם חומש ווי אַ וואַסער. און אַז ער פלעגט פאַרהערן אַ בלאַט גמרא אַפילו, האָט ער דאָך מיך נישט געקענט כאַפּן „אויף אויס־גליטשן זיך". נאָר, פון דעסט וועגן, ווען די באָבע, וועלכע האָט אַזוי פון דער זייט זיך צוגעהערט ווי דער זיידע פאַרהערט מיך, פלעגט אים אַ פרעג־טאָן: ווו איך האַלט אין דער וועלט, איז שוין דעם זיידנס טבע געווען אַ הייב צו טאָן די ברילן אויפן שטערן, אַריינצודרייען אין דער נאָז אַריין אַ פעסטן שמעק טאַבאַק, און איר געבן אַ קוק אָן מיט בייזע אויגן, ווי איינער זאָגט: פרעג נישט, איך וועל דיר קיין גוטס נישט זאָגן וועגן אים.

איז וואָס שייך דעם זיידנס בייזקייט, האָב איך דאָך געוווּסט, אַז ער האָט מיך שטאַרק ליב, כאָטש ער ווייזט דאָס נישט אַרויס. און אַרויסווייזן ווייזט ער עס נישט אַרויס צוליב מיין טבע איבערצודרייען אים אַלע שופ־לאָדן...

פינף שופלאָדן זענען געווען אין דער גרויסער קאָמאָדע, וואָס אין זיידנס בוידעם־שטיבל, אַ ירושה פון עלטער־זיידן, ר' מאיר ווילנער.

די ערשטע דריי שופלאָדן האָבן געהערט צו דער באָבען. אין ערשטן איז געלעגן דאָס ביסל ירושהדיקע זילבער־געשיר, פערל, צעטלען און פּאַפּירן פאַרגעלטע פון דער צייט, יחוס־בריוו. און אין צווייטן און דריטן — די וועש. און אין די אונטערשטע צוויי — די צוויי, וועלכע האָבן שטענדיק געלאָקט מיין קינדערשע נייגעריקייט — זענען געווען פלעשלעך מיט רפו־אות, מיט אויפשריפטן אויף לאַטיין אויף זייערע פּאַפּירענע פאַרטוכלעך. געהיימניספולע פושקעלעך, באַנדאַזשן, סלאָיקלעך מיט הייל־שמירעכצן, אַ ניקל־וואָג צו וועגן רפואות אויף גראַמען און אונצן, אַ צענדליק טערמאָ־

מעטער׳ס פון די עלטסטע מאַרקעס, פיר־קאַנטיקע אַזעלכע, שמאָלע, אין ניקל־שיידעלעך, אַפילו אַזאַ הילצערן „אויערל״ אויסצוהערן דאָס האַרץ. און צווישן דעם אַלעם האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט אויך אַזעלכע שיינע, קליינע זאַכעלעך, ווי אַן אויער־מושלע, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט דער יאָרצייט־טאָג פון „שפת אמת״, דעם אַלטן גערער רבין; אַ פושקעלע ארץ־ישראלדיק זאַמד פון דער מוטער רחלס קבר; צינד־מאַשינקעס, פאַרשידענע בשמים־שקעטעלעך אַ שמעק צו טאָן ביי הבדלה; קליינע פיצעמאָנטשיקע העמערלעך; אַ דימענט אויף צו שניידן גלאָז, און נאָך אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן.

דאָס אַלץ איז געווען מיין יצר־הרע, וואָס האָט מיך געלאָקט אין יעדער פרייער מינוט. און אַ פרייע מינוט הייסט, ווען דער זיידע גייט אַוועק צו אַ קראַנקן, אָדער אויף אַ בוררות, און איך נאַר אַרויס ביי דער באָבען דעם בינטל שליסלען און נישטער אין דעם זיידנס שופלאָדן. איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז דער באָבעס זילבער־געשיר און אירע גאָלדענע רייפעלעך און פערל האָבן מיך נישט אַזוי געצויגן, ווי דעם זיידנס פלעשלעך און פושקעלעך און קלייניקייטן.

וואָס עפּעס גייט דער זיידע צו קראַנקע? איז דאָך פאַראַן אַזאַ גאוונישער קאָפּ ווי דאָקטער קלאַטשקאָ, צו וועמען מען פאָרט פון דער גאַנצער גובערניע. איז דאָך דאָ אַ דאָקטער כאַראַסעוויטש, ביי וועמען עס ציטערן טאַקע די הענט פון עלטער, נאָר דער מלאך רפאל קומט מיט אים שטענדיק מיט. און באַטשקאָ, דער פעלדשער, איז דען אַ מפיל־קינד? און טאַקע טשיקאַווע, אַ פעלדשער ווי אַ פעלדשער, מיט אַ קאַבינעט, מיט פאָרטרעטן אויף די ווענט פון דעם מענטשלעכן אינגעווייד און סקעלעטן און אַנדערע צרות, און גייט אָנגעטאָן אין „קורצן״, מיט אַ מעלאָניק, און ער ראַזירט זיך. טאָ וואָס־זשע איז דער מער?

איז, אָבער, די מעשה דערפון, אַז קלאַטשקאָ באַקומען צו אַ קראַנקן איז פונקט אַזוי ווי באַקומען אַ גוטן אתרוג מלחמה־צייט. אויף אים איז שטענדיק אַן אויסכאַפּעניש. און נעמען נעמט ער טאַקע פינף רובל אַ וויזיט. און כאַראַסעוויטשן לאָזט זיין ווייב נישט אַלע מאָל גיין אויף וויזיטן: די עלטער! און באַטשקאָ דער פעלדשער — זיין געוואַלדיקע גירי־

קייט צו געלט איז נישט צו באַשרייבן; ער רייסט פון טויטע און פון לעבע־דיקע. און דער עולם האָט נעבעך נישט פון וואַנען צו נעמען. רופט מען אים דורך „לינת הצדק״, ווו עס קאָסט ביליקער. קומט ער ערשט אָוונט־צייט אָדער גאָר אויף צומאָרגנס. און דער חולה ליגט דערווייל אין יסורים און מאַטערט זיך. ווינטשט מען אים אָן — זאָל עס אויסגיין אויף אונדזערע שונאימס קעפּ! אָבער אים געשעט נישט אַ האָר!

וואָס דאַרפט איר בעסער? די כאָלערע איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָט. געלייגט מענטשן אויף רעכטס און אויף לינקס. פון די גאַסן האָט געשטונ־קען מיט קאַרבאָל. איינער האָט דעם אַנדערן קיין שלום נישט געגעבן. חברה קדישא האָט נישט מטהר געווען, כדי זיך נישט אָנצושטעקן. און באַטשקאָ האָט ערשט געמאַכט די אמתע געלטער! דער טייוול האָט אים נישט גענומען. און מ׳האָט אים באַשאָטן מיט געלט. איז ווען מען וויל נישט אָנקוקן דעם פּנים פון באַטשקאָן מיט זיין יעזויִטישן געלעכטערל, מיט זיין לעטישן אויסרייד, האַלב־דייטש מיטן „יאַ־אַ״־שמייכעלע (ער שטאַמט ערגעץ פון אַרום ריגע), קומט מען דעמאָלט צו מיין זיידן.

דער זיידע גייט צו אַ קראַנקן אומזיסט און גיט אַן עצה, פאַרשרייבט אַפילו אַמאָל אַ רעצעפּט, וואָס וויעטשקאָווסקי, דער אַפּטייקער, גיט אַרויס. איין קלייניקייט: „פאַן לייבאַ״ האָט געגעבן!

פון דעם, וואָס דער זיידע פלעגט אין אַ גוטער מינוט (און די בעסטע מינוטן זענען ביי אים געווען פּסח ביים סדר, נאָך די ארבע כוסות) דער־ציילן, טראָץ זיין שטענדיקער פאַרשלאָסנקייט און קנאַפּ־רעדעוודיקייט, האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז יונגערהייט, זייענדיק אויף קעסט, איז ער, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון ביקור־חולים, אָפט געגאַנגען אין לאָמזשער שפּי־טאָל. דאָרטן איז געווען אַ גרויסער דאָקטער מיט אַ וועלט־נאָמען, איינער אַ לאָנדינסקי. ביי דעם לאָנדינסקין האָט זיך עס דער זיידע אויסגעלערנט היילן קראַנקע און ווי אַזוי צו לייענען און צו שרייבן רעצעפּטן, און ווי אַזוי זיך צו קענען אויף אַ קרענק. דער עיקר: ער האָט טאַקע געלייענט אַ סך רפואה־ביכלעך. און טאַקע דער קאָפּ! דעם זיידנס שאַרפער מוח און זכרון. ס׳איז דאָך דיר נישט באַטשקאָ מיטן טעמפּן קאָפּ!

פאַרלאָזן אויף זיך האָט דער זיידע בלויז  אין נישט קיין ערנסטע

קראַנקייטן. און טאָמער עפּעס אַ שווערע קרענק, — פלעגט ער אַליין הייסן רופן קלאַטשקאָן. און דער זיידע פלעגט אַליין שוין גיין צו אים פועלן וואָס שנעלער צו באַזוכן דעם אָרעמען קראַנקן, און זיך געסטאַרעט, אַז ער זאָל נישט צופיל באַרייסן.

און קלאַטשקאָ האָט זייער ליב געהאַט דעם זיידן. דוכט זיך: וואָס פאַר אַ מחותן איז מיין זיידע מיט קלאַטשקאָן? האָט דאָך קלאַטשקאָ צו טאָן מיט „קראַמאָליע"; אָט עפנט ער די ערשטע ביבליאָטעק אין שטעטל, ווו בחו־רים און מיידלעך קומען זיך צונויף און מען צינדט אָן און מען לעשט אויס די עלעקטריע פרייטיק צו נאַכטס. און ער אַליין, קלאַטשקאָ, דרשנט עפּעס אויך דאָרטן, אַז פאָניע האָט אין דעם ערשטן יאָר פון דער מלחמה מיטן יעקע געוואָלט אים פאַרשיקן. די פריינדשאַפט צווישן זיי נעמט זיך פון דעם, וואָסביידע קומען זיך צונויף אויף איין זאַך:

— באַטשקאָ איז אַ פאַרטאַטש!

— אַן עם־הארץ!

— קען רעכט קיין רעצעפּט נישט פאַרשרייבן!

— פאַרשטייט זיך אויף אַ קרענק ווי אַ האָן אויפן „בני אָדם".

טרעפט זיך אַמאָל, אַז מען רופט דעם זיידן און באַטשקאָ איז שוין דאָרט געווען. איז טאָג מיט נאַכט! האָט באַטשקאָ געמאַכט אַ „לעוואַטיווע" (אַזאַ טבע ביי אים צו אַלע קראַנקייטן), שרייט דער זיידע: „אַ חורבן! אָפּ־געקוילעט אָן אַ מעסער!" פאַרשרייבט יענער אַ רעצעפּט צו דער ניר. — זאָגט דער זיידע, אַז די לעבער איז קראַנק. און דאָקטער קלאַטשקאָ איז שפּעטער בפירוש מסכים, און נאָך ווי מסכים! ער וויל אַפילו קיין רעצעפּט נישט פאַרשרייבן. ער פאַרשרייבט בלויז עפּעס אויף לאַטיין פון יוצא וועגן, אַז ער, קלאַטשקאָ, האָט דעם רעצעפּט געזען.

איז טאַקע קיין ווונדער נישט, וואָס באַטשקאָ האָט געטראָגן אַ כעס אויפן זיידן, בפרט נאָך, אַז דער זיידע האָט ביי אים צוגענומען דאָס היילן פון פאַרשיידענע געשווירן און אַפילו גרויסע און שווערע „אַנטראַקסן" אויף דער שדרה; ווייל באַטשקאָ איז בטבע אויסגערעכנט. ווו עפּעס אַ געשוויר, כאַפּט ער זיך דווקא היילן. און ער ציט אויס די היילונג מיט „אָפּאַטרונקעס" (דאָס איבערבינדן) אויף גאַנצע חדשים. און דו, חולה, גיב יעדן טאָג געלט!

דער זיידע, ווידער, פלעגט עס טאָן אויס ליבע צו דער זאַך; ער האָט נישט געגומען קיין גראָשן באַצאָלט, און באַקומען בלויז ברכות.

איז הערט־זשע אַ מעשה, ווי דער זיידע האָט מיט איין מאָל ביידע זיינע קאָמפּן מיט איין מאַך אָפּגעווישט, — סיי מיט מיר, זיין אייניקל, דעם שטי־פער און מזיק, און סיי מיט באָטשקאָן. דאָס איז געווען, ווען איך בין קראַנק געוואָרן.

דער ערשטער האָט, ווי דער שטייגער איז, מיך געבדקנט דער זיידע. אויסגעטאַפּט מיר יעדעס ביינדעלע, אויסגעפּויקט מיך מיט די פינגער דעם בויך, אויסגעהאָרכט מיך מיטן טרייבל, און מיט אַמאָל איז די גאַנצע גע־מאַכטע בייזקייט אויף זיין פנים פאַרשוווּנדן.

זיינע אויגן האָבן זיך ווי איבערגעקערט. ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער גייט צום דאָקטער קלאָטשקאָ, אָנגעטאָן דעם געלן זומער־מאַנטל, אַרונטערגערוקט די פּיאות אַרויפצו, אונטערן קאַפּל, אויסגעקעמט די באָרד און געגעבן אַ קאָמאַנדעווע אין שטוב:

— פאַרהענגען די פענצטער מיט רויטן געוואַנד!

דאָס האָט געהייסן, אַז עס שמעקט מיט שקאַרלאַטין.

קלאָטשקאָ האָט, אָבער, דאָס מאָל חושד געווען די לונגען און געהייסן שטעלן געהאַקטע באַנקעס.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו באָטשקאָן.

דערווייל ליג איך אין היץ, און דאָס פאַרעניש אַרום מיר איז גרויס. די באָבע לייגט איין וועלטן. זי לויפט אויפן גוטן אָרט צום טאַטנס קבר, און יעדע רגע צו מיר:

— נו, קינדעלע, רעד אַרויס אַ ווערטעלע. וואָס שווייגסטו אַזוי? מאַך אויף די אייגעלעך; קוק אויף דער באָבעשי!

און דער זיידע עפנט אויף אַלע שופלאָדן מיט זיינע אוצרות. ער שטעלט פאַר מיר אויס אַלע גראַדניקעס און דאָס פּימסן־האָלץ און די צינדערלעך און די פלעשעלעך מיט פאַפירענע פאַרטוכלעך און די בלעכענע געצאַצ־קעטע פושקעלעך, און אַפילו דאָס פושקעלע מיט דעם זאַמד פון דער מו־טער רחלס קבר, און דאָס קליינינקע וואַג־שאָלעכל. אַ מאַניפעסט היינט אין זיידנס קעניגרייך: שפּיל זיך וויפל דו ווילסט, אַבי ווער נאָר געזונט!

אַי, באָטשקאָ? וואָס באָטשקאָ, ווער באָטשקאָ? שלום ושלווה! ער קומט אַריין ווי קיינמאָל גאָרנישט מיט זיין יעזוי־טישן שמייכעלע, וואָס פאַרלאָזט אים נישט אַפילו, ווען ער ווערט אויסגעשאָלטן אין אַן אַרימער שטוב, ווען מען האָט אים נישט געגונג צו באַצאָלן און ער זיצט זיך שטיל־שטיל און פּויקט זיך אַזוי מיט די גראָבע פינגער אין אַ צעראַטקע, ווי איינער זאָגט:

— רעד צום דאַשעק. איך וויל מיר מיינס...

ער שמייכלט אויך איצט, באָטשקאָ, און נעמט מיך אַן ביים הענטל:

— יינגעלע, ווען מיר אַ פּאָר באַנקעלעך שטעלן, יאָ?

און דער זיידע טראָגט אים אונטער אַ שטול, און גרייט צו פּאַר אים דעם שפּירט, און ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט, ווי אַ דאָרפסמאַן, ווען דער דאָקטער קומט אַריין צו אים אין שטוב, און ער ווייסט נישט ווי צו מאַכן די שטוב אויסזען שענער. און באָטשקאָ האָקט די באַנקעס ווי אַ שטייגער די יאָרן פון קאַמפן מיטן זיידן וואָלטן גאָרנישט געווען. בלויז ווען אַלץ איז שוין פאַרענדיקט, און ער קלייבט זיך אַוועקצוגיין, און דער זיידע שטעקט אים אין דער האַנט אַריין וואָס אים קומט, טוט ער, באָטשקאָ, אַזאַ פּאַס־קודנע שמייכעלע, ווי איינער זאָגט:

— כ'האָב דיך באַזיגט!

נאָר איך, דער צווייטער, וואָס האָב דעם זיידן באַקעמפט, בין פול גע־ווען צום זיידן מיט רחמנות, צי ווייל איך האָב דערפילט באָטשקאָס טרי־פהנעם בליק, צי ווייל איך האָב דערזען, אַז דעם זיידנס בייזקייט איז בלויז געווען אַן אויסערלעכע, און איך האָב געטראַכט:

— ווי ווערט מען געזונט? וועל איך שוין מער דעם זיידן נישט פאַר־שאַפן קיין האַרץ־ווייטיק...

## מיינע מומעס פון טאַטנס צד

אויף יעדער חתונה איז דאָ עפּעס אַ קינד, אַ ליבלינג, וואָס עמעצער פון די געסט האָט עס מיטגענומען, און מען רייסט עס פון האַנט צו האַנט, און מען כאַפּט אויף יעדע חכמה, וואָס דאָס קינד האָט געזאָגט, און עס גייט אַן אַזאַ פאַרעניש און מען שטופּט עס גוטע זאַכן אין מיילעכל און מען זאָגט נביאות אַז עס וואַקסט:

— אַ גאון!

— אַ דאָקטער!

— אַן אַרטיסט!

עפּעס, אַ שטייגער, ווי מען וואָלט זיך עס דאָ צונויפגעקומען, נישט צוליב חתן־כלה, נאָר צוליב אָט דעם שיינעם קינד...

איך בין עס געווען אָט דער ליבלינג, און פון אַזוי פיל הענט האָב איך זיך עס באַדאַרפט אַרויסרייסן קינדווייז, פון אַזוי פיל קושן האָב איך עס מיר באַדאַרפט אָפּווישן און אַוועקשפּרינגען, ווילד אַוועקשפּרינגען...

אָבער מער פון אַלע האָבן מיר מיט זייער צודרינגלעכער ליבשאַפט דערקוטשעט מיינע דריי מומעס פון טאַטנס צד, גאָלדעלע, דבורה און סימעלע.

אַלע דריי מומעס האָבן געוווינט אין שטעטעלע וואָלאָמין, וואָס לעבן וואַרשע, און כאָטש דאָס דאָזיקע שטעטל איז דאָך סך־הכל דריי שעה פאָרן מיט דער באַן פון אונדז — איז עס אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע געווען אַזוי ווייט, אַזוי ווייט ווי, אַ שטייגער, די שטאָט אָדעס, מיט וועלכער מאַ־טעלע פון אייזן־קראָם הערט נישט אויף צו רימען זיך פאַר אונדז, חדר־יינגלעך, אַז ער איז דאָרט געווען. דאָס איז דערפאַר, ווייל מען האָט מיך אַזוי ווייניק אַהין מיטגענומען, און נישט געלאָזט פאָרן אין ערגעץ האָט מיך דער זיידע, ערשטנס, ווייל ווי נעמט מען עס און מען פאָרט אַוועק פון לער־נען? און, צווייטנס, האָט דער זיידע סתם געקוקט קרום אויפן טאַטנס משפּחה.

וואָס פאַר אַ פּסול האָט עס דער זיידע געפונען ביים טאַטן אין דער משפּחה? האָט דאָך ר׳ משה נחמיה, דעם טאַטנס טאַטע, געשטאַמט פון גרויסן יחוס; מען האָט אים דאָך געגומען אויף בוררותן אַזש קיין וואַרשע און ער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן חסיד. אָבער דער פּסול איז געווען די מומעס, וואָס שידוכים טוט מען נישט ווי ביי לייטן פירט זיך, דורך אַ שדכן, נאָר רק מען פאַרליבט זיך, ווי, להבדיל, ביי גויים.

און אַז מען פאַרליבט זיך מוז דאָך שוין עפּעס געשען, איז טאַקע פאַר־געקומען די מעשה מיט דער מומע דבורה: זי האָט זיך פאַרליבט אין דעם וואָס מען באַדאַרף נישט; דער זיידע, ר׳ משה נחמיה, האָט שוין נישט גע־לעבט, און די באָבע, נעבעך, האָט געמוזט קלאַפּן אַ טעלעגראַמע צום טאַטן: „פּריעזשאַי, דבורה באָלנאַ״, קום צופאַרן, דבורה איז קראַנק. וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען, האָט דער טאַטע שפּעטער נישט דערציילט, אָבער פון דעמאָלט אָן טאַקע, האָב איך שוין נישט געהערט ביי אונדז אין שטוב דער מומע דבורהס נאָמען אַזוי געצערטלט ווי די איבעריקע צוויי שוועסטערס נעמען, גאָלדעלע און סימעלע. זי איז פאַרבליבן דבורה, ווי אַ שטראָף, ווי אַ קין־צייכן, אַזוי צו זאָגן: קריך נישט ווו מען באַדאַרף נישט!

און מיך האָט אַזוי געצויגן צו מיינע מומעס! קודם־כל האָב איך ביי אונדז אין שטעטל קיין מומעס נישט געהאַט; די מאַמע איז געווען די איינ־ציקע טאָכטער, און איך האָב נאָר געהאַט עלטער־מומעס אָדער שוועסטער־קינדער, וועלכע איך האָב אויך גערופן מומעס. מיינע מומעס פון טאַטנס צד זענען אָבער געווען אמתע מומעס, און טאַקע דאָס וואָס ביי מיינע מומעס איז אַלץ אַזוי אַנדערש ווי אין דער אָנגעכמורעטער שטוב ביים זיידן. עפּעס איז ביי זיי געווען אַזעלכעס, ווי מען וואָלט, למשל, אויפגעעפנט ביידע גרוי־סע פענצטער אין זיידנס בוידעם־שטיבל (דער זיידע האָט זיך דאָס קיינמאָל נישט פאַרגונען, דער גערויש פון מאַרק זאָל אים נישט שטערן אין לערנען). אַזוי פיל לופט איז געווען. אַ פרייע, ברייטע וועלט, אַ וועלט וואָס איך האָב נישט געקענט.

אַלע מיינע מומעס האָבן עפּעס געהאַט אָן איבערלעבעניש, אַ טראַגע־דיע. אַלע האָבן זיי זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער שטילער באַלעבאַטיש־קייט פון זייער שטעטל; אַלעמען האָט געצויגן אין דער גרויסער שטאָט, און

אַלע זענען זיי געבליבן צעבראָכן. מומע גאָלדעלען איז דער מאַן געשטאָרבן אויפן צווייטן יאָר נאָך דער חתונה און זי האָט געמוזט נעמען חליצה, לאַנגע יאָרן געזוכט איר באַשערטן און שפּעטער, אין יאָרן אַרום, חתונה געהאַט מיט אַן עלטערן מענטשן, אַ גמינע־לערער, וואָס האָט איר טאַקע געטראָגן אויף די הענט, אָבער...

וועגן מומע דבורהן איז שוין געווען געשריבן.

און מומע סימעלע, די יינגסטע, די שענסטע, וואָס בחורים פלעגן זי טשאַטעווען אַזש פון וואַרשע, איר געשריבן ליבע־בריוועלעך, און איינער, אַ יידישער דיכטער, האָט איר געשאָנקען זיין פּאָרטרעט מיט אַ צושריפט אַ גאַנץ ליד — איז געווען קאַפּריזנע, פלעגט זיך אָפּרעדן מיט זיבן בחורים אין דער זעלבער צייט און זיי אַלעמען אַרויסשטעלן אַ פייג, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, אַז די בחורים איז דערעסן געוואָרן די שפּיל. דער יידישער דיכטער, וואָס איז פאַר איר „אַוועקגעשטאָרבן״, איז אַוועק קיין אַמעריקע און ביי איר איז געבליבן אין אַלבום זיין פּאָרטרעט בלויז. אַזאַ שיינער, איידעלער יונגערמאַן, מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר — איז די מומע סימעלע געוואָרן טרויעריק און געשטילט דעם טרויער אין „מאַסוווקעס״ פון די „ציציליסטן״, און אַזוי פאַרבענקט מיט טרערן אין די אויגן מיך געקושט און געלערנט מיך זינגען:

טויטע ריזן, הויכע קוימען,
שפּייען וואָלקנס שוואַרצן רויך...

און דער אומעטיקער אויספיר איז:

די רעגירונג איז אַ כהן,
די אַרבעטער — קרבנות...

אַלע מיינע מומעס האָבן מיך ליב געהאַט מיט עפּעס אַ מאָדנער, משוגענער ליבשאַפט, זיך געגרויסט מיט מיר. אַ שיין יינגעלע בין איך טאַקע געווען, אָבער וואָס איז אַזוי מיט מיר דער מער? מען האָלט מיך אין איין לויבן און דערציילן מיינע מעלות, אין היפּוך צום זיידן, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַר מיר קיין גוט וואָרט. מומע סימעלע נעמט מיך אַפילו מיט אין

וואַלד צו איר בחור, זיי שפּאַצירן דאָרט און רעדן אַזעלכע שטיל־שטילע רייד און איך פיל מיך עפּעס ווי דעמאָלט, ווען איך שפּיל זיך אין פּאַרבאַ־העלטעניש מיט חברה ייִנגלעך פון חדר און געפין זיך פלוצים אויפן טרי־פּהנעם הויף פון דער שטעטלדיקער צערקווע...

אין די שבת־צונאַכטסן פאַרקנאַקן זיך מײַנע מומעס אין זייערע סאַ־מעטענע, זיידענע, שוואַרצע, רויטע, בלויע קליידער, מיט לאַנגע שלעפּעס און קאָרסעטן, וואָס מאַכן אַרויסשטאַרצן זייערע פולע בוזעמס, הענגען זיך אַרום מיט גאָלדענע קייטעלעך, טוען זיך אָן אין בראַסלעטן און פינגערלעך, באַשיינען זיך מיט די לעצטע פּאַריזער מאָדע־הוטן מיט לאַנגע פאַרבוי־גענע פעדערן. מומע סימעלע, כאָטש זי איז נישט קורצזיכטיק, טוט זיך אָן פון שיינקייטס־וועגן איר גאָלדענע פּענסנע און מען נעמט מיך מיט אין די „זשיוואָאַבראַזן" (שטומע קינאָס). איך זע גזלנים, וואָס איך קען שוין פון ביכעלע, וואָס איך האָב געקויפט ביים מוכר ספרים. עס טראַסקעט צו עפּעס אַ פּאָרטעפּיאַן אַזעלכע טרויעריקע ניגונים; בלוט גיסט זיך, נעבעך, פון אומשולדיקע מענטשן, פון פאַרפירטע מיידלעך, פון אומשולדיקע ווייבער. מײַנע מומעסווישן זיך מיט זיידענע טיכעלעך די אויגן און האַלטן אין איין קוקן אויף מיר, וואָס פאַר אַן איינדרוק די בילדער לאָזן אויף מיר איבער. מומע סימעלע האַלט אין איין פאַרשטופּן מײַנע געקרייזלטע פּיאותלעך אַרויף, אַריין אין סאַמעטן היטעלע, ווייל אַרום — אַרום זיצן דאַמען און הערן מיט לאָרנעטקעס. זי רוקט מיר אין מיילעכל שטיקער שאָקאָלאַד און באַשמירט זיך דאָס מויל, מיך קושנדיק.

אַן אַנדער וועלט, אַ ווייטע וועלט, אַ פאַרפירערישע וועלט!

און אַהיימקומענדיק הייבט זיך אָן אַ געשפּאַרעריי צווישן די מומעס, ביי וועמען אין צימער איך וועל היינט שלאָפן; דאָס קינד איז, נעבעך, שלע־פעריק.

אַלע מײַנע מומעס וווינען טאַקע צוזאַמען מיט דער באָבע שיינע רוי־זעלע, וואָס גייט אָפּגעגאָלט די האָר און טראָגט אַ ציפּעקל; אָבער יעדע פון זיי האָט אַ באַזונדער צימער, און אין יעדן צימער איז דאָ אַ גרויסער שפּיגל מיט אַזעלכע טישעלעך דערנעבן, אויף וועלכע עס זענען אָנגעשטעלט כל־המינים פושקעלעך און פלעשעלעך פאַרפום, און די צימערן זענען אָנגע־

פילט מיט שמעקנדיקע ריחות, טריפהנע ריחות, קיצלדיקע, רייצנדיקע ריחות, און פאַרטרעטן הענגען אויף די ווענט פון מיידלעך מיט גיטאַרעס אין די הענט, פון אַזעלכע ווייטע, אומהיימלעכע לאַנדשאַפטן; און שענקעלעך מיט ביכלעך זענען דאָ ביי יעדער מומע מיינער; ביכלעך אויף יידיש־טייטש, אָבער נישט די ספרים וואָס די באָבע און די מאַמע לייענען, נאָר גאָר אַנדערע; מעשיות אַזעלכע פון וואָרשע אַראָפּגעבראַכט, איינגעקויפטע, אָדער מיט אַ צושריפט, אַ מתנה פון אַ פאַרליבטן יונגנמאַן.

און ביי דער מומע סימעלע אויף דער וואַנט הענגט דאָס בילד פון איינעם אַזאַ איידל־באַחנטן יונגנמאַן אין פענסנע מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן לאָק אויפן שטערן; אַוודאי דער, וואָס די מאַמע מיינע דערציילט גאַנצע נסים, אַז ער, דער „ציציליסט", האָט מומע סימעלען געלערנט לעבן אויף הוילן ברויט מיט וואַסער, כדי זיך צוגעוווינען ווען מען וועט זיי פאַרשיקן קיין סיביר...

מיינע מומעס שורשען מיט די קליידער, אויסטוענדיק זיי פון זיך, טוען זיך אָן אין זיידענע קימאָנאָס און נאַכט־שיכעלעך, און יעדע פון זיי דערקוטשעט מיר מיט איר ליבשאַפט.

— מאַך זיך גרינגער, סרולעקל, ס'איז דאָך אַזאַ הייסע נאַכט, נעם אַראָפּ דאָס קאַפּאָטקעלע; אפשר ווילסטו אַ גלאָז מילך? — זאָגט מומע גאָלדעלע.

— ווי איז מיר, דאָס קינד האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן — וויינט אַזש מומע סימעלע.

— סרולוש, כ'וועל דיר מאַכן צוויי אייער אָפּגעפּרעגלט — זינגט מיט אין כאָר מומע דבורה.

נאָר איך אַנטלויף, אַנטלויף צו דער באָבען אויפן בוידעם־שטיבל, וווּ עס זענען נאָך אויסגעשטעלט אַרום אַלע ווענט דעם זיידן משה־נחמיהס ספרים; און די באָבע שיינע־רויזעלע שעפּטשעט בלחש קריאַת־שמע און ווייזט מיר אָן אויפן זיידנס בעט — ס'הייסט, דאָ וועסטו שלאָפן!

און אַז די באָבע האָט אָפּגעלייענט קריאַת־שמע, רעדט זי שוין גאָרנישט, ווייל מען טאָר מער נישט אויסריידן. זי ווינקט צו מיר נאָר מיט די הענט און מיטן קאָפּ מיט שטומע תנועות אויפן אונטערשטן שטאָק, ווו די

טעכטער וווינען; ווינקט מיר אויף נישט; עס הייסט, אַזאַ יינגעלע ווי דו, דאַרפסט דאָרט מיט זיי נישט האָבן צו טאָן...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַז איך בין צוריקגעפאָרן אַהיים פון אַזאַ נסיעה, האָט קודם דער זיידע מיט מיר אַ וואָרט נישט אויסגערעדט אַ וואָך צייט. נישט געוואָלט וויסן, אַז איך בין דאָך סך־הכל אַ קינד; איך בין אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, די אומהיימלעכקייט און אָנגעכמורעטקייט פון זיידנס שטוב איז מיר האַרבער געוואָרן; איך בין אַרומגעגאַנגען און געחלומט אַליין נישט וויסנדיק וואָס.

אַלע שפּילערייען מיט מיינע חברים האָבן מיר אויסגעזען קליינלעך, אפילו די גרויסע מלחמות מיט די שקצים פון די „פראַשקעס". און די גוטע באָבע מלכה, וועלכע האָט מיך אַזוי ליב געהאַט, האָט נישט געוווסט מיט וואָסערע וואַסערן מיך אָפּצוואַשן פון דער „טומאה", וואָס האָט זיך צוגע־קלעפּט צו מיר פון מיינע „פרייע" מומעס פון טאַטנס צד...

— — — — — — — — — — — — — — —

יאָרן זענען אָנגעוואַקסן אויף מיר ווי אויף מיינע מומעס.
זיי זענען אַלע אַריבערגעפאָרן פון שטעטל קיין וואַרשע.

מיינע מומעס זענען שוין געווען מאַמעס פון טעכטער, וואָס זענען נאָך שענער געווען פון זיי; טעכטער מיט רויט־ווייסע היטעלעך פון פוילישן אוּ־ניווערסיטעט, בלאָנדע, בלוי־אויגיקע שיינהייטן אין וואַרשע. מיינע מומעס זענען געוואָרן באָבעס. אַז מיר האָט זיך געקרישלט די וועלט, פלעג איך לויפן צו די נעסטן פון מיין קינדהייט און אָפּט באַזוכן מיינע מומעס.

זיי זענען אַלע געווען אַזעלכע סטאַטעטשנע באָבעשיס און אָפּט גע־זאָגט אַזוי פיל מוסר זייערע טעכטער. נאָר אַז זיי פלעגן מיך דערזען, פלעגן זיך ביי זיי אויפוועקן אַלטע, נישט־געשטילטע פאַרלאַנגען פון דער יוגנט. עפּעס האָב איך זיי דערמאָנט, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג־לאַנג געהאַט פאַר־געסן. איך, דער דערוואַקסענער, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן וועלטן און געזוכט די שפּראַך פאַר דעם אַלץ וואָס איך האָב געפילט — בין אַלץ נאָך געווען פאַר זיי דאָס אומבאַהאָלפן חסידיש יינגעלע, פאַר וועמען זיי זענען געווען אַזוי ווייט פאַרגעשריטן.

מומע סימעלע איז נאָך אַלץ געווען באַצויבערנד־שיין, כאָטש מיט אַן איבערמיש פון פּאַסן גרויע האָר אויפן קאָפּ. אין איר אַלבום איז נאָך אַלץ געווען אַריינגעקלעפּט דאָס בילד פון דעם יידישן דיכטער, וועלכער האָט איר אַמאָל ליב געהאַט. זי איז נאָך אַלץ געווען אַזוי קאָקעטיש־קאַפּריזנע, ווי אַמאָל, איר מאַן איז געווען עלטער פאַר איר און איר געטראָגן אויף די הענט. זי פלעגט זיך נאָך אַלץ אַזוי זייטלען, ווי זי וואָלט אַ שטייגער געגאַנגען אין שטעטל אויף אַ טרעפונג מיט אַ בחור. יאָרן האָבן זיך געטאָן דערוויל זייערס און אין מיין מומעס האָר אַריינגעפלאָכטן גרוילעכע פּאַסן. אַ טאָכ־טער איז אויפגעוואַקסן מיט דער מאַמעס אַמאָליקער שיינקייט; בלאָנדע האָר און בלויע אויגן און מיט אַ רויט־ווייס היטעלע פון וואַרשעווער אוניווער־סיטעט. אַז עס פלעגט מיר ענג ווערן מיין וועלט, פלעג איך אַריבערקומען צו מיין מומען אויפשאַרן די קוילן פון מיין קינדהייט. איך בין נאָך אַלץ געווען פאַר מיין מומען דאָס חסידישע יינגעלע, ווען זי פלעגט קושן מיט דער משוגענער ליבשאַפט פון אַמאָל, דעם מאַן אין די אויגן. אין מיר האָט זי זיך צוריק דערמאָנט איר יוגנט. זי פלעגט די אויגן פאַרגלייזן און אַ זינג טאָן:

טויטע ריזן, הויכע קוימענס
יאָגן שוואַרצע וואָלקנס רויך...

# די עלטער־מומע יאָכוועדל

קיין שענערע זאַך ווי טרעפן דער באָבע מלכה מיט דער מומע אירער יאָכוועדל — איז נישט געווען.

מומע יאָכוועדל איז שוין געווען ווייט אַריבער די אַכציקער, שוין נישט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל, אָבער אַז זי פלעגט נעמען ריידן, האָבן זיך פערל געשאָטן. כאָטש די ווערטער, די קלוגע ווערטער, פלעגט זי אַזוי קייען מיט די יאַסלעס, ווי עפּעס אַ האַרט שטיקל ברויט. און די באָבע מיינע מל־כה איז דאָך אַוודאי באַקאַנט געווען מיט איר חכמה. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ס׳איז אַ נחת געווען צו הערן. פלעגט טרעפן, די עלטער־מומע איז אַמאָל אַראָפּגעקומען פון שטעטל יעדוואַבנע, ווו זי האָט געוווינט ביי די קינדער, איז אַ יום־טוב געווען ביי אונדז אין שטוב.

מומע יאָכוועדל איז נישט געגאַנגען קיין הויבל מיט אַ ציפּעקל ווי די באָבע, נאָר אַזאַ ברייטן שליף מיט אַ ווייס פאַרהענגל ביז די אויגן. זי איז שוין געווען אינגאַנצן איינגעהויקערט, געטראָטן אַ טריטל־טראָט, נאָר אַלץ געהאַט אויפן קאָפּ דעם גאַנצן יחוס פון דער משפחה, מיט אַלע קלייניקייטן, עפּעס ווי די גאַנצע משפחה וואָלט פאַר איר געשטאַנען ווי אַ בוים, מיט גרויסע און קליינע צווייגן און גאָר קליינע, זייטיקע צווייגעלעך... און צו יעדער געשעעניש האָט זי זיך געהאַט איר ווערטל, איר פאַרגלייכעניש און אַ פּסוק אָדער עפּעס אַ מדרש וואָס מומע יאָכוועדל האָט אַזוי גוט געקענט, נישט בלויז פון אירע ספרים אויף עברי־טייטש, נאָר אויך פון אָריגינאַל אין לשון־קודש.

מאַנסלייט האָבן זיך דערציילט, אַז מומע יאָכוועדל קען לערנען אַפילו אַ בלאַט גמרא, והא ראיה, אַז זי פלעגט נעמען איידעמס פאַר די טעכטער, האָט זי זיי אַליין פאַרהערט. צי דאָס איז אמת געווען, צי נישט — מיך האָט זי נישט פאַרהערט, אָבער אַ פּאָר באַמערקונגען דער באָבען וועגן מיר האָט זי יאָ געמאַכט, ווייל די באָבע האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט און האָט מיט

מומע יאָכוועדלען נישט גערעדט וועגן מיר אַנדערש אָן אָפּשפּייען פּאַר אַ גוט אויג. אָבער מומע יאָכוועדל האָט מיך עפּעס אינגאַנצן אַוועקגעמאַכט מיט איין קוק, ווייל איך בין, ערשטנס, אַ צו גרויסער שטיפער, און, צווייטנס, גיי איך אַרום און „ברום" שטענדיק; איך זינג פאַר זיך אַלערליי אויסגעטראַכטע ניגונים, און, דריטנס, פאַרגאַפּע איך זיך צופיל און הער נישט וואָס מ׳רעדט צו מיר.

דער זיידע אַפילו, וואָס אַזוי מאַכט ער נישט קיין צימעס מיט קיין געסט, ווייל ער איז שטענדיק פאַרנומען אין לערנען, האָט אויך שטאַרק מכבד געווען מומע יאָכוועדלען, גערעדט צו איר שטילער ווי שטענדיק, אונטערגעטראָגן אַ שטול און זיך געלאָזט אָנריידן פון דער באָבען צו מאַכן אַ שטיקל סעודה לכבוד מומע יאָכוועדל, כאָטש דער זיידע מאַכט נאָר אַזעלכע סאָרטן סעודות מיט רופן געסט בלויז ווען ער מאַכט אַ סיום־הש״ס.

כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגל פון אַ יאָר ניין, נאָר כ׳האָב לויט מומע יאָכוועדלס רייד שוין פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז זי מבטל די גאַנצע וועלט, די נייע וועלט מיט די „נייעסן" אויף איר שטייגער, די באַן, די „סאַמעכאָדן", מיט דער עלעקטריע, ווייל דאָס אַלץ איז אַן אויגן־פאַרבלענדעניש; און אַז מען פלעגט אַמאָל פאָרן אויף בוידן גאַנצע טעג איז געווען אַ סך שענער, און אַז די בליץ־לאָמפּן אויף נאָפט האָבן צוגעגעבן די שטיבער אַ סך מער חן ווי די עלעקטריע, און אַז די היינטיקע דאָקטאָריע איז נישט ווערט אַ שמעק טאַבאַק, ווייל עס קומט אַלץ נישט צום אַמאָל, ווען מיט יעדן דאָקטער איז מיטגעגאַנגען דער מלאך רפאל...

ווייס איך נישט פאַרוואָס דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז מיינע זכרונות וועגן מומע יאָכוועדל, זאָלן פאַרבונדן זיין מיט אַזאַ שרעקלעכער פּאַסירונג, וואָס האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל אויף מיין גאַנצן לעבן. ס׳איז פאַרבונדן געווען מיט מומע יאָכוועדלס טויט. און געשטאָרבן איז מומע יאָכוועדל עפּעס אויך אַזוי אויסטערליש, ווי זי האָט געלעבט, אין אַ דאָרף, אויפן וועג אַהיים, ווו זי האָט באַזוכט אַ צווייגל פון איר משפחה.

און כאָטש אין דעם דאָזיקן דאָרף איז געווען אַ יידישער בית־עולם, האָט מען געבראַכט מומע יאָכוועדלען צו אונדז אין שטעטל, און מען האָט

געמאַכט אַ גרויסע לוויה, ווי זי האָט זיך פאַרדינט, און מ׳האָט איר מספּיד געווען, און געגעבן אַ בכבודיקן אָרט אויפן בית־עולם. נאָר וואָס דען? איי־דער וואָס ווען, האָט מען דער מומע יאָכוועדלען אָוועקגעלייגט אויף דער ערד, ערגעץ אין אַ שטוב מיט אָנגעצונדענע ליכט אַרום איר טויטן גוף, און כדי אָפּצוהיטן איר פּאָר מייז וואָס לאָקערן, ווי דער שטייגער, אויף יעדער טויטער זאַך, האָט אַלע מאָל אַן אַנדערער פון דער משפחה געהאַלטן וואַך.

און ווי אויסטערליש עס זאָל נישט זיין, האָט מיך די באָבע אויך גע־שיקט אונטערצוזיצן אַ שעה מיט דער טויטער מומען, עס זאָל מיר זיין אַ מצווה, און מומע יאָכוועדל זאָל מיט איר צדקות דערגרייכן פאַר מיר אַ זכות, וויל איך בין פון קינדוויז אָן געפּרווט געוואָרן מיט קראַנקייטן, און נישט איין מאָל האָט די באָבע געריסן קברים אויפן אַלטן בית־עולם צוליב מיר...

בין איך מיט גרויס שרעק אויסגעשטאַנען מיין שעה מיט דער טויטער מומען יאָכוועדל, און אַלע שרעקלעכע מעשיות וואָס כ׳האָב זיך נאָר אַלץ אָנגעהערט וועגן מתים אין דער שיל ביינאַכט, און וועגן גלגולים און שדים און רוחות, זענען מיר געקומען קאַפּויר. מומע יאָכוועדל איז געלעגן אי־בער׳גערעקט מיט אַ וויסן ליילעך, מיט אַ צינענעם טעלער מיט זאַלץ אויפן בויך, זי זאָל נישט שוועלן; אַלע ליכט־פלעמעלעך אַרום איר האָבן עפּעס געלויכטן ווי פון איר אַרויס, זיך געוואַקלט, געטריפט ווי אירע רייד פונעם אָנצייניקן מויל. דאָס שטומע ליגעניש האָט זיך ווי באַוועגט יעדעס מאָל און מיך כסדר געשראָקן. איך האָב געוואַרט עמיץ זאָל אַריינקומען מיך איבער־בייטן, אָבער קיינער איז נישט געקומען. כ׳האָב געפּרווט אַרויסקוקן דורך די שויבן, אָבער דאָרט האָט די נאַכט ווי גערייצט זיך מיט מיר, געוויזן מיר פאַרשידענע שטיק, בייזע אָפּטועניש, פאַרשידענע שפּיצלעך, אָבער איך האָב אויסגעהאַלטן דעם נסיון און אויסגעשטאַנען די שעה.

מילא, ביי דער באָבען האָב איך זיך דערפאַר פשוט איינגעקויפט גלייך עולם־הבא. צי די מומע יאָכוועדל האָט טאַקע אויסגעפּועלט אַ זכות פאַר מיר — ווייס איך נישט, אָבער עפּעס איז מיין כאַראַקטער אַביסל פאַר־שטייפט געוואָרן. איך בין שפּעטער גרייט געווען צו וועטן זיך מיט יינגלעך

אויף גיין אַליין אויפן בית־עולם און איבערלאָזן אַ סימן... זיך מער נישט געשראָקן פאַר ראובן דעם אייזנקרעמערס מעשיות, און שפעטער, שפעטער אין אַזוי פיל יאָרן אַרום, עק וועלט, אין די לאַגערן נישט משוגע געוואָרן ביים אָנבליק פון אַזוי פיל טויטן...

ווער ווייסט, אפשר איז דאָס טאַקע געווען מומע יאָכוועדלס זכות?...

# פּ ע ר ל

ס'איז שוין קיין סוד נישט געווען, אַז מסיע גאָלדשמיד, וואָס איז אַראָפּ־געקומען אין זיין היים־שטעטל זיך זען מיט זיין מוטער, האָט נישט געהאַט דערביי אַזאַ אידעלע כוונה. עס איז אים גיכער געגאַנגען אין איינהאַנדלען אַביסל ביזשוטעריע ביי די פון קריזיס־געליטענע ייִדן.

הגם לפנים האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ בעל־טובה, וואָס איז געקו־מען באַגליקן ס'שטעטל; געגעבן דעם און יענעם אַ פּאָר זלאָטעס, און זיך געהאַלטן אין איין לאָזן מאַכן מי־שברכס. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אים אַ געטראָגעריי פון חפצים: אויערינגלעך, בראַזלעטן, קייטעלעך און זייגער־לעך. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מלאך־הגואל, ווי אויף אַן אויס־לייזער. און מסיע גאָלדשמיד איז געשטאַנען מיט זיין בינאָקל, באַטראַכטנ־דיק יעדן חפץ מיט גרינגשאַצונג:

— ע, מאַדאַם, אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט! ביי אייך אין פּוילן מיינט מען מי־יודע וויפל דאָס איז ווערט. אין בעלגיע האַלט מען נישט פון אַזעל־כע זאַכן... פון דעסט וועגן, צען זלאָטעס פאַר די אויערינגלעך קען איך אייך געבן.

אַלטע בכבודיקע ייִדן האָבן געבראַכט זייערע גאָלדענע זייגערס. מען האָט געזוכט און גענישטערט אין די שטובן, ווי פאַר פּסח, אין יעדן שפּאַ־רעלע און ווינקעלע. און די שמחה איז גרויס געווען, ווען מען האָט אַ נייעם חפץ „אַנטדעקט". מען האָט דאָס שנעל אַוועקגעטראָגן.

***

נאָר איינע איז אין שטעטל געווען, וואָס האָט דעם מסיע גאָלדשמיד נישט געוואָלט קוקן אין זיין פּנים אַריין: „אַלטעלע די סקלאַדניצע".

צוויי זאַכן זענען אַלטעלען געבליבן פון דער אַמאָליקער בגידישאַפט: דער צונאָמען „די סקלאַדניצע", צוליבן גרויסן צוקער־סקלאַד, וואָס אַלטע־לע האָט אין אירע גוטע צייטן געפירט, און אַ שנור אָרלעאַנער פּערל.

אַלטעלעס פערל האָבן אַ שם געהאַט אין שטעטל. אַ יחוס־שנור גע־וועזן, אַ ירושה פון אַ צענדליק דורות... דור נאָך דור האָבן מאַמעס די קינ־דער צו דער חופּה די שנור פערל איבערגעגעבן, און מיט אַ טרער באַ־נעצט:

— אָ, גיי, מיין קינד, דערין אין נחת און אין גדולה, אין עושר און אין כבוד. זאָלסט דערלעבן דיינע קינדער צו דער חופּה פירן, און די עלטערן אין דער ערד זאָלן זיך נישט שעמען מיט אייך.

אַלטעלע געדענקט נאָך ווי איר מאַמע, עליה־השלום, האָט איר די ווער־טער אין אויער געשעפּטשעט.

וויפל וואַסערן זענען זינט יענער צייט אָפּגעלאָפן!

אַ מאַן געהאַט, אַ תכשיט, דער גרעסטער למדן אין שטעטל, אַ פייער־דיקער קאָפּ. אַלטעלע האָט אַלע געשעפטן געפירט, כדי דער מאַן זאָל קע־נען זיצן און לערנען רויק. איז ער, נעבעך, יונגערהייט פון דער וועלט אַוועק. פון די צוויי זין, די געבליבענע נאָכן פאָטער, האָט זי אויך קיין נחת נישט געהאַט.ביידע האָבן אין דער פרעמד חתונה געהאַט. ביי איינעם האַלטן זיך די קינדער נישט; ביים צווייטן איז נישט פויגלדיק, אַן אָרעמאַן!

און אַלטעלע אַליין?

דעם גיהנום האָט זי דורכגעמאַכט. פון איר מסחר האָט די מלחמה אַ תל געמאַכט. אין אָנהייב האָט זי זיך נאָך געראַנגלט. עס איז קלענער גע־וואָרן דער פאַרקויף און קיין פאַדריאַדן זענען שוין נישט אונטערגעקומען. ביי איינצל־פאַרקויף געבליבן. אָבער מען האָט גייך געלעבט, נאָך פרנסה געהאַט, ישיבה־בחורים אויסגעהאַלטן, אָרעמע כלהס צו דער חופּה געפירט און אויסשטייער נאָך געגעבן. שפּעטער, אָבער, פון אַלעם איז אַ באַרג אַש פאַרבליבן. די שטעטלדיקע שריפה האָט אויך איר קראָם נישט געשוינט. מ׳האָט אַ פעדער נישט באַוויזן אַרויסצוראַטעווען. אַביסל געלט איז נאָך פאַרבליבן. האָט מען געגעסן און עס אויפגעצערט.

דאָס איינציקע פון איר גאַנצן פאַרמעגן, און דער אָנדענק פון איר פאַרגאַנגענעם גליק, איז דער שנור פערל.

ווי אַן אוצר היט זי אָפּ, אַלטעלע, דעם שנור פערל, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

ווען־נאָר־ווען באַצירט זי דערמיט אַן אָרעמע כלה צו דער חופּה, פון מצווה וועגן. אָפּט זיצט אַלטעלע איבער די פּערל און באַנעצט זיי מיט טרערן.

איר גאַנץ אָפּגעלעבט לעבן קומט איר דאַן אַרויס! ווי קיילעכדיק דאָס גליק איז! ווי עס דרייט זיך עס אויף דער וועלט!

ווי לאַנג, אַז אַלטעלע איז די גרעסטע נגידיתטע געווען אין שטעטל? ווי לאַנג איז, ווי מיט אירס אַ וואָרט האָט זיך אַפּילו באַטשאַלסטוואַ גע־רעכנט?! ניין, זי קען בײַ זיך נישט פּועלן צו גיין צו גאָלדשמידן. זאָל ער באַדאַי שיקן נאָך איר; זי וועט נישט גיין!

ניין, זי וועט די פּערל נישט פאַרקויפן. זאָל ער איר אַפּילו וועלן אָפּ־גילטן דערפאַר. אויסגיין וועט זי אַזוי מיט די פּערל בײַ דער זייט.

זי וועט זיך נישט דערנידעריקן פאַר אים, דעם אויפגעקומענעם גביר. דרך־ארץ זאָל ער האָבן פאַר איר, דרך־ארץ פאַר איר יחוס!

**
*

אָבער גאָלדשמיד קען זײַנע קליענטן. ער איז אַ דורכגעטריבענער יונג! עטלעכע מאָל האָט ער געשיקט נאָך אַלטעלען, ווי נאָר ער האָט דער־שנאַפּט, אַז בײַ דער סקלאַדניצע זענען עכטע אָרלעאַנער פּערל פאַראַן. צו־געזאָגט מעקלעריי, געשיקט נאָך איר יידן מיט יידענעס. און אַז אַלטעלע איז נישט געקומען, האָט ער זיך נישט געפּוילט און אַליין אַריבערגעגאַנגען צו איר!

— גוט מאָרגן, אַלטעלע. איר קענט מיך גאָרנישט? נישט דערקענט שלום־יודלס זון? איך האָב דאָך בײַ אײַער מאַן געלערנט. כ׳בין געקומען געוווּיר ווערן וואָס איר מאַכט.

אַלטעלע מאַכט זיך נישט ווויסנדיק, ווי נישט איר מיינט מען. זי ווייסט גאָלדשמידס טריפהנע כוונה, דעם ציל פון זײַן קומען. זי ווייסט, אַז אויס־נאַרן די פּערל קומט ער איצט. מאַכט זי זיך צורוימען די שטוב, און באַ־מיט זיך אויסצומײַדן צו ענטפערן.

אָבער גאָלדשמיד רוט נישט. אַ געפּערלעכער סוחר, דער מסיע גאָלד־שמיד. נישט אומזיסט און נישט אַזוי לײַכט האָט ער זיך אַזאַ פאַרמעגן גע־מאַכט.

זעענדיק פאַר זיך מיט וועמען ער האָט צו טאָן, אַז דאָ קען מען זיך נישט שפּילן, — האָט ער באַשלאָסן אויפצודעקן די קאָרטן.

— כ'האָב געהערט, אַלטעלע, אַז ס'איז אייך געבליבן אַ שנור פּערל. אייך וועט עס דאָך נישט נוצן. שוין אויף דער עלטער. איך וואָלט אייך גוט באַצאָלט פאַר זיי. וואָלט מען געקענט אַ קוק טאָן ווי זיי זעען אויס?

דאָס גאַנצע בלוט איז אַלטעלען געקומען אין פּנים אַריין. אַ ווילן האָט פּלוצים אין איר אַ שפּאַר געטאָן, אַ ווילן אָנצונעמען דעם דאָזיקן פאַרשווין און אים אַרויסצוּוואַרפן ווי אַ הונט, ווי זי האָט דאָס געטאָן אין די אַלטע גוטע צייטן מיט די שיכורע קאָזאַקן, וואָס פלעגן קומען אַ וואָיעווע טאָן אין סקלאַד. אַפילו דער סאַמאָראָדנער „סטאַרשע" האָט פאַר איר דאָך געציטערט!

אָבער פאַרוואָס איז זי אַזוי פּלוצים אָנמעכטיק געוואָרן? פאַרוואָס הערט זי אַזוי די זיסע צוזאָגן פון דעם מסיע גאָלדשמיד?

זאָל דאָס זיין די צוויי טעג, וואָס זי האָט שוין אַפילו קיין ביסן ברויט נישט געהאַט אין איר מויל? אָדער גאָר די זאָרג פאַר די ישיבה־בחורים, פאַר וועמען זי האָט געוואָלט מאַכן אַ סעודה פאַר דעם געלט, אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן?

און געדאַנקען קומען איר אין קאָפּ:

...זי וועט נישט קלערן וואָס שפּעטער וועט זיין. פון דער קיך וועט זיך טראָגן דער היימישער ריח פון גוט געקעכטס. עס וועט שמעקן אין די ווינקעלעך. זי וועט צוריק ווערן אַ נגידיתטע. אַ פּאָר וואָכן וועט זי נאָך פילן דעם טעם פון אַמאָליקער רייכקייט. אָרעמעלייט וועט זי געניגן טאָן. אַ פּאָר שבתים כאָטש וועט זי אורחים נעמען. זאָלן זיי וויסן ווער אַלטעלע איז. שוין באַלד פאַרגעסן אין אַלטעלען. אַפילו דער גבאי פון די ארץ־ישר־אלדיקע פּושקעס שמעקט שוין אויך נישט אַריין אַ קוק טאָן, צי עס געפינט זיך נישט עפּעס אין דער פּושקע. אָ, זי וועט צו להכעיס פאַר ליכט־צינדן אַריינוואַרפן אַ גאַנצן זילבערנעם גולדן, און שפּעטער דעם גבאי, ראובן־משהס, אַריינרופן!

— נו, זעסטו, אַז אַלטעלע האָט אויך אַ פּושקע פון ר' מאיר־בעל־הנס. נו, גיט נאָר אָקאָרשט אַ קוק. עס דאַרף עפּעס זיין...

און שרהלען, דער אַמאָליקער דינסט אירער, וועט זי רופן, דאָס מיידל, ווען זי האָט אויף אַן אויסשטייער געגעבן, די יתומה, וואָס זי האָט צו דער חופה געפירט. זי וועט איר רופן, בעטן איר נעמען עפּעס אַ לאָבעכטס פאַר איר מאַן, דעם בעל־מלאָכה. זאָל זי אויך וויסן, אַז אַלטעלע לעבט נאָך, די אַמאָליקע אַלטעלע.

***

און לאַנג, האָט גאָלדשמיד אַזעלכע געשעפטן נישט געמאַכט, ווי ביי אַלטעלען דער סקלאַדניצע מיט די פּערל אירע. נישט גענוג נאָך וואָס ער האָט די פּערל נישט באַקומען, — האָט ער נאָך געמוזט באַצאָלן פאַר אַ דאָקטער אויך.

אַן איינפאַל פון אַ ייִדענע!

געבליבן שטיין פאַרקלערט אין מיטן שטוב. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט גייט זי צו צום קאָמאָד און נעמט אַרויס די פּערל. אירע אויגן, דאַכט זיך, האָבן שוין מסכים געווען צום מסחר. און פּלוצים! באַך! אַלטעלע איז געפאַלן אויף דער ערד. די אויגן פאַרגלייזט. דאָס בלוט איז אַזש ביי אים פאַרגליווערט געוואָרן.

די צוויי טעג הונגער האָבן, הפּנים, געטאָן זייערס... עס איז אַן אָנגעלויף געוואָרן. מען האָט אַ דאָקטער גערופן.

— דערשעפּט! — האָט דער דאָקטער אָפּגעפּסקנט, און פאַרשריבן אַ רפואה. און פאַר אַלעם האָט מסיע גאָלדשמיד געמוזט באַצאָלן. עס האָט דאָך נישט געפּאַסט.

שוין איין מאָל אַ מסחר געמאַכט!...

דערפאַר, אָבער, איז אַלטעלע גליקלעך וואָס די פּערל זענען ביי איר געבליבן; זיי וואָלטן שוין אַוודאי ביי גאָלדשמידן געווען, ווען נישט איר חלשן.

ווען זי איז צו זיך געקומען, זענען אירע ערשטע רייד געווען:

— די פּערל.

און מען האָט פאַר איר געמוזט אַרויסנעמען די פּערל פון קאָמאָד און

זיי איר דערלאַנגען. אַלטעלע האָט די פּערל צו זיך געטוליעט, ווי מען טו־ליעט קינדער, ווען זיי ווערן פאַרבלאָנדזשעט און מען געפינט זיי צוריק.

אַז מ׳האָט איר געפרעגט וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, פאַרוואָס זי האָט געחלשט, האָט זי געענטפערט תמימותדיק:

— גאָט האָט מיך געשטראָפט. איך האָב די פּערל שוין געוואָלט פאַר־קויפן. אַ זינדיקער געדאַנק געווען. מען דאַרף האָבן בטחון!

# ביי דער מומע מאַליען

די אַלטע מיל, די ירושה פון עלטער־זיידן ר׳ מאיר מילנער, שטייט אַן עובר־בטלדיקע, פאַרוואַקסן מיט גרינעם מאָך; זי איז איינגעבויגן און די פליגלען אירע זענען מיד און מאַט אַראָפּגעלאָזן נידעריק צו דער ערד, ווי די אַלטע, אויסגעדאַרטע הענט פון אַ זקן.

דאָ נישט ווייט שטייט שוין פון לאַנגע יאָרן די פאַראָווע מיל פון די שותפים „מאַסס" און שלעפּערט איין די פּאָר צענדליק הייזער אַרום מיטן איינטאָניקן קרעכצל פון מאָטאָר: ראָנדאַם, ראָנדאַם, ראָנדאַם, ראָנדאַם; נאָר דאָס הויז, דעם עלטער־זיידנס, שטייט נאָך: אַן איינשטאָקיק הויז, אין וועלכן עס וווינט איצט די מומע מאַליע.

...אַמאָל, אַמאָל, — דערציילט מען, — איז דאָ געווען פריילעך: אויף די ווענט אין פאָדערהויז זענען געהאַנגען געטריקנטע פליישן, זענען געשטאַנען פעסער מיט אָקעוויט, און די בוידן וואָס פלעגן פאָרן צו רביים אויף יום־טובים האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט. דער עלטער־זיידע פלעגט די חסידים טיילן פלייש מיט אָקעוויט אומזיסט.

היינט עפענען זיך דאָ די טירן הייזעריק, אויף די פאַרזשאַווערטע זאַוויעסעס. מומע מאַליע האַלט דאָ אַ קליינע גאָרקיך. אויפן טונבענקל זענען אָנגעשטעלט פלעשער בראָנפן און ווייגען און די לופט איז שטענדיק פול מיטן ריח פון געבראָטנס. און אַרום הויז שפּאַצירן אַרום גענדז, קאַטשקעס, היגער, אינדיקעס און קוואָקען און פאַרצ:יען אַזעלכע גאָרגלדיקע געביי־זערס און „האָלדער־האָלדערס", אַזאַ שטייגער, ווי אויסער זיי וואָלט גאָר נישט געווען אויף דער וועלט...

הענער צעקרייען זיך אין די בייטאָגן, ווי זיי וואָלטן געווען די אויס־דריקער פונעם אַרומיקן אומעט, וואָס זוכט פאַר זיך ווערטער.

דאָס הויז איז דאָס לעצטע אין שטעטל. דאָס ביסל געטומל טוליעט זיך צום ליידיקן פעלד, וואָס פירט צום נייעם בית־עולם.

אָפּט גייען דאָ פּאַרביי לוויות, און צדוקל פון דער „חברה־קדישא״, קלאַפּט מיט דער בלעכענער קוואָרט דעם „צדקה תציל ממות״. צוריקוועגס פון בית־עולם וואַשן זיך ייִדן די הענט פונעם עמער וואַסער, וואָס די מומע מאַליע האָט דאָ אָנגעגרייט ביי דער טיר.

פון דעסט וועגן, איז אינעווייניק שטענדיק לעבעדיק. אויסער די פּויע־רים וואָס ברענגען זייערע תבואות צום מאָלן און כאַפּן זיך דערווייל אַריין אין דער גאָרקיך עפּעס אויסטרינקען און פאַרבייסן, זענען דאָ אָפּטע געסט די טרעגער, וואָס פאַרנעמען זיך ביי דער מיל מיט אָנלאָדן מעל אויף די וועגענער פאַר די שטאָטישע מעל־סוחרים.

אַברהמל טרעגער מיטן זון זיינעם, חיים, צוויי נידעריקע קיילעכדיקע ייִדן, מיט לאַנגע געלע בערד, אַז מ׳דערקענט נישט ווער טאַטע און ווער זון איז, קומען אַריין מיט שטריק אויף די פּאַרמעליקטע, אויסגעריבענע בלוזעס. מ׳זיצט ביי אַ באַזונדער טישל און מ׳נעמט בלויז צו האַלבע גלע־זער בראָנפן מיט געגנדזענע פּופּיקלעך אויף צו פאַרבייסן (מאָלצייט דאַרפן אָרנטלעכע מענטשן עסן אין שטוב!).

די איבעריקע טרעגער, הערשעלע פּאָנפּע, בערל ניאָניע און איציקל מיט איין האַנט זיצן באַזונדער.

אַז מ׳איז שוין אַביסל באַטרונקען, פאַרגעסט מען דעם יחוס, און אַב־רהמל טרעגער שטייט שוין אָן זיך צוצוזעצן צו בערל מיט דער גראָבער נאָז, כאָטש גאַנץ שטעטל ווייסט, אַז בערל לעבט נישט בלויז פון ערלעכער פּראַצע; ער האָט דאָס בירושה פון טאַטן זיינעם, די „אייזערנע הענטשקע״, וואָס פלעגט נישט איין מאָל איינברעכן קראָמען און זיך נאָך פאַרנומען מיט פּאַסעריי.

אַברהמל גייט ביי אים מאָנען „יאַהאַנדעס״; ווי לאַנג איז טאַקע דער שיעור זיך אַרומצורייסן און קאָנקורירן? איז שוין נישט צייט צו מאַכן „יד־אחת״? ס׳גייט אים נישט, אַברהמלען אין זיין אייגענער פּרנסה, אָבער ביי היימען, דעם זון זיינעם, וואָס האָט ערשט פאַר־דריי־יאָרן חתונה געהאַט מיט קריינדלען, די דינסט ביי שמשון בעקער, שיטן זיך די קינדער ווי באָב... עס זענען שוין דאָ דריי קליינוואַרג און זי איז שוין פאַרגאַנגען מיט אַ פּערטן.

בערל, וואָס האָט אַ טבע פאַר אַ ליאַדע וואָס צו שעלטן מיט טויטע קללות, האָט ערשט נישט וועמען צו שעלטן, ווייל אַברהמל האָט זיך איצט צוגעזעצט צו אים אַרבל צו אַרבל, ווי אַ גוטער פריינד, לאָזט ער אויס דעם כעס צו דער טאָכטער זיינער, רבקהן, די צעפּלאָשעטע מויד, וואָס פירט אויף בוידן קיין וואַרשע געגנדז און פון די דאָזיקע נסיעות האָט זי מיטגע־בראַכט אַ ממזר אין בויך.

— אַז די כאָליערע זאָל לייגן אַזעלכע טעכטער! ס׳גאַנצע לעבן גע־וואַרט אויף אַן אייניקל און עס דערלעבט נישט חתונה צו האָבן און שלעפּט זיך דאָרט אַרום גאַנצע טעג מיט קאַטערינאַזשעס און אַ גראָשן פון איר זעט מען נישט פאַר די אויגן.

אָבער באַלד פאַרזשמורעט בערל אַן אויג, כאַפּט אַ קוק אויפן בילד פון פאַרשטאָרבענעם מאַן, דער מומע מאַליעס, דעם פעטער בן־ציון, וואָס הענגט אויף אַ וואַנט, אַ שיינער ייִד מיט אַ גרויער, צעקעמטער באָרד איןביידע זייטן, מיט אַ קיילעכדיקער זיידענער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ; דאָס בילד גיט דער שטוב צו חשיבות.

בערל דערמאָנט זיך, אַז ס׳גייט צו ימים־נוראים, ווען ער, בערל, זאָגט אַזוי פאַרכטיק דעם „ונתנה תוקף״, אַז דעם מענטשנס לעבן, מ׳שטיינס גע־זאָגט, איז בלאָטע, אַז דאָס גאַנצע האָוועניש איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי, היינט לעבסטו, מאָרגן שטאַרבסטו, — איז ער גלייך מסכים מיט אַברהמלען, באַקומט גלייך אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ״ פון די איבעריקע טרעגערס, און הייסט גלייך באַשטעלן צו נאָך האַלבע גלעזער בראָנפן און צו פערטל געענדזנס.

בערל פאַרגעסט איצט אַלע פּרעטענזיעס צו אַברהמלען מיטן זון, אַלע קללות וואָס ער האָט אים אויסגעשאָלטן, ווען מ׳האָט קאָנקורירט צווישן זיך, און פון גרויס גוטסקייט פאַרקלעמט אים ס׳האַרץ אויפן גורל פון דער טאָכטער זיינער, רבקה:

— נו, זאָג, אַברהמל, וואָס וועט פון אַזעלכעס ווערן? ס׳וועט איין מאָל אָוועקפאָרן קיין וואַרשע און מער נישט צוריק קומען, ס׳וועט זיך אַרומ־דרייען ביינאַכט אויף די גאַסן, ווי ביי אונדז דאָ יאַדוויגע די נאַפקע. דערנאָך וועט עס פאַרפוילט ווערן ווי אַ פאַרפוילטער עפּל.

— כ׳האָב פאַר איר אַ שידוך, — איז אַברהמל גוט ווי צו אַ געשוויר צוצולייגן, — בענצל קאַטערינאַזש, ער מאַכט שטיקער גאָלד אויף די יאַרידן, מיט דעם פּאַפּוגיי זיינעם מאַכט ער שטיק־קער ג־אָל־ד — זאָג איך דיר. — — —

אַז מ׳האָט שוין נאָך אַמאָל אויסגעטרונקען און פאַרביסן, דערגרעדט מען זיך, אַז מ׳וועט זיך נישט גלויבן אויפן וואָרט, אַז מ׳וועט מאַכן אַ כתב ביי יאָסעלע שרייבער, עס זאָל זיין „שוואַרץ אויף ווייס״ און טאַקע מיט אַ חתימה אויך, אַז מ׳זאָל נישט קענען דרייען, און מ׳וועט טאַקע העכערן דעם פרייז מיט פינף גראָשן אויף יעדן זעקל, סיי אין דער מיל, סיי ביי די סוחרים אין שטאָט, געגוג אויסגעריסן זיך די קישקעס מיט די שווערע זעק פאַר חצי־חינם!

און פילנדיק זיך שטייפער און שוין גאָר בגילופין, כאַפּט זיך ערשט בערל ניאָניע צו צום לאַנגן טיש, ביי וועלכן עס זיצן פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און רויכערן זייערע לאַנגע מאַכאָרקע־ציגאַרן; ער זאָגט זיי אָן דעם נייעם פרייז פון אָנלאָדן מעל אויף זייערע וועגענער.

סטעפּאַן, אַ הויכער פּויער, מיט לאַנגע וואָנצעס, מיט רויטע באַזויפּענע אויגן, שפּאַרט זיך איין:

— ניע דאַם גראָסאַ וויענצעי, — ער וועט אַ גראָשן מער נישט געבן און טו אים עפּעס...

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — און בערל פּאַקט אים גלייך אויס די מעשה מיטן גלח מאַצאָך, וואָס האָט אין טשענסטאָכאָוו אַרויסגעגנבעט די ברילי־אַנטענע אויגן פון מאַריען, אָט די דאָזיקע מעשה — אונדזער איינציק געווער און ענטפער, ווען אַ שייגעץ פּלעגט אונדז, חדר־יינגלעך, נאָכשרייען „ביילים״.

ביי סטעפּאַנען צעקאָכט זיך דאָס בלוט און ער גיט אַ הייב אויף און אַ צענעם די ידים, נאָר בערל גיט באַלד אַ ווונק צו „שמעון ולוי״, הערשעלע פאַנפע און איציקל מיט איין האַנט. הערשעלע גיט זיך באַלד אַ שטעל אַוועק אין דער גאַנצער גרויס קעגן סטעפּאַנען און מיט זיין פאַנפעוואַטער שטים רופט ער אים אַרויס:

— נו, נו, זאַטשינאַי טילקאָ, יאַ טען זאַנציען! — (אַנו, הייב נאָר אָן, כ׳וועל דיר אַוועקלייגן).

באַלד קומען צו הילף די איבעריקע גוים און מ׳וואַרט נאָר אויפן ער־שטן קלאַפּ. — — —

זעט די מומע מאַליע, אַז ס׳איז שלעכט, אַז ס׳האַלט ביי בלוט, גייט זי אַרויס פון אונטערן טונבענקל, דאָס טשיפּיקל מיטן פעדער אויפן אָפּגע־גאָלטן קאָפּ הייבט אָן ציטערן ווי אַ געפאַנגען פייגעלע:

— נאָ פּאַנאָוויע, ראָזעישטשע שען קטאָ זאַפּלאַטשיל. (צעגייט זיך, ווער עס האָט באַצאָלט).

טרעגערס נעמען זוכן אין די אונטערשטע קעשענעס פאַרשוויצט פאַ־פירן־געלט, וואַרפן צו דער מומע מאַליען, שאַרן זיך איינס נאָך איינס אַרויס, דראָענדיק די פויערים מיט די פינגער, און טעפּאַן קלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש:

— ניע דאָם טים זשידאָם גראָסאָ וויענצעי זאַראָביאַטש. (כ׳וועל די זשידעס מער קיין גראָשן נישט געבן צו פאַרדינען). — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

פאַרביי דעם פענצטער טראָגט זיך דורך, ווי שטענדיק, ווי אַלע מאָל אַ לוויה; אַ שלאַבעריק פערד פירט דעם שוואַרצן קאַסטן און נאָך אים גייען נאָך אַ פּאָר צענדליק מענטשן און צדוקל פון דער חברה־קדישא קלאַפּט אויס מיט דער בלעכענער קוואָרט:

— צד־קה ת־צי־ל ממות.

און די מומע מאַליע פאַרהייבט די אויגן צום פאַרשטאַרבענעם מאַנס פּאָרטרעט מיט דער שטומער טענה:

— וואָלסט שוין געמעגט אויספּועלן דאָרט אַ בעסערע פּרנסה פאַר דיין ווייב...

# אַ פאַרשטערטער שבת

עס איז געווען אַ שיינער, ליכטיקער שבת־פרימאָרגן. די באָבע האָט שוין געהאַט זיך איבערגעטאָן אין איר שוואַרצן זיידענעם קלייד און אָנגעטאָן אויפן האַלדז די ירושה־פּערל, גרייטנדיק זיך אין דער ווייבער־שול צום צווייטן מנין. דעם קרבן־מנחה סידור האָט זי, ווי איר שטייגער, פאַרוויקלט אין אַ זיידענעם טוך און דערווייל זיך געפּאָרעט אַרום טשייניק מיט טיי, וועלכן איך האָב נאָר־וואָס געבראַכט פון גיטלען, וואָס קאָכט־אויף אַ קעסל וואַסער פאַר פרומע שטיבער אויף שבת.

צום גיין אין דער ווייבער־שול איז נאָך געווען גוטע צוויי שעה, האָט זי דערווייל געוואַרט אויפן ברודער זרח, וועלכער קומט אַלע שבת אין דער פרי צו דער באָבען טרינקען טיי.

ער קומט נישט אַזוי צו טרינקען טיי, ווי אויסצורעדן מיט דער באָבען אַ פּאָר ווערטער, זיך פרעגן אַן עצה. שמט דאָך די באָבע פאַר אַ גרויסער חכמה אין שטעטל: צו „מלכּה פון סקלאַד" קומען אַפילו פרעמדע מענטשן אַן עצה האַלטן.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר געעפנט און לאה די „לאַנגעגנאָזטשיכע" (אַזוי האָט מען זי אין שטעטל גערופן צוליב איר לאַנגער נאָז און צוליב אַריינשטעקן איר נאָז ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט) איז אַריינגעפאַלן, אָנגעטאָן וואָכעדיק, מיט דער פאַטשיילע איבערן קאָפּ, און אַ געשריי געטאָן:

— מלכהשי, אַן אומגליק איז דאָך געשען!

די באָבע, וואָס איז שוין צוגעוווינט געווען צו לאהס שלעכטע בשורות, וואָס זי האָט אַ טבע צו ברענגען, האָט זיך אין אָנהייב אַפילו אַ ביי־זער געטאָן אויף לאהן:

— וואָלסט שוין געמעגט אויפהערן מיט דיינע מעשיות, ס'איז דאָך היינט שבת־מברכים, מען בענטשט דאָך ראש־חודש!

האָט שוין לאה ווי פון נקמה אין דער באָבען אויסגעפּאַקט די גאַנצע נייעס פאַר אַמאָל:

— מלכהשי, אַזאַ אומגליק! זרח האָט זיך דאָך היינט דאָס לעבן גענו־מען! אין ברונעם זיך דערטרונקען!

די באָבע, וועלכע איז געשטאַנען און זיך אָלץ געפּאָרעט אַרום טשיי־ניק מיט טיי, צודעקנדיק אים מיט אַ פאַטשיילע, עס זאָל נישט קאַלט ווערן, ביז דער ברודער זרח וועט קומען, איז פלוצים ווי געליימט געוואָרן. דאָס שוואַרצע ווערצעלע אויף דער אויבערשטער ליפּ האָט גענומען ציטערן, די בלויע אויגן זענען ווי אָנגעגאָסן געוואָרן מיט שוואַרצן טינט, די פיס זענען ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן, און זי האָט אַ פאַל געטאָן אויף דער הילצער־נער סאָפע אין קיך. אָבער באַלד האָט זי זיך געשטאַרקט און ווי מיט די לעצטע כוחות אַ רעווע געטאָן:

— טפו זאָל ער ווערן, אַזאַ חרפה אויף דער משפחה!

אָבער דער כעס, וואָס די באָבע האָט אויסגעצאָרנט אויף איר ברודער דעם זון פון ר׳ מאיר מילנער, דעם אַלטן וואָרקער חסיד, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרשעמט די משפחה, איז גיך אַריבער, און אַ שניידנדיקער ווייטיק און צער האָט באַלד אַרומגענומען דער באָבעס האַרץ אויף איר יינגסטן ברודער זרח, וועלכן זי האָט נאָך דעם טאַטנס טויט אַליין אויפגעהאָדעוועט.

אַ באַזונדער ליבשאַפט האָט די באָבע געטראָגן צום ברודער אירן. ווען דער טאַטע, דער גרויסער גביר און יחסן ר׳ מאיר מילנער איז גע־שטאָרבן, איז נאָך זרח געווען אַ קליין יינגל. מיט קיין גרויסע פעיקייטן האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט און מאַכן אים פאַר אַ בעל־מלאכה האָט דער באָבען נישט געפּאַסט, האָט מען אים חתונה געמאַכט יינגערהייט. שוין ווייט נישט מיט קיין יחוסדיקער משפחה. זרח האָט זיך גענומען צו אַ שטיקל מסחר און דערלייגט געלט, גענומען זיך צו עפּעס אַנדערש און ס׳איז ווידער נישט געגאַנגען, אַזוי אַלע יאָרן. די באָבע האָט אים כסדר געהאָלפן מיט וואָס זי האָט געקענט, ביז קינדער זענען ביי אים אויפגעוואַקסן. מילא, מיט די זין איז נישט קיין דאגה. זיי האָבן געאַרבעט און נאָך געהאָלפן דעם טאַטן. אָבער פינף טעכטער האָט אויך דער פעטער זרח געהאַט, און גאָט

האָט זיי קיין שיינקייט און חן נישט געשענקט, ליגט עס אַלץ אויפן טאַטנס קאָפּ און מאַטערט און קיין נדן איז נישטאָ...

דער פעטער זרח איז קיין גרויסער למדן נישט געווען, אָבער ער איז געגאַנגען אין זיין טאַטנס דרכים. געווען גבאי אין וואַרקער חסידים־קלויז, זיך געחברט מיט שיינע ייִדן און שטום געטראָגן דעם ווייטיק אין האַרצן, וואָס ער קען די קינדער נישט גוטס טאָן. מען האָט פון אים קיינמאָל נישט געהערט ער זאָל זיך פאַר עמיצן קלאָגן, אַפילו דער באָבען האָט ער ווייניק געגעבן אָנצוהערן אויף דעם וואָס מען מאַטערט אים אין שטוב. ער פלעגט נאָר פון ציַיט צו ציַיט געבן אַזאַ טיפן קרעכץ, אויף וועלכן די באָבע פלעגט צו אים צושטיין:

— זרחשי, זאָג מיר, וואָס איז שוין עפּעס ווייטער פאָרגעקומען?

יאָ, עס איז געהאַט פאָרגעקומען, ווען אסתר, דעם פעטערס עלטסטע טאָכטער, האָט אויסגעלאָזט דאָס גאַנצע האַרץ צום טאַטן פאַרן אָפּגעלאָזטן שידוך. די גאַנצע גאַס איז זיך צונויפגעקומען און די באָבע האָט שוין דעמאָלט אַזוי שאַרף דערפילט, אַז שוין, דער גאַנצער יחוס פון איר טאַטן ר׳ מאיר מילנער איז זיך צערונען, אַט אַזוי ווי עפּעס אַ שטיקל אייז אין אַ הייסן זומער־טאָג. אָבער דער פעטער זרח האָט גאָרנישט גערעדט. ער האָט נאָר געברומט אַזוי שטילינק־שטיל עפּעס אַזאַ טרויעריק זמרל, וואָס מען זינגט ביי אים אין קלויז שבת פאַרנאַכט צום „בני היכלא״, און טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן.

אָבער ווער זאָל זיך ריכטן אויף אַזאַ אומגליק?

... עפּעס ווי מען וואָלט אין אַ לאָמפּ אַראָפּגעדרייט דעם קנויט, אַזוי איז דער ליכטיקער זומערדיקער שבת־פרימאָרגן אויסגעלאָשן געוואָרן. די באָבע איז שוין נישט געגאַנגען אין דער וויבער־שול, נאָר זיך פאַרקליבן אין איר אַלקערל, זיך געשעמט אַפילו פאַרן זיידן אַליין די אויגן וויזן. זי האָט נאָר בלויז מיר באַפוילן צו ברענגען דעם טשאָלנט:

— נעם זיך אַליין עסן, איך קען נישט גאָרנישט, איך קען נישט. עס פאַלט מיר פון די הענט.

די בייזע נייעס, אַז פעטער זרח האָט זיך אַ מעשה אָנגעטאָן, איז זיך גיך פאַנאַנדערגעלאָפן איבער דעם שטעטל. דוכט זיך, ווי קומט צו מיין

באָבען שונאים? ס׳גאַנצע לעבן לעבט זי דאָך נאָר פאַר יענעם און קען דאָך אין אַ מיטן טאָג פאַרמאַכן די קראָם און אַרומגיין צונויפנעמען אויף הכנסת כלה, אָדער אַזוי אויף צדקה מתן־בסתר פאַר אַן אָרימען קראַנקן? אָבער זעט איר דאָך, אַז אַפילו די באָבע האָט זיך אירע נישט־פאַרגינער און מען האַלט אַ גאַנצן שבת־טאָג אין איין קלאַפּן אין טיר, סטאַרענדיק זיך איר וויי צו טאָן. אַ גאַנצן שבת־טאָג האָט די באָבע, צוליבן כבוד פון שבת, קיין טרער נישט געלאָזט, זי האָט אָפּגעדאַוונט אין שטוב און מיט אַלע כוחות זיך געגייט עפּעס צו עסן. בלויז מוצאי־שבת האָט זי פאַרשלאָסן די שטוב און אַוועק צום פעטער זרחס הויז.

איך בין איר נאָכגעגאַנגען איבער אַ פּלאַנטער פון געסלעך ביז צום געסל, וואָס פירט צום בית־עולם, ווו דער פעטער זרח האָט געוווינט. אויפן הויפל איז געשטאַנען אַ בערגל יידן אַרום ברונעם, ווו פעטער זרח האָט זיך אַרייַנגעוואָרפן. אין שטוב איז דער פעטער זרח געלעגן אויפן דיל אַ נאַסער, איבערגעדעקט מיט דער זיידענער שבתדיקער קאַפּאָטע, אַרומגערינגלט מיט קאַפּטשענדיקע ליכט. די לופט איז פול געווען מיט די געוויינען פון וויב און טעכטער. און דעמאָלט ערשט האָט די באָבע, וואָס האָט אַ גאַנצן שבת־דיקן טאָג זיך באַמיט קיין קרעכץ נישט צו טאָן, אויסגעבראָכן אין אַזאַ געיאָמער, ווי זי וואָלט דאָ באַוויינט נישט בלויז דעם ברודער אירן, וואָס האָט אַזוי ווייט און פרעמד צו די זיטן פון דער משפּחה דאָס לעבן געענדיקט, נאָר אויך איר יחוסדיקן שטאָם, וואָס איז ערשט ווי אַ בוים אונטערגעהאַקט געוואָרן.

צוריקגעגאַנגען אַהיים בין איך שפּעט. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, דער בית־עולם, וואָס איז נאָך אַזוי ווייט, איז ווי נעענטער געוואָרן. די באָבע האָט מיך געהאַלטן ביי דער האַנט, ווי מורא האָבנדיק פאַר מיר, איך זאָל נישט פאַרשלעפּט ווערן פון די קליפּות וואָס געוועלטיקן אין דער פינצטערניש דאָ אַרום.

# זיסל

אַז מען פלעגט מיך פרעגן ווען איך האָב בעסער ליב — דער באָבען צי דעם זיידן — פלעג איך גלייך ענטפערן:

— דער באָבען!

ווייל דער באָבעס גוטסקייט צו מיר איז דאָך טאַקע געווען אָן אַ גרענעץ.

איך האָב דער באָבען אַזוי ליב געהאַט, אַז ווען מען פלעגט מיך פרעגן פון וואָס פאַר אַ זייט זעמל מען זאָל מיר אָנשמירן מיט פוטער — פלעג איך ענטפערן:

— פון דער באָבעס זייט...

פון דער באָבעס זייט האָט געהייסן, די אויבערשטע, ווייכע, גלאַנצי־קע טייל...

אָבער אַז מען פלעגט מיך פרעגן, וועמען איך האָב בעסער ליב, דער באָבען צי משה נחום דעם שלאָסערס ווייב, אונדזער שכנה, האָב איך זיך שוין געררויטלט און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן; ס׳איז דערפאַר, ווייל ביי משה נחומען אין שטוב בין איך מער געווען ווי ביי דער באָבען, און משה נחומס ווייב, זיסל, פלעגט מיר אָנווינטשן אַזויפיל ברכות, אַז מיר פלעגט אַזש ווערן פריקרע, ווי איך וואָלט טרינקען צו זיסע פלוימען־יויך.

ווי נעמט זיך עס צו אַ יידענע אַזוי פיל ברכות?

זיסל איז טאַקע געווען אַ גאָלדענע נשמה און קיינמאָל האָט מען קיין קללה פון איר מויל נישט געהערט, אַפילו אויף שונאים, אָבער צו מיר איז זי געווען אַזוי גוט, ווי צו איר בן־יחיד און נאָך מער, ווי איך וועל עס טאַ־קע ווייטער באַשרייבן.

משה נחום דער שלאָסער האָט געוווינט אין דער אַלטערטשיכעס הייזל ביי אונדז אויפן הויף.

אַזוי זענען איינגעטיילט געווען די הייזער ביי אונדז אין שמאָלן הויף:

דאָס פּראָנט־הויז, וואָס גייט אַרויס אין מאַרק, רופט מען דער קאָטעכטשי־נעס; דאָס מיטלסטע הויז — חיים בלעכערס, און דאָס קליינע הויז, וואָס גייט אַרויס צום בית־מדרש געסל — דער אַלטערטשיכעס, אויפן נאָמען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן אַלטער.

אין דעם דאָזיקן דריטן הויז האָט טאַקע געוווינט משה נחום שלאָסער.

משה נחום דער שלאָסער האָט געשטאַמט פון קאַלושין, דאָרט פונוואַנען דער טאַטע איז געקומען און ווו זיין ערשטער שווער איז געווען דער אַלטער פּאַריסאָווער רבי, דער „נהר שלום".

זינט איך האָב געדענקט משה נחומען, איז ער געווען אַ הוסטענדיקער, אַ קראַנקער, מיט אַ בלייך געזיכט. אַז ער פלעגט זיך פאַרהוסטן, האָט ער זיך שוין נישט געקענט אָפּשטעלן. דער הוסט האָט זיך ביי אים ווי געגראָבן צו דער ערד, ווי וועלנדיק אים מיטשלעפּן מיט זיך. משה נחום פלעגט זיך דעמאָלט אָנכאַפּן אָן עפּעס אַ שווערן אייזערנעם חפץ, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרהאַלטן, נישט אַנידערצופאַלן אויף דער ערד, איבער וועלכער ער איז אַזוי אָן איינגעבויגענער געשטאַנען מיט גרויסע אַרויסגעגלאָצטע אויגן און מיט אַ רויט געזיכט באַגאָסן מיט אַ טויט־שווייס.

איך ווייס נישט פאַרוואָס ס'האָט מיך אַזוי געצויגן צו משה נחומען, אפשר דערפאַר, וואָס ביי אים זענען אָנגעשטעלט געווען אַזעלכע מאָדנע אייזערנע געצייגן וואָס איך האָב עס אַפילו אין זיידנס געהיימען קעסטל מיט האַמערס, זעגן, העק, דלאָטעס און הובליעס — נישט געזען.

ביי משה נחומען איז צום טיש צוגעשמידט געווען אַ גרויסע שטאָלענע שרויף, אויף איינצוקלאַמערן שטיקער אייזן; אויף די ווענט זענען אויף טשוועקעס געהאָנגען אַזעלכע דינע זעגלעך, עקבויערס, צווענג און צווענגעלעך, און אין אַלע ווינקלען זענען געשטאַנען צעבראָכענע זינגער־מאַשינען אויף צו פאַרריכטן; ראָווערן, אייזערנע בעטלעך; עס זענען אָנגעוואַלגערט געווען שלעסער.

דער דאָזיקער מושב איז בלויז אויף שבת איבערגעדעקט געוואָרן מיט עטלעכע ראָגאָזשעס און דעמאָלט ערשט, האָט אין דער חושכדיקער שטוב, זיך גענומען אַרויסזען זיסלס שטיל ווינקל: אַ קאָמאָדע מיט אַ שפּיגל אויף אים, אַזאַ אַלטער, אָפּגעבליאַקעוועטער, מיט אַן אויסגעגעסענעם ווינקל;

עטלעכע לשנה־טובה־קאַרטלעך פון אַ ווייטן קרוב פון אַמעריקע און אַ וואַזאָן מיט אָפּגעשאָסענע פּאַפּירענע בלומען, וואָס זייערע קאָלירן זענען פון טאָג צו טאָג מאַטער געוואָרן, שטייענדיק אַזוי פונעם ערב פּסח, ווען זיסל בייט זיי איבער.

און דעמאָלט האָט מען אויך מער ווי אין דער וואָכנס אַרויסגעזען משה־נחומס בן־יחיד חנא, וואָס אַ גאַנצע וואָך וואַלגערט ער זיך אַזוי צווישן אייזנוואַרג, אַ פּאַרריסטער און אויסגעשמירטער, אַז עס דאַכט זיך: ער איז אויך אַ שטיק אייזנשטיק...

חנא איז געווען אַ ראַכיטיקער, מיט אַן אָנגעשוואָלן בייכל און אַ קאָפּ, אַ גרויסן קאָפּ, ווי אַרויפגעשרויפט גלייך אויף די פּלייצעס, ווי ער וואָלט אינגאַנצן קיין האַלדז נישט געהאַט. רעדן פלעגט ער כסדר מיט אַ „שין" און די ווערטער פלעגן זיך אים אַרויסגליטשן פון מויל, צוזאַמען מיט דער סלינע, וועלכע ער האָט נישט געקענט פאַרהאַלטן.

און דאָך האָב איך זיך ליב געהאַט צו חברן מיט חנאן, אפשר דערפאַר ווייל קעגן אים בין איך געווען אַ גבור און נישט אַזוי שוואַך ווי קעגן חיימל משה זינדלס פון סאַד, וואָס כאַטש ער האָט געהאַט אַזעלכע דאַרע הענטלעך — האָט זיינס אַ פּעטשל אַזוי ווי געטאָן...

חנא האָט שטענדיק געהאַט אַזאַ נאַריש שמייכלענדיק פּנים, אַפילו דעמאָלט, ווען זיסל, זיין מאַמע, פלעגט אים אַ הייב־טאָן און אוועקלייגן אין פינצטערן ווינקל אונטער דער קאָמאָדע ווען ער האָט עפּעס צעבראָכן.

ביי משה נחומען פלעג איך שטענדיק אַלץ עסן און נישט אַזוי קאַפּריזעווען ווי ביי דער באָבען, ווען זי פלעגט מיט אַן איי נאָכיאָגן מיר די גאַנצע גאַס.

איך האָב ליב געהאַט זיסלס שוואַרצן ברויט באַגאָסן מיט אייל און מיט אַ שטיקל הערינג, דאָס זעלבע, וואָס זי פלעגט געבן איר חנאן.

אין די שבתים האָט מען מיך נישט געקענט אָפּרייסן פון משה־נחומס טיש.

זיסלס „פיש" זענען געווען אַזעלכע צעהאַקטע, קליינע פישעלעך (סטינקעס — האָט מען זיי ביי אונדז גערופן), געזאַלצענע, וואָס האָבן זיך צוגעפּילט, און דאָס פלייש — עפּעס שטיקלעך לונג און לעבער, וואָס זיסל

פלעגט קויפֿן פֿונעם איבערבלייבעכץ ביי קצבים, און טיי האָט זיסל געמאַכט פֿון אויסגעטריקנטע שאָלעכץ פֿון עפּל און באַזיסט מיט אַ סאַכאַרינקע, טאָ פֿאַרוואָס דאַרף מען מיך אַזוי בעטן צו אונדזער שבתדיקן טיש, צו די שמעקעדיקע קאַרפֿן, צו די הינער־יויכן מיט בעבעלעך און צום פֿעטן מייערן־צימעס וואָס וואַרט און וואַרט אויף מיר?

איך האָב ליב געהאַט משה־נחומס שטוב און איך בין אַזוי גליקלעך געווען, וואָס די באָבע פֿלעגט מיר יעדן טאָג מיטגעבן עפּעס אַ פּעקעלע פֿאַרן קראַנקן משה־נחומען; אַמאָל איז עס געווען ברויט באַשמירט מיט פּוטער; אַ האַלב גלאָז האָניק און אַ פֿלעשל מילך; אַמאָל אַ טעפּעלע מיט פּעטער יויך מיט אַ שטיקל הון דערין, אַמאָל עפּעס אַ זיסן קאָמפּאָט. דאָס איז געווען אויסער דעם, וואָס די באָבע פֿלעגט ביי זיסלען נישט נעמען קיין געלט פֿאַר מעל און הייוון אויף שבת, באַזונדערס האָט מען די דאָזיקע מתנות געשיקט ווען משה־נחום האָט זיך איינגאַנצן אַוועקגעלייגט צו בעט.

חנא איז שוין געווען אַ ביסל דערוואַקסן, שוין אַוועקגעוואָרפֿן די טבע פֿון קריכן אויף אַלע פֿיר, נאָר זיך נאָך אַלץ געוואַקלט אין גאַנג אויף די אויסגעדרייטע פֿיסלעך; ער פֿלעגט אָפֿט גיין אין שליחותן פֿון טאַטען, צו די אַלע מענטשן וואָס זענען שולדיק געבליבן משה־נחומען פֿאַר עפּעס אַ רע־מאָנט.

די שטוב איז אויסגעליידיקט געוואָרן פֿון מאַשינען: משה־נחום האָט זיך שוין מיט דער אַרבעט נישט געקענט פֿאַרנעמען, און זיסל איז געוואָרן דער איינציקער שפּייזער. משטיינס געזאָגט, וואָס קען זיסל אויפֿטאָן? אָבער אַז די באָבע האָט זיך „אַריינגעלייגט", געגומען גיין צו בכבודיקע רייכע באַלעבאָסטעס און דערציילן די אָרעמקייט ביי משה־נחומען אין שטוב, האָט מען זיסלען טאַקע צוגעשאַנצט קליינע אַרבעטן: פֿאַרצירעווען סוועט־טערס, אָנשטאָפּן לעכלעך אין זאָקן, עפּעס אויסשטריקן, זיין אַמאָל אַ שעה ביי קליינע קינדער און דאָס איבעריקע פֿון „מתן־בסתר", וואָס די באָבע פֿלעגט צונויפֿנעמען עס זאָל זיין צו מצווה.

זיסל פֿלעגט זיך שפּיגלען אין מיר, ווי אַ שטייגער איך וואָלט עס געווען איר בן־יחיד וואָס וואַקסט אַזוי געראָטן, און ווען איך פֿלעג אַריינ־קומען, פֿלעגט זי מיך מקבל־פּנים זיין מיט אַזויפֿיל גוטע ווערטער און

אַזוי פּיל ווינטשעוואַניעס, ווי זי וואָלט מיר וועלן אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע טאָקע פון אירע אייגענע אויגן, מורא האָבנדיק פאַר אַ „גוט־אויג"...

— נו, שפּיל זיך אַביסל, טייער קינד, זאָלסט מיר לעבן הונדערט יאָר, זאָלסט מיר זיין געזונט און שטאַרק, זאָלסט מיר זיין שיין און קלוג, זאָלסט מיר האָבן געזונטע ציינדעלעך, די באָבע זאָל האָבן נחת פון דיר און די באָבע זאָל זיין געזונט און שטאַרק, שיינקייט מיינס.

***

משה־נחומען איז אַלץ געוואָרן ערגער; ער איז געלעגן אין זיין אייזערן בעטל און שווער געדעכעט און זיך פאַרהוסט; די נאָז איז אים געוואָרן אַזוי בלוי און פאַרשפּיצט, די לאַנגע באָרד — פאַרקנוילט און פאַרבויגן אויף אַ זייט ווי אַן איבעריקע זאַך; די הענט, די שווערע פאַרמאַזאָליעטע הענט, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל אייזנוואַרג געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, זענען ערשט אַזוי אויסגעאיידלט געוואָרן, בלייך און דין ווי ביי אַ וואויל־לערנער.

זיינע אויגן זענען געווען ווי איבערגעדעקט מיט אַ וואָלקנדל, נאָר זיי זענען אַזוי אומבאַהאָלפן גוט געווען און זיי האָבן דאַכט זיך שטומערהייט געקוקט אויף מיר און פול געווען מיט די אַלע ברכות און גוטע ווערטער וואָס זיסל, זיין ווייב, האָט מיר אָנגעווונטשן.

***

...שוין יאָרן שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען לאַנג נאָך דער בר־מצווה, שוין געלערנט אין אַ וואַרשעווער ישיבה און אַהיימגעקומען אויף די יום־טובים, פלעגט מיר זיסל דערשנאַפּן, און ווי אַמאָל, מיך אויפן מיטן גאַס דערזעענדיק, באַגעגענען מיט אַזאַ גוט צעשמייכלט פּנים:

— נו, טייער קינד, ביסט קיין עין־הרע אַזוי געראָטן אויפגעוואַקסן, לערנסט שוין אין ישיבות, זאָלסט מיר זיין געזונט, און זאָלסט מיר קענען לערנען, און זאָלסט זיין דער נחת פון דער באָבעשי. קום אַריין צו אונדז, פאַרגעס נישט זיסלס שטוב.

משה־נחום האָט שוין לאַנג נישט געלעבט. און זיסל מיטן זון אירן, חנא, האָבן זיך איבערגעצויגן ערגעץ אין אַ קעלער־שטוב איבערן מאַרק.

חנא איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין ראַכיטיס, נאָר איז נאָך אַלץ געווען עפּעס נישט מיט אַלעמען. אַ דיקער אַזאַ, מיט אַ גרויסן קאָפּ גלייך אויף די אַקס־לען און נאָך מיטן אייביקן נאַרישן שמייכל, אָבער ער האָט זיך אויסגע־לערנט דעם טאַטנס מלאכה און געגומען פאַרדינען געלט. די קעלער־שטוב איז געווען אָנגעשטעלט מיט זינגער־מאַשינען און מיט כלערליי אייזערנע זאַכן צו רעמאָנטירן, און זיסל פלעגט מיר אַוועקשטעלן די איינציקע ווייכע שטול וואָס איז אין שטוב געווען און אויף וועלכער זי זעצט אַוועק די סאַמע בכבודיקסטע מענטשן, וואָס גיבן מאַשינען אויף רעמאָנט. פייל אויסן בויגן האָט זיך אין שטוב געיאַוועט סמעטענע, רויטע ריבעלעך, אַ גוטע באַרנע אָדער עפּעס אַ שיינער שמעקעדיקער עפּל. זיסל פלעגט צו מיר צושטיין:

— נעם, אוצרל מיינס. זאָל אַ געזונט אַריין אין דיינע ביינדעלעך. מאַך אַ ברכה און פאַרשעם נישט משה־נחומס שטוב.

איך פלעג עסן, עסן אַלץ וואָס זי פלעגט מיר אַוועקשטעלן. מיר איז אַזוי טרויעריק געווען פאַרן פאַרשטאָרבענעם משה־נחומען, פאַר חנאן, פאַר זיסלען אַליין, וואָס געדענקט אַזוי, געדענקט שוין צופיל, וואָס אונדזער שטוב האָט איר גוטס געטאָן...

# אַ קללה

ס׳איז קיין נייעס נישט, אַז פּאַר פייגעלען קריגן די בחורים אין שטעטל די כפּרה. ס׳איז זיך דאָ איבער וועמען צו הרגענען, שטעפּן אינטריגעס. בעמט גאָט און באַשאַפט אין סאַמע מיטן פון אַ שטוב מיט פאַרזעענישן אַזאַ שיינקייט! און פרעגט בחרם אין וועמען איז עס פייגעלע געראָטן. דאָס פיגורל — אויסגעטאָקט און אַ געגנל — אַ גייענדיק געזאַנג, און דאָס פּנימל? עפּעס אַזאַ מין פאַרטראַכטער אָוונט: נישט דער שטאָטישער אָוונט, נאָר אַן אָוונט אין פעלד. און רעדן רעדט פייגעלע: פּי־פּי־פּי, אַזעלכע פייגל־שע זיסע רייד, צי זיי זענען קלוג צי נאַריש — זענען זיי אַלצאיינס זיס און קריכן דיר אַריין אין דער סאַמע טיף פון דער נשמה.

און זייט ביי זייט מיט איר גייט אַרום אין שטוב אַ שוועסטער, אַן אַלטע מויד, אַ הויכע, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ פרישטשעוואַטן פּנים, מיט איבערגעברענטע אויגן, ווערט משוגע פון קוקן יעדע מינוט אין שפּיגל און דערזען אַ ניי קרעצל, שעלט זיך אַליין און די גאַנצע וועלט און קריכט פון דער הויט, ווען עפּעס אַן אַלטער, עובר בטלדיקער פריץ, קויפנדיק ווייַן אין דעם ווייַנשענק זייערן, גיט איר אַ נישט־דערלויבטן קיצל.

האָט דאָך שוין דאָס שטעטל געפּסקנט אַז אויף דער אַלטער טעווליכעס שטוב איז אויסגעגאָסן אַ קללה.

לאָה „די לאַנגע גאָשטשינע״, וואָס ווייסט אַלע פּאָטשטן אין שטעטל, ווייסט צו דערציילן, אַז אַמאָל, איז איבערן שטעטל דורכגעגאַנגען עפּעס אַן אָרעמאַן, קנאַפּ אָרעמעלייט פאָרן אַרום איבער דער מדינה? איז אָבער דער דאָזיקער אָרעמאַן געווען נישט סתם עפּעס אַ קבצן, און דער שלימ־מזל האָט געוואָלט, אַז פונקט דעמאָלט איז געווען פאַר זייערע חגאות און ס׳גאַיעס קומט צו דער טעוועליכע איינקויפן ווייַנען, איז גראָד אַריין דער אָרעמאַן נאָך אַ נדבה, האָט אים עפּעס די טעוועלעכע נישט געענטפערט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, האָט דער אָרעמאַן געוואָרפן אַ קללה.

איז נעבעך אַן אומגליק אויסגעגאָסן געוואָרן אויף דער שטוב; ווייל אַ נישט, איז דאָך מיטן מענטשלעכן שׂכל נישט צו פאַרשטיין פאַרוואָס איז גראָד אויף דער טעוועלעכע אַראָפּ אַזאַ צרה.

כאָטש טעוול דער ווײנשענקער איז געשטאָרבן — פאַרדינגט אַלץ נישט די טעוועלעכע די גאָרן־שטוב. זי דאַרף עס פאַר זיך אַליין. אין אײנעם פון די אָפּגעלאָזענע צימערן דרייט זיך אַרום די עלטסטע שוועסטער אסתר, אַ בלייכע, מיט אַ לענגלעך אויסגעצויגן פּנים און מיט איבערגעקערטע אויגן און רעדט גאַנצע טעג צו זיך אַליין עפּעס אַן אַלטן חשבון וואָס קיי־נער פאַרשטייט אים נישט; אין שכנות מיט איר, איז פאַרשפּאַרט דער בלינ־דער לוי, דער טעוועלעכעס זון, אַ בלינדער וואָס לעבט אויך אויף דער טעוועלעכעס אויסהאַלט. און פון ישׂראלן איז אויך קיין גרויס נחת נישטאָ. גיין גייט ער אַפילו אין חסידים־שטיבל דאַווענען און פּראַוועט אין שטוב די שבת יום־טובדיקע טישן, אָבער מענטשן ווייסן, אַז ער איז שוין יאָרן אַ גרוש, און האָט אַ שוואַכקייט צו קליינע ייִנגלעך, וועלכע ער פאַרנאַרט צו זיך אויפן בוידעם־שטוב, און אַז דאָס וואָס ער איז אַ חברה־קדישא־מאַן און איז מטהר מתים, קויפט ער אויס דערמיט זיינע זינד...

האָט די טעוועלעכע געטאָן אײן גוטן שידוך מיט אַ טאָכטער, גענומען פאַר איר אַ טייערן יונגנמאַן, ר׳ אברהמעלע דיין, אַ דיין אין שטעטל, אַ גרויסער למדן און חסיד, איז ער נעבעך אומגעקומען אין דער כאָלעריע, וואָס האָט געפּאַנעוועט ביים דייטש און ס׳איז געבליבן אַ טאָכטער מיט יתומים.

גייט אַרום די טעוועלעכע און שפּיגלט זיך אין פייגעלען.

אַ גאַנצן טאָג שטייט פייגעלע הינטערן טונבאַנק און ענטפערט די קונים; און צווישן איין קונה און דעם אַנדערן לייענט זי די ביכלעך וואָס בעריל, דאָס קליינע, דאַרע בחורל, ברענגט איר פון דער ביבליאָטעק, שטענ־דיק מיטן צוגאָב, אַז:

— פייגעלע, דאָס ביכל כאַפּט מען פּשוט פון די הענט, איך האָב עס אָפּגעלייגט פאַר דיר...

און טראָגן טראָגט ער דאָס ביכל שטענדיק אַריין אין געשעפט, פּשוט צו כאַפּן אויף איר אַ קוק, מיט איר אַ וואָרט דערוויל אויסצורעדן. און

פּאָר איינוועגס זיך אָפּשמועסן צו שפּאַצירן אין אָוונט איידער עס כאַפּט איר אויס אַן אַנדערער.

בחורים ווייסן, אַז דער שיינער אומעט אין פייגעלעס אויגן, וואָס גיט איר צו אַזוי פיל חן, איז עס טאַקע פון דער פאַרשאָלטענער שטוב. אַז פיי־געלע איז געבענטשט מיט אַ גאָלדענער נשמה, אַז זי גייט נישט קיינמאָל אויף אַ שפּאַציר איידער זי גיט אַ קוק „אויבן”, צו דער משוגענער שוועס־טער און בלינדן ברודער, צי אַלץ איז ביי זיי רעכט, צי זיי האָבן שוין גע־געסן, און צי זיי נייטיקן זיך נישט אין איר הילף. אָפּט, ווען זי זיצט אַליין מיט אַ בחור אין וואַלד אָדער ערגעץ וויט־ווייט, אויף אַ בערגל ביים וואַר־שעווער טראַקט, הערנדיק ווען זיך אַזוי פיל קאָמפּלימענטן, אַזוי פיל זיסע רייד, ווערט פלוצלינג פייגעלע אַזוי שווייגנדיק, טרויעריק, גיט אַ שיק אַוועק די בלויע אויגן ווי טויבן אינדערוויט און לאָזט דערביי אַרויס אַזאַ האַסטיקן קרעכץ:

— וואָס איז, פייגעלע? — פרעגט דער בחור.

און פייגעלע הייבט זיך אויף, שאַרט אַראָפּ דאָס ביסל נאָדלען וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו איר און רעדט נישט מער, רעדט נישט גאַנצע מינוטן, גיט אַזוי אַ שפּרייז אַוועק אַ פּאָר טריט צווישן דער טונקלקייט פון די ביימער, ווי זי וואָלט וועלן ערגעץ אַוועק וויט־ווייט.

— פייגעלע, וווהין גייסטו אַליין?

און פייגעלע קומט צוריק נאָך מער טרויעריק מיט טרערן אין די שיינע, גרויסע אויגן.

די טעוועלעכע האָט שוין לאַנג געפּרוווט אויסקויפן די קללה אויף איר שטוב אָבער ס'העלפט נישט. זי האָט אויסגעמאָסטן די קברים פון צדיקים אויפן אַלטן בית־עולם מיט לייוונט און עס אַוועקגעגעבן אָרעמע כלות אויף אַ צושטייער; געגעבן מתן־בסתר צדקה, זלמן שמש פון אַלטן בית־מדרש האָט שוין געוווסט יעדן פרייטיק צו נאַכט אַריינצושיקן אַן אורח צום טיש, און ווען פייגעלע פלעגט אַמאָל נישט געזונט ווערן, פלעגט זי צונויפרופן אַלע בעסטע אָפּשפּרעכערקעס פון אַ גוט אויג אין שטעטל. דאַכט זיך וואָס משטיינס־געזאָגט פאַרמאָגט עס די טעוועלעכע, מ'זאָל איר אַן עין־הרע געבן דאָס קינד? גאָט האָט דאָך איר שוין גענוג געשטראָפט,

אָבער אַזוי זענען מענטשן, מ׳פאַרגינט נישט פייגעלעס שיינקייט און גע־ראָטנקייט, כאָטש אַרום פייגעלען איז דאָך אַזוי פיל עלנטקייט פאַראַן. דאַכט זיך די טעוועלעכבן אַלעמאָל עפּעס אַנדערש. דאַכט זיך איר, אַז פייגעלע ווערט נעבעך מאָגער, רופט זי אַזש דעם דאָקטער כאַראַסעוויטש. קומט צו־גיין דער אַלטער, טוט אָן די שפּאַקולן און נעמט באַטראַכטן פייגעלען פון אַלע זייטן: הערט איר אויס, קלאַפּט אויס די פינגער אויף אַ האַנט זייַנער אַרום פייגעלעס שמעקנדיקן קערפּער, קוקט איר אַריין אין די אונטערשטע אויגן־ווי:עס און פסקנט אַז „זי איז געזונט". נעמט די טעוועלעכע זיך דיב־גען: איר דוכט זיך, אַז פייגעלע איז צו־בלייך.

רוימט איר דער אַלטער עפּעס אַריין אין אויער אַ שטילע פריידיק־שעמעוודיקע זאַך, וואָס די טעוועלעכע פאַרשטייט און מאַכט זיך נישט וויסנדיק און איז נאָך אין כעס אויפן אַלטן דאָקטער וואָס ער מישט זיך אין זאַכן, וואָס האָבן מיט אים נישט צו טאָן.

דער דאָקטער זאָגט, אַז פייגעלע דאַרף חתונה האָבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כאָטש ס׳גאַנצע שטעטל האָט מורא פאַר דער טעוועלעכעס שטוב, האָט מען פון דעסט וועגן שוין נישט איין שדכן געשיקט צו דער טעוועלעכען אַ שידוך צו טאָן מיט פייגעלען. און געשיקט האָט נישט אַבי ווער: ס׳האָט געשיקט אַפילו בענצל דער אייזנקרעמער און דער תנאי איז געווען: אָן אַ גראָשן נדן; ער וועט זי נעמען אָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט און גלייך צו זיך אין שטוב אַריין.

נאָר די טעוועלעכע, ווי שווער ס׳איז איר נישט צו שיידן זיך מיט דער טאָכטער, וויל פייגעלען אויסגעבן וואָס ווייטער פון שטעטל, וואָס ווייטער פון איר קללהדיקער שטוב. זי איז גרייט אַוועקצושיקן זי ווייט, ווייט איבער ימים. זי האָט שוין אַפילו אויסגעפּועלט ביי פייגעלען צוצושיקן אַ פאָטאָ־גראַפיע דעם ברודער אירן, דער טעוועלעכעס, אין אַמעריקע. און אין אַ שיינעם טאָג איז אָראָפּגעקומען פאַדערונגס־פּאַפּירן און אַ שיפסקאַרטע מיט אַ בריוו, אַ פּערלדיק כתב אין ענגליש, ווו דער חתן־בחור רעכנט אויס אַלע זיינע מעלות, און אַז כאָטש ער איז נאָך זייער יונג, איז ער שוין אַ

שותף צום טאַטנס ריזיקער שפּייז־קראָם, און אַז פייגעלע דאַרף גאָרנישט מיטנעמען מיט זיך: ער וועט איר אַלץ אַליין מאַכן און זי וועט ביי אים האָבן פון פייגל־מילך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טעג איז פייגעלע אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע, זיך קיין עצה נישט געקענט געבן וואָס צו טאָן; איז גאַנצע שעהן אָפּגעזעסן אַ ווייבעדיקע אויפן טונקעלן גאָרן ביי שוועסטער־ברודער. נאָר די טעוועלעכע האָט זיך אייב־מאָל אַ פאַרקנאַק־געטאָן אין אירע יום־טובדיקע מלבושים, פונקט אַזוי ווי דעמאָלט, ווען זי פאָרט קיין וואַרשע איינצוקויפן ווייבען אינעם הורט־סקלאַד, פאַרפּאַקט פייגעלעס זאַכן אין וועג, און אַז פייגעלע איז שוין געווען אין וואַרשע אויפן מערב־וואָקזאַל, האָט די אַלטע געווישט די טרערן און צו דער טאָכטער געשעפּטשעט:

— פאָר, טייער קינד, פאָר אַוועק ווייטער, וואָס ווייטער, זאָל דיר גאָט העלפן די קללה זאָל דיך אויסמיידן...

# יאָרצייט

חיה־דאָבע האָט מורא געהאַט פאַרן טויט ווי פאַר פייער... שייך צו זאָגן מורא געהאַט? קיינמאָל נישט גערעדט וועגן טויטע און ווער שמועסט נאָכגיין נאָך אַ לוויה אָדער גאָר ווי אַנדערע ווייבער טוען, אַריינגיין צו אַ מת און אים באַווייינען, — דערפון איז אָפּגערעדט געוועז. און אַז ס׳האָט געטראָפן, אַז בלומע, די שכנטע אירע, איז געשטאָרבן, האָט חיה־דאָבע זיך פאַרשפּאַרט אין שטוב און מ׳האָט איר נישט געזען אויף דער ליכטיקער שיין די גאַנצע צייט ביז נאָך דער קבורה.

פלעגט אַמאָל אַ שכנטע זי פרעגן:

— חיה־דאָבע קרוין, וואָס מיינסטו, אַז מ׳וועט אייביק לעבן? געמאַכט אַזאַ קאָנטראַקט מיטן רבונו־של־עולם?

איז חיה־דאָבע אינגאַנצן אַרויס פון די כלים, אַראָפּגעלאָזט דאָס טע־פּעלע טיי, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, אַז ס׳האָט זיך אויסגעגאָסן און געמאַכט אַ קאַלוזשע איבער דער גאַנצער פּאַדלאָגע, גענומען לויפן מיט די שטעק־שיך איבערן קליינעם בוידעם־שטיבל, געבראָכן מיט די הענט און געהאַלטן אין איין אָפּשפּרעכן:

— אויף אַלע וויסטע וועלדער, אויף אַלע מדבריות, אויף אַלע חורבות טפו, טפו, טפו...

און מיינענדיק, אַז זי האָט נאָך נישט גענוג אָפּגעווישט דאָס שלעכטס, האָט זי זיך צוריק אומגעקערט פון נעבן אויוון, וווּ זי האָט זיך אַ ווייל ווי פאַרבאַהאַלטן פאַר דער שכנטעס רייד, וואָס זענען אין איר קעגנוואַרט גע־פאַלן, נאָך אַמאָל אָפּגעזאָגט איר שפּרוך און צוגעגעבן הויך אויפן קול:

— רבונו־של־עולם! אויף אַלע שונאי־ציון, די וואָס ווילן ייִדן שלעכטס טאָן, גיי שוין פון דאַנען, קום נישט מער צו מיר מיט אַזעלכע רייד.

די שכנטע האָט זיך אַ פאַרשעמטע אַרויסגעשאַרט פון שטיבל און שוין אַ גאַנצן טאָג געהאַט חיה־דאָבען אין מויל:

— אַן אַלטע קליאַטשע, שוין אַלט זיבעציק יאָר, שוין אַלע קינדער חתונה געמאַכט, האָט שוין אייניקלעך און ציטערט אַזוי פאַרן טויט, וואָס זאָגט איר דערצו? באַקומט רענדלעך פון אַמעריקע, שווער געלט, זיצט און טוט גאָרנישט און עסט, טאָ וואָס איז דער וווּנדער דערפון?

אָבער חיה־דאָבע, וואָס גייט עס איר אָן? אינדערפרי הייבט זי זיך אויף פאַרטאָג, גייט אין שול אַריין, זיצט איבער עטלעכע מנינים, זאָגט קדושות, ברכוס, אמנס, נעמט דערנאָך אַ שטיקל קאַנדל־צוקער אין מויל, אַ רפואה צום הוסט, וואָס הייבט שוין אָן צו קומען מיט דער עלטער, און זאָגט אָפּ אַלע טאָג אַ יום תהילים און מעמדות. שפּעטער גייט זי אַהיים, נעמט אַרויס פון פאַרבאַהאַלטענע שענקעלעך עפּעס אַ לאָבעכץ, דערווייל ביז עס וועט פאַרטיק ווערן דאָס עסן, וואָס זי שטעלט זיך אַליין צו, און גרייט זיך צו שרייבן אַ בריוו צו די קינדער אין אַמעריקע און סטאַרעט זיך די הענט זאָלן ביי איר נישט ציטערן, די קינדער זאָלן נישט דערקענען איר אַלטקייט.

שוין נישט איינמאָל האָט חיה־דאָבע געשריבן די קינדער, אַז זיי זאָלן זי אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, נאָר שטענדיק ענטפערן זיי איר עפּעס מאָדנע תירוצים, אַז ס'איז נישט פאַר איר. אַן אַלט מענטש דאַרף זיך האָבן אירס, און דאָרט, ביי זיי, איז מען שטאַרק פאַרנומען און זיי האָבן מורא, אַז ס'וועט קיין צייט נישט זיין זיך אָפּצוגעבן מיט איר און ס'איז גלייכער זי זאָל זיך לעבן שטיל און במנוחה אינדערהיים.

אָבער זי קען דאָ נישט זיין, עס רייסט דער אַלטער פון שטוב און אַז זי זיצט אַליין קומט איר שטענדיק קאָפּויער איר געשטאָרבענער מאַן; אַ מאָדנע זאַך: קיינמאָל שטעלט ער זיך איר נישט פאַר די אויגן אַ לעבעדי־קער, נאָר זי זעט אים אין די לעצטע רגעס פון זיין גסיסה; דייטלעך הערט זי דאָס כאָרכלען, דאָס שוואַכע אָטעמען און די שפּעטערדיקע אומבאַוועג־לעכקייט פון די אברים, דאָס ליגן אויף דער ערד אַרומגערינגלט מיט ליכט...

חיה־דאָבע וויל מיט גוואַלד פאַרווישן די דאָזיקע בילדער, נאָר אויף צו־להכעיס קומען זיי אין מוח און עקבערן, עקבערן און דערמאָנען אָן טויט. דעמאָלט ווערט נאָך אייליקער איר שרעק און זי בעט זיך אין בריוו: נעמט

מיך צו פון דאַנען, נעמט מיך צו, איך קען דאָ מער נישט לעבן, דאָס לעבן ווערט מיר נמאס.

נאָר פון אַמעריקע שרייבן די קינדער, אַז זיי ווינען ווייט; אַז אַ שול ווו צו גיין דאַוונען איז ווייט פון זיי, און אַז זיי ווינען אַזש אויפן דריטן עטאַזש, טאָ זאָל די מאַמע שוין אויסלעבן אירע יאָרן אין שטילקייט און אין כבוד אינדערהיים.

ווער ווייסט ווי לאַנג חיה־דאָבע וואָלט אַזוי פאַרצאָגט געווען און מורא געהאַט צו רעדן וועגן טויט, ווען נישט די יאָרצייט פון דער אַלטער אסתר. די אַלטע אסתר, האָט, ווי חיה־דאָבע, געלעבט פון דעם וואָס די קינדער האָבן איר געשיקט. נישט מער וואָס חיה־דאָבע האָט די קינדער געהאַט אין דער פרעמד, און דער אַלטער אסתרס קינדער האָבן אַלע געווױנט אין וואַרשע און צו דער יאָרצייט זענען אַלע זיבן זין אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין. קינדער — ווער מיר גוטס גינט, איינס ביי איינס, חסידים און אנשי מעשה, שיינע ייִדן, גבירים. פונעם קליינעם שטעטל איז זיי שוין לאַנג גאָרנישט געבליבן, כאַטש די ווייבער, אַרויסקוקנדיק פון די פענצטער סו־דען זיך דערזעענדיק זיי גיין איבער דער שטאָט:

— אָט דאָס איז שימעלע, זאָלן מיר אַזוי האָבן גוטס, שימעלע, גע־לערנט ביי מיין מאַן. נישט צו דערקענען אים. אַ ברייטע, צעקעמטע שוואַר־צע באָרד, שטיוול מיט גלאַנציקע קאַלאָשן, אַ פוטערל פון וועלכן עס קאַ־טשעט זיך אַלעמאָל אויף פון ווינט אַ טכוירענע פאָלע.

— און דאָס איז דאָך בערל, דער אין די ברילן, אין די גאָלדענע ברילן זעט ער אויס ווי אַ באַנקיר.

—און דאָס...

זיבן זענען זיי אין דער ברייט איבער דער גאַס געגאַנגען אין חסידים־שטיבל אַריין צום דאַוונען. אַלע הויכע און ברייטע, מיט שווערע געמאָס־טענע טריט, באַקוקט דעם מאַרק, אַרומגעטאַפּט די אַלטע הייזער און גע־זוכט שפּורן פון דער פאַרגאַנגענהייט און דערווייל מקבל געווען די ברייטע שלום עליכמס, וואָס האָבן זיך געשאָטן צו זיי פון אַלע זייטן.

עלטערע ייִדן וואָס האָבן זיי פון דער יוגנט געקענט האָבן זיך חנפענ־

דיק אַרום זיי געדרייט, דערציילט זיי וואָס ס׳איז פאַר דער צייט אין שטעטל פאָרגעקומען.

און ערשט אין חסידים־שטיבל איז דאָס פאַרעניש גאָר געווען אַ וועלט: אַלע מאָל איז אַן אַנדער יינגל אַרויסגעלאָפן אין מאַרק, געבראַנגט קיכעלעך, הערינג, בראָנפן און נאָכן דאַוונען האָבן די זיבן זין געטיילט צווישן עולם בראָנפן מיט קיכעלעך.

אַ גאַנצן מעת־לעת האָבן די זין אַזוי פאַרבראַכט אין שטעטל, שפּאַצירט איבערן מאַרק און פון די פענצטער אַראָפּ האָט מען נאָכגעקוקט און מקנא געווען:

— אַ זכיה האָט געהאַט די אַלטע אסתר, אַרעמעלייט געגעבן סעודות צו עסן, אין דעם זכות האָט זי אַזעלכע קינדער.

— אַ צדיקת!

— אָפּגעריכט אַפילו חצות זאָגט מען...

— ווייל איז איר דאָרט אַז זי האָט אַזעלכע קינדער איבערגעלאָזט, עס איז איר דאָרט ווויל און ליכטיק, מיר אַלע זאָלן קיין ערגערע קינדער נישט איבערלאָזן, אַז אַזעלכע קינדער זאָגן קדיש.

— ווו נעמט מען היינט אַזעלכע קינדער?

— נאָך דאָ, נאָך דאָ...

— אַווו?

עפּעס איז דאָס לעבן שוין גאָר קיין שאָד נישט געווען מיט אַזעלכע קינדער. באמת טאַקע, וואָס האָט מען איבערצופירן? די וועלט, מ׳שטיינס געזאָגט, איז אַ פאַלשע...

און אַפילו חיה־דאָבע, וואָס האָט אַזוי געציטערט פאַרן טויט און זיך געוואָלט פאַרבאַהאַלטן פון אים אַזש קיין אַמעריקע, האָט היינט זיך צוגעהערט צו די שבחים וואָס אַ שכנטע האָט איר דערציילט וועגן אסתרס זיבן זין. חיה־דאָבען איז מאָדנע געוואָרן אויפן געמיט, שוין נישט צו די קינדער וואָלט זי געוואָלט איצט פאָרן, נאָר די קינדער זאָלן קומען צו איר, צו איר, נאָר אַנדערש זאָלן זיי ווערן, אַנדערש, לייטישער, אַזוי ווי דער אַלטער אסתרס קינדער. פאַרוואָס טאַקע נישט? זי איז עס נישט ווערט, חיה־דאָבע? נאָך קיין מנין אינדערפרי נישט פאַרפעלט, גייט אַלע טאָג אין

שול און מיט צדקה גלייכט זי זיך אויך אויס מיט דער אַלטער אסתר. זאָל זי נאָר זיין אַ גוטער מליץ פאַר איר אויף יענער וועלט...

אָ, ווען נאָך איר זאָלן בלייבן אַזעלכע גוטע קינדער! צום יאָרצייט קומען, קדיש זאָגן, וואָלט איר שוין גאָרנישט געאַרט דער טויט, גאָרנישט... אָבער ווי דערלעבט מען דאָס?...

און פון דער אַלטערס אויגן קאָלערט זיך אַראָפּ אַ טרער...

# דער ארץ־ישׂראל אתרוג

ר׳ שמשון בעקער איז געווען דעם זיידנס שכן. שייך צו זאָגן אַ שכן? איז ער דאָך געווען דער באַלעבאָס פֿונעם הויז, ווען דער זיידע האָט געצאָלט אַלע יאָרן דירה־געלט, נאָר דער דרך־ארץ וואָס ר׳ שמשון האָט אַרויסגעוויזן דעם זיידן — איז גאָרנישט געווען מעשׂה באַלעבאָס. און טאַקע צו וויסן פֿאַרוואָס מען דאַרף פֿאַרן זיידן דרך־ארץ האָבן, האָט מען אַליין אויך נישט באַדאַרפֿט זיין קיין עם־הארץ; מען האָט באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין, מיט וואָס דער זיידע אונטערשיידט זיך פֿון אַנדערע לומדים אין שטעטל, און דאָס צו וויסן, האָט מען באַדאַרפֿט ליב האָבן קלאָרן פּשט, נישט פּשט־לען זיך, נאָר אומעטום, אין די שווערסטע, פֿאַרוויקלטסטע ערטער אין דער גמרא, דורכלייכטן מיט אייזערנער לאָגיק. ר׳ שמשון, אַז ער האָט נאָר פֿאַר־קנאָטן די גרויסע צוויי דייזשעס טייג, האָט ער דאָס איבערגעגעבן דעם זון זיינעם, דעם טויבן לייבן, וואָס האָט שוין פֿון וויסן טייג אויסגעמייסטרע־וועט זעמעלעך מיט קייזערקעס און פֿון שוואַרצן טייג — קיילעכדיקע ברויטן, און אַליין האָט ר׳ שמשון זיך אַרומגעוואַשן און אַרויף פֿונעם בעק־קער־קעלער לערנען. ס׳איז שוין טאַקע געווען אַרום פֿיר פֿאַרטאָג, נאָר ר׳ שמשון פֿירט זיך, אַז ער לערנט אַזוי ביז אַרום זיבן־אַכט אינדערפֿרי, שפּע־טער דאַוונט ער, עסט עפּעס און לייגט זיך צו. לערנענדיק, טרעפֿט זיך ר׳ שמשון נישט איינמאָל אָן אויף אַ שווער שטיקל גמרא. דעמאָלט קומט ער אַרויף צום זיידן אויפֿן בוידעם־שטיבל. דער זיידע איז אויך שוין אויף, נאָך פֿון קאַיאָר און דעם זיידנס איינטייטשן און מסביר זיין פֿאַרגייט זיך אין אַזאַ זיסן ניגון, וואָס איך הער אים אין דער האַלב־טונקלקייט, דורכן חלום, שלאָפֿנדיק אין זיידנס בעטל. נאָר איינמאָל אין יאָר קומט דער זיידע אָן צו ר׳ שמשונען. דאָס איז פֿאַר סוכּות צייט, נאָך ארץ־ישׂראל־אתרוגים.

אתרוגים זענען אין שטעטל געווען אַ סך, און טאַקע שיינע אתרוגים! ר׳ מענדעלע סאָקאָלער האָט זיך שוין געסטאַרעט און צוגעשטעלט אין

שטעטל אתרוגים — טאַקע שיינהייטן, אָן אַ פּגימה; יעדער אתרוג האָט פאַרשמעקט אַרום און אַרויסגעשיינט פון די פושקעלעך מיט פלאַקס, עפּעס ווי מ׳וואָלט אָפּגעדעקט אַ כלה אַ יפת־תואר דאָס פנים, איז דאָך גוט? זענען אָבער די אתרוגים פון קאָרפו און נישט פון ארץ־ישראל, און פון ארץ־ישראל זענען די אתרוגים נעבעך אַ ביסעלע גרינלעך געווען, ס׳איז דיר דאָך נישט היינט, ווען אַזויפיל ייִדישע הענט מוזן זיך אַרום אתרוג־פּרדסים, אָרעם געווען נעבעך דאָס לאַנד, און יעדער אתרוג האָט אַ טובה געטאָן, אַז ער האָט זיך צעבליט און אונטערגעוואַקסן — האָט אָבער דער זיידע געוואָלט דאָך אַן ארץ־ישראל־אתרוג, איז צו וועמען גייט מען? צו ר׳ שמשונען!

ר׳ שמשון האָט געהאַט אַ באַקאַנטן מקובל אין „מאה שערים״ וואָס אין ירושלים דער היליקער שטאָט, פלעגט ער אים כסדר שיקן שיינע נדבות און דער מקובל פלעגט אים דערפאַר שיקן אַלערליי שיינע זאַכן: אַ געשניצטע אתרוג־פושקע מיט די קברי מלכי בית דוד, און דער מוטער רחלס קבר, און דעם כותל־מערבי, אַזאַ מין וואַנט, פון וועלכער, ווי עס וואָלטןביימער אַרויסגעוואַקסן, און בשמים־ביקסלעך און סגולות און קמיעות און ספרימלעך און טאַקע אתרוגים אויך, איינעם פאַר זיך און איינעם פאַרן זיידן.

האָט דאָך דער זיידע אַליין געקענט שיקן דעם מקובל געלט? האָט דאָך דער זיידע אַ העלפט הכנסה פון די בוררות אַוועקגעגעבן צדקה? איז דער תירוץ אַז מען מישט נישט קיין צוויי רשותן; דער זיידע פלעגט שיקן יעדע פאַר חדשים דער ישיבה פון גאון און צדיק ר׳ יהושע־לייב דיסקין אין ירושלים און נישט געוואָלט דערפאַר קיין שכר און פאַרן ארץ־ישראל־אתרוג האָט דער זיידע באַזונדער באַצאָלט ר׳ שמשונען, צו שיקן דעם מקובל אין ירושלים.

מילא, די שמחה מיטן ארץ־ישראל אתרוג ביים זיידן איז געווען אָן אַ ברעג; גאָט האָט טאַקע געהאָלפן, אַז דער אתרוג האָט זיך נישט פאַרשעמט: אַן אָרעמע כלה אָבער שיין אין איר אָרעמקייט מיט באַזונדערע חנען און געשמעקט — אַלץ הייסט געשמעקט! אַז שוין נאָך סוכות האָט דער

זיידע אים געהאַלטן אין ספרים־שענקל און ער האָט אַ צייט אַרויסגע־שמעקט און פאַרשמעקט אַלע ספרים.

און דאָס גוט־פריינטשאַפט מיט ר׳ שמשונען האָט זיך פון יאָר צו יאָר געשטאַרקט, אַז צוליב אָט־דער גוט־פריינטשאַפט האָט דער זיידע אַראָפּ־גענומען די האַנט פון האַרץ און מיך געלאָזט אַלע שבת גיין לערנען מיט ר׳ שמשונען תהילים מיטן מלבי״ם, כאָטש איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז ער, דער זיידע, האָט בעסער געוואָלט כ׳זאָל לערנען ביים זיידן גמרא.

# אַ פלעק אין דער משפּחה

קיין גרעסערן פאַרגעניגן ווי צו גיין צו ברוך־עליען אויף דער מור־ראַנאָוו, האָב איך נישט געהאַט.

ברוך־עליע איז אין דער וואַרשעווער ישיבה געווען דער עלעגאַנט־סטער צווישן אונדז ישיבה־בחורים, וואָס זענען מערסטנס געווען פון אָרעמע שטובן און געקומענע פון דער פּראָווינץ מיט אַן אָפּגעלאָזענעם הילוך.

ברוך־עליע איז שטענדיק געקומען מיט אַן אויסגעפּרעסט ציכטיק־ווייס קעלנערל און מיט אַ ניי געהאַקט קאַפּאָטל, פון בעסטן ענגלישן שטאָף און געמזענע אויסגעפּוצטע שטיוולעטן; די פּיאותלעך זענען ביי אים געווען קונציק פאַרשטעקט אונטער דעם היטל און געוווּסט האָט מען: ער איז אַ זון פון אַ באַקאַנטן וואַרשעווער גביר, איז ער!

קיין צו שאַרפן קאָפּ האָט ברוך־עליע נישט געהאַט, אָבער ברוך־עליע האָט געהאַט אַ מעלה: ער איז געווען אַ גוטע נשמה און זיך געקלעפּט צו אַלע אָרעמע ישיבה־בחורים און זיי אָפט איינגעלאַדן צו זיך אַהיים.

ס׳איז דאָך נישט דער „הערשעלע יחוס״, אויך אַ וואַרשעווער גבירס אַ זון, וואָס האַלט זיך פאַרריסן שטייף, און כאָטש אַז עס קומט צו אַ שטיקל „פּרי מגדים״, דאַרף מען אים שטענדיק אונטערזאָגן, אָבער ער האַלט זיך מעשה תקיף, איין קלייניקייט: ר׳ יאָסעלעס זון, ר׳ יאָסעלע דעם האָלץ־סוחרס, וואָס האַנדלט מיט אויסלאַנד.

האָט מען אים טאַקע געגעבן דערפאַר דעם צונאָמען „הערשעלע יחוס״, אַזוי צו זאָגן: דו האַלטסט זיך מעשה יחסן? זאָל דיר ווויל באַקומען, און קיי־נער האָט מיט דיר נישט קיין מחזקה.

און ס׳האָט געטראָפן, אַז הערשעלעס טאַטע, בכבודו ובעצמו, האָט מיט כוח פאַרנאַרט אַ פּאָר ישיבה־בחורים צו הערשעלען אויף אַ חתן־מאָל — זענען זיי צוריקגעקומען פאַרשעמט. הערשעלעס מאַמע און אַ טוץ דינסטן, האָבן זיי דאָרט געהאַלטן אין איין מושטירן: דאָ שטיי נישט און

גיי נישט; דאָ רייב זיך קודם־כל אָפּ די שיך, און דאָ זעץ זיך ווו מען הייסט דיר, און דאָ מאַכט מען דיר באַמערקונגען, אַז דו זיצסט נישט גלייך, אַז דו האַלטסט נישט דעם לעפל־גאָפּל ווי עס באַדאַרף צו זיין. מיט איין וואָרט: זיי האָבן פאַרזאָגט אַ צענטן נאָכאַמאָל אַריינצושמעקן צו הערשעלען אין שטוב אַריין.

ביי ברוך־עליען פילט מען זיך אָבער ווי ביי זיך אינדערהיים. ברוך־עליע איז אַזוי צוגעלאָזן, און אַז מ׳קומט אַריין צו אים — וואָלט ער גע־וואָלט זאָלסט שוין אַזוי בלייבן כאָטש איבער נאַכט, עפּעס, ווי מ׳וואָלט אים אַ טובה געטאָן.

פאַראַן שוין אין דער ישיבה חברה, וואָס וויסן צו דערציילן, אַז ביי ברוך־עליען אין שטוב איז מיט יאָרן צוריק אַן אומגליק געשען: אַ שוועס־טער זיינע האָט זיך פאַרליבט אין אַ שגץ און זיך אָפּגעשמדט. אָבער קיי־נער דערמאָנט עס נישט ברוך־עליען, כאָטש די זעלבע וואָס דערציילן, וויסן, אַז דער דאָזיקער שוואַרצער פלעק, איז אויף דער משפּחה געבליבן ביז אויפן היינטיקן טאָג, און ס׳איז שווער עמעצן פון ברוך־עליעס משפּחה אַ שידוך צו טאָן מיט אַ קינד.

איז טאַקע אויסגעגאָסן אַזאַ אומעט אין ברוך־עליעס שטוב. ווי גרויס און ווי שיין די שטוב איז — אַלץ עלנטער שטייט אין איר דער אומעט.

פאַרנעמען זיי אַ גאַנצן שטאָק אין איינעם פון זייערע צוויי הייזער, וואָס שטייען איינס נעבן ס׳אַנדערע אויף מוראַנאָוו.

די זיבן צימערן זענען הויך און ברייט און ווייסלעך־קיל און אָנגע־שטעלט מיט מעבל און די פענצטער זענען באַהאָנגען מיט טייערע גאַרדינען און דער טאַטע, ברוך־עליעס, ר׳ מענדל, דער סאָכאַטשאָווער חסיד, גייט אַרום אין די שטעקלאַטשן און אין זיידנעם שלאַפראָק, רויכערט שטונדן אַ ציגאַר און איז מעיין אין ספרים, אָדער אַמפּערט זיך מיטן „דזשאָנדצע״ (הויז־פאַרוואַלטער) וועגן עפּעס אַן ענין. אָבער אַז עס קומט עמעץ פון די ישיבה־בחורים אַריין צום זון, ווייסט ער נישט ווו אים אַוועקצוזעצן און מיט וואָס אים מכבד צו זיין.

לפנים, איז זיין געזיכט פאַרכמורעט שטרענג, מעשה וואַרשעווער גביר, אַ בעל־הבית פון צוויי ריזיקע הייזער, ווו עס וואַיגען צענדליקער לאָקאַטאָרן.

אָבער באַלד ווערט די שטרענגקייט־גרימאַסע צעגאַנגען און דאָס געפיל פון געפאַלנקייט מאַכט דאָס פּנים אונטערטעניק־ליבלעך, און ס׳ווערט אַזוי מאָדנע טרויעריק ווען ר׳ מענדל טראָגט אַריין אין דער סאַלע עפּעס אַ באַזונדער־שיינעם שטול אָוועקצוזעצן מיך און וואָס דעם גאַנצן כּיבוד צום טיש טראָגט אַריין ר׳ מענדל אַליין.

פון אָפּט קומען צו ברוך־עליען, האָב איך שוין געוווּסט: ברוך־עליעס מאַמע איז שוין יאָרן געליגן אין בעט צוגעבונדן. זי שעמט זיך צו ווייזן פאַר לייטן. ווען ס׳קומט עמעץ אַריין, פאַרקלייבט זי זיך אין איר צימער און קוקט נאָר פאַרבאָהאַלטן אַרויס פון דעם פּיצל אָפענער טיר ווער עס איז אַריינגעקו־מען.

מיטן גאַסט פאַרנעמט זיך ר׳ מענדל. דער טיש ווערט יום־טובדיק אָנגעשטעלט מיט כּל־טוב און ס׳איז ר׳ מענדלס פאַרגעניגן אַ פּינקל צו טאָן מיט זיין חריפות און בקיאות פון סאַכאַטשאָווערס גאונות; און אַז גאָט העלפט און דער ישיבה־בחור איז אויך נישט אַבי־ווער און דאָס יונגע מוחל שטעלט אַמאָל ר׳ מענדעלען אין אַ פאַרלעגנהייט מיט זיינס אַ קשיא, ווערט דעמאָלט ר׳ מענדל אינגאַנצן צעשמאָלצן פאַר נחת און ער טראַכט... ווער ווייסט וואָס ער טראַכט דעמאָלט? נאָר אַז ס׳באַווייזט זיך אין שטוב דאָס יונגע מיידל זיינס, די סטודענטקע פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַ בלאָנד, שיין מיידל, גיט אַן עפן די הויכע ווייסע טיר און גיט אַ מורמל אַ וואָרט פּויליש, רופט איר דער טאַטע אַריין און רעדט מיט איר ייִדיש אויף צו פּלייסן:

— חיהלע, דערצייל וואָס האָסטו היינט געלערנט?

דאָס מיידל רויטלט זיך פאַרווונדערט פון טאַטנס מאָדנע פראַגע דווקא אין ייִדיש און פון דער אָנוועזנהייט פונעם גאַסט.

אָבער ר׳ מענדל וואַרט נישט אויפן ענטפער און גיט אַליין צו:

— ס׳האָט אַ גאונישן קאָפּ, גאַנצע נעכט ליגט עס איבער ביכער, עס שטודירט מעדיצין, ס׳וועט זיין אַ דאָקטער!

***

לאַנג אַזוי זיצן מיט ר׳ מענדלען קומט נישט אויס, ווייל עס באַווייזט זיך באַלד אַ „דזשאַנדצע״, אָדער עפּעס אַן אַנדער אַריינגייער, וועלכער נעמט

ר׳ מענדלען צו, און דעמאָלט רופט ברוך־עליע מיך אין זיין אייגענעם צי־מער, וואָס איז לעבן דער סאַליע. ברוך־עליע, וואָס נעמט אין דער פרייער צייט פון לערנען לעקציעס מוזיק, שפילט אויס אויף דעם פידל טשאַי־קאָווסקיס נאָגענדיקע „באַרקאַראָלע״ און דער ניגון דערציילט די גאַנצע פאַרשעמטקייט פון דער שטוב און פונעם קלעמענדיקן ווייטיק, וואָס די מענטשן דאָ דערציילן נאָר מיט אַ ווונק, מיט אָנצוהערענישן. ברוך־עליעס אויגן ווערן אַזוי מיטאַמאָל פאַרטראַכט, עלטער, פאַרקוקט אויף עפּעס אַ פונקט אין שטוב, וואָס ער אַליין נאָר זעט אים, ווי פון דאָרטן טאַקע וואָלט עס געקומען דער שאָטן, וואָס הויערט אויף זייער משפחה, וואָס דעם טאַטנס זיידענער שלאָפראָק און לומדות קענען אים נישט פאַרווישן.

# די קיך

די קיך ביים פעטער שמחה, די קיך אין דער רייכער וואַרשעווער נגידישער שטוב, איז געווען נישט בלויז אַ קיך ווו מען קאָכט און מען גרייט צו עסן צום טיש — נאָר אַ פענצטער אין אַ וועלט, וואָס איך האָב נישט געקענט.

דאָרטן, אין די שיינע, הויכע, אויסגעפּוצטע צימערן, האָט געקיניגט פעטער שמחה; אַהין פלעגן קומען אַנדערע מענטשן, גאָר אַנדערע ווי די, וועלכע פלעגן קומען אין דער קיך.

אין דער קיך זענען געווען די געוועלטיקערינס — די גוטע מומע גיטל און דאָס שטוב־מיידל, יודקע.

צו דער מומען פלעגן קומען ייִדענעס מיט צעוירענע פּנימער, איינ־געהילט אין פאַטשיילעס, ברענגען אַ גאַנדז, אַ הון; עס פלעגן קומען מיט נעבעכדיקע בלאָסע געזיכטער אָרימעלייט אַזעלכע, וואָס קומען בלויז ערב שבת, ערב ראש־חודש; און אַזעלכע, וואָס קומען צופעליק, אַרומגייענדיק איבער די הייזער.

צו יודקען פלעגן קומען חברטעס, דינסטן פון די שכנותדיקע, רייכע, נגידישע הייזער, אַריינכאַפּן זיך אויף אַ ווײַלע צווישן איין אַרבעט און דער צווייטער און זיך דערציילן סודות פון די היימען ווו זיי דינען, אויסביטערן די פּרעטענזיעס צו די קאַפּריזנע באַלעבאָסטעס, צעשיינען זיך פון פרייד וועגן זייערע ליבעס מיט שיק־ייִנגלעך פון די געשעפטן; פאַרכמורען זיך וועגן דעם, אַז עס וועט פון דעם גאָרנישט ווערן, ווייל קיין נדן האָט מען נישט; און וואָס זאָגט דאָס שיינע פּנים, אַז מען קען זיך נישט אייַנאָרדענען און מען דאַרף נאָך יאָרן האָרעווען אויף צוצוקומען צו עפּעס.

ביי יודקען האָט די קיך „געשמעקט”. זי האָט די ווענט באַצירט מיט שיינע בילדער און מיט בלומען, און ווען נישט דער שטיינערנער, געקעסטל־טער, שוואַרץ־ווייסער פּאָל, וואָלט מען נישט דערקענט אַז עס איז אַ קיך.

זי האָט שוין ביים פעטער געדינט יאָרן. ווען זי איז געקומען פון איר קליינעם שטעטעלע, איז זי נאָך געווען גאָר יונג, אַ פּופּצן־יעריק מיידל. מיט די יאָרן האָט זי זיך אַזוי איינגעלעבט מיט דער שטוב, אַז זי האָט שוין נישט געטראַכט פון דאַנען אַוועקצוגיין.

יודקע פלעגט באַזונדער זאָרגן פאַר מיר, איך זאָל עסן צו דער צייט, זיין זאַט. דאָס האָט מיין מאַמע זי אַזוי אָנגעבעטן, געבראַכט מתנות, אַז יוד־קע זאָל אויף איר בן־יחיד, וואָס לערנט אין אַ וואַרשעווער ישיבה, מער אויפפּאַסן. יודקע פלעגט עס טאָן נישט אַזוי צוליב די מתנות, ווי צוליב איר גוטסקייט און דרך־ארץ פאַר אַ ישיבה־בחור.

זי פלעגט זיך אויפהייבן פאַרטאָג און נאָך איידער זי פלעגט גרייטן דאָס עסן פאַר דער שטוב, האָט זי גיך־גיך פאַר מיר אָנגעגרייט אָנבייסן און מיר נאָך אין דער ישיבה אַריין מיטגעגעבן אַ פּעקעלע, ווייל פון דער ישיבה פלעג איך קומען אַזש פאַרנאַכט צום מיטיק.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז יודקע גייט גאָרנישט אַרויס אין ערגעץ. איך פלעג איר שטענדיק זען אין שטוב און איך האָב זיך געוווּנדערט ווי אַזוי עס האָט זיך פּלוצים געיאַוועט אַ נייער אַריינגייער אין דער קיך: יוד־קעס אַ „ליובאָווניק"; ווי אַרום האָט ער זיך דאָ געגומען?

ער איז געווען אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ געקרייזלטער טשופּרינע און באַקן־בערד. לויטן אויסזען, אַוודאי מיט אַ צען יאָר עלטער פאַר יודקען, און אַזוי מגושמדיק פאַר איר קליין, שיין, דראָבנע ווען. עפּעס האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיין מגושמדיקייט און גראָבקייט פאַרשלינגט זי אינגאַנצן. אין זיין קעגנוואַרט פלעגט זי ווי נישט־ווערן; זי פלעגט נאָכאַמאָל אַ וויש טאָן דעם שטיינערנעם פּאָל, כאָטש ער האָט אַזוי אויך געבלאַנקט; אײַ־בערגיין יעדן ווינקל און פּוצן פון שטויב, כאָטש עס איז קיינמאָל קיין שטויב נישט געווען; נישט וויסן ווי שנעלער צו פאַרבעטן איר בעט, געהאַלטן אין איין איבערלייגן דעם בלאַנקיק־ווייסן קישן אויף דער קאָלדרע, דאָ צור־קאָפּנס, דאָ אינדערמיט, זיך געהאַלטן דערביי אין איין שפּיגלען אינעם שפּיגל, וואָס איז אין דעם געשיר־קרעדענס; פאַרריכטנדיק אירע שוואַרצע האָר, כאָטש אירע האָר זענען שטענדיק געווען מייסטערהאַפט צוגעקעמט, און זיך פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגן ברייטן צאָפּ.

דעם חתן האָט זי אָפּגעגעבן אַ שטול און אַליין פלעגט זי זיצן ווי אים צופוסנס, אויף אַ קליין בענקעלע, אויך אַזאַ מין חנדל, אַן אָרים חנדל אַזאַ, וואָס יודקע האָט צוזאַמען מיט איר גאַנצן האַרץ געשאָנקען איר געליבטן.

דער חתן פלעגט קומען ווען פעטער שמחה איז אין שטוב נישט געווען, און די מומע גיטל — כאָטש זי איז יאָ געווען — האָט אין איר שטענדיקער גוטסקייט, געוווסט צו לאָזן יודקען אַ שעה אַליין און נישט וויזן דעם חתן אַז יודקע האָט איבער זיך אַ באַלעבאָסטע, וואָס קאָמאַנדעוועט איבער איר.

איך פלעג אויך זיך באַמיִען וואָס ווייניקער צו גיין אין קיך, ווען דער חתן איז געווען, נאָר דאָס פאַרבאָרגן טייוועלע פון נייגיר אין מיר, האָט מיט אַזאַ מאָדנעם פאַרדאַכט געקוקט אויף די ווויליונגערישע, גלאַנציקע שטיוועלעך דעם חתנס, אויף זיין יאַטיש שטעקעלע און אויף זיין פרעך גע־לעכטערל, וואָס פלעגט דערשטיקט ווערן מיט שעפּטשענדיקע רייד.

עטלעכע חדשים איז ער אַזוי צו יודקען געקומען און דאַן איז ער פאַרפאַלן געוואָרן.

יודקע איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ. אַלץ וואָס זי האָט געטאָן האָט זיך נישט געקלעפּט. זי האָט אָפּט אָן אַ פאַרוואָס געוויינט. זי האָט זיך נישט געקענט דערהאַלטן אין שטוב אין די אָוונטן; מען האָט נישט גע־וווּסט וווּ זי ווערט פאַרפאַלן.

מומע גיטל האָט געפּרוווט ביי איר דערגיין וואָס עס איז מיט איר גע־שען, איר געטרייסט, אַז אויב דער חתן אירער האָט אַזאַ גזלניש האַרץ איז בעסער, אַז עס האָט זיך פריִער געענדיקט און זי וועט נישט דאַרפן מיט אים אָפּפינצטערן דאָס גאַנצע לעבן.

יודקעס שטענדיק שטיל פאַרטראַכט און פרום געזיכט איז עפּעס מגושמדיקער געוואָרן און רוי ווי עס וואָלט זיך צו אים צוגעקלעפּט דער ווינט. די מומע האָט עפּעס אָנגעהויבן צו פאַרדעכטיקן, אַלץ אָפטער גענו־מען אַרומקוקן יודקען מיט אירע שטאַרק קורצזיכטיקע אויגן. ביז איינמאָל איז די מומע מיט איר לאַנג, לאַנג, געזעסן אויף יודקעס בעטל. די מומע האָט גערעדט אַזעלכע שטילע רייד, אויף וועלכע יודקע האָט געענטפערט מיט שלוכצעריי און מיט „איך וועל די חרפה נישט איבערטראָגן”.

און נאָכדעם האָט יודקע גענומען פּאַקן איר קוישל, אָנגעפּאַקט עס

מיט קלייניקייטן, די מומע האָט איר נאָך וואָס צוגעגעבן. יודקע האָט געוויינט און די מומע האָט מיטגעוויינט.

און ס׳האָט מיטגעוויינט דער האַרבסטיקער טאָג און די בילדער אויף די ווענט, מיט וועלכע יודקע האָט אויסגעפוצט די קיך און איר חנעוודיק קליין בענקעלע, אויף וועלכן זי פלעגט זיצן ווען דער חתן פלעגט קומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און כאָטש גלייך אויף מאָרגן האָט זיך אַן אַנדער שטוב־מיידל באַוויזן אין קיך, איז אַזאַ עלנט דאָרט געשטאַנען, ווי מ׳וואָלט אַ בר־מנן אַרויסגעטראָגן...

# נישט אויסגעהאַלטן

די קריגעריי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריִער, שוין ביי די תנאים, נאָך די תנאים און ביי דער חתונה.

ווי זאָגט ביילע־איטע, די מחותנתטע פון דער כלהס צד: — אַז ס׳איז נישט קיין גליקלעכע פּאָר!

פון דער כלהס צד: אָפּגעקומענע מענטשן מיט יחוס־בריוו ביז צו דוד המלך; די מענער זאָגן אַ גלייכוועדטל, אַ תורהלע פון אַ זיידן, אַ גרויסן חסיד, זענען שטיל און באַשיידן, שטענדיק ביי דער זייט, רעדן נישט פון קיינעם און טראָגן זייער ביטער מזל אונטערטעניק, מיט איין שפּרוך אויף די ליפּן: „אַבי, רבונו של עולם, נישט אָנקומען צו לייטן״.

די ווייבער טראָגן נאָך די פּערל, אַ ירושה פון אַ באָבען, אַ רביצן, קענען דאָס דאַווענען פון אויסנווייניק, זענען קלאָר אין אַלע ווייבערישע ספּרימלעך, מאַכן איינגעמאַכטסן, ווייסן פון סגולות צו פאַרשיידענע חולאתן און מען קומט זיך צו זיי אַן עצה האַלטן.

נאָר ווי שטייט עס דאָרטן: „אַ געבונדענער קען זיך אַליין פון תפיסה נישט באַפרייען״. פאַר אַלעמען האָט מען עצות טובות, נאָר אַז ביי זיך אַליין הייבט אָן גיין שלעכט, איז קיין עצה נישטאָ.

און אַז עס איז ביי ביילע־איטען אונטערגעוואַקסן אַ טאָכטער, אַ יאָר, צוויי יאָר, דריי יאָר, האָט ביילע־איטע מער ווי וויינען נישט געקענט. ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי וויינען, — בלוט גייט פון די אויגן!

און אפשר מיינט איר, מענטשן זאָלן זען? — נישט ביי די רעכעלזאָנס! די משפּחה האָט פיינט זיך צו קלאָגן פאַר מענטשן! נאָר גלאָט אַזוי, דאָס האַרץ טוט ווי, אַ מאַמעס האַרץ: האָסט אויסגעכאָוועט אַ בת־יחידה, אַ קינד אויף אַלע גוטע פריינט געזאָגט! געראָטן, ברוך־השם, און קלוג און געבילדעט.

נאָר, אַז עס איז קיין מזל נישטאָ!...

שוין געפּרוּווט אַלע עצות: מען זאָל אַפילו דאָס גאַנצע צירונג פאַר־זעצן, וואָלט דאָס קיין הונדערט דאָלער נישט אויסגעמאַכט און דאָס איז ערשט דער אָנהייב...

דער נדן אַליין? אַז מען וויל עפּעס עכטס הייסט מען זיך באַצאָלן, איר פאַרשטייט? היינט וויל קיינער נישט קיין שידוך טאָן אָן געלט און וואָס אין ביילע־איטעס האַרץ טוט זיך — ווייסט נאָר דער אין הימל אַליין. דעם שדכן זאָגט מען אַפילו: ס'איז דאָ און אָפּנאַרן קען מען!

די שטוב איז נאָך אויפגערוימט ווי אַמאָל, דאָס רייכע מעבל שטייט נאָך און פאַר דער ריינקייט און ציכטיקייט זאָרגט שוין איר שרהלע.

— גאָלדענע הענט!

נאָר ווי זאָגט די וועלט: אַלע קען מען אָפּנאַרן, נאָר נישט דעם אַדוואָ־קאַט און נישט דעם דאָקטער, און ביילע־איטע גיט צו: אַפילו נישט דעם שדכן. דאָס איז ערשט ביילע־איטע קליגער געוואָרן נאָך דעם, ווי דער שד־כן, קלמן־בער, האָט איר אָנגעשלאָגן דעם שידוך, און טאַקע נישט קיין פאַ־סיקע פאַר!

פון דעם חתנס צד — אויפגעקומענע גבירים. דאָס געלט איז טאַקע אַ לאַטע, נאָר דעם פּראָסטאַק זעט מען אַרויס.

און דער חתן אַליין? גלייכער, אַז מען רעדט נישט. ס'הייסט, אַזוי, אויבנאויף, אויפן ערשטן קוק אַפילו אַ לייטישער בחור און אַ פאַרדינער אויך, נאָר האָט דען ביילע־איטע אַזאַ בחור אין זין געהאַט פאַר איר שרה־לען?

מ'האָט באַלד אויף די תנאים געשריַען, אַז ס'איז נישט.

פון איין זייט אָנגעבלאָזענע גראָבע יונגען מיט פולע קעשענעס געלט, רעדט מען אַ וואָרט — איז עס אַזוי הויך, אַז עס קלינגען די זילבערנע טאַצן אויפן קרעדענץ, און זאָגט מען אַ חכמה — איז עס טאַטע אין הימל, דערבאַרעם זיך, עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

און פון דער צווייטער זייט, נעבעך אָפּגעקומענע מענטשן, שטאָלץ מיט זייער יחוס, נאָר דאָך באַשיידן און רעדן ווי דורך זיידנס. האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ חתונה: געלט! מען הייסט זיך וויזן דעם נדן, אויף איר, שרה־לען, דאַרף מען זיך דאָך קענען, אויף געלט קען זיך אַ גראָבער יונג אויך.

עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז עס זאָל בכלל נישט צוקומען צו קיין תנאים־שרייבן, נאָר אומעטום זענען דאָך דאָ גוטע מענטשן און זכות־אָבות איז ביי אונדז גאָרנישט? מיט מזל תנאים געשריבן און אָפּגעלייגט מיטן נדן פון טאָג אויף טאָג, מעשה נסים טאַקע און אפשר וואָלט גלייכער געווען באַלד מען זאָל צו דער חתונה נישט געווען קומען?

ביילע־איטע האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגענאַרט, אַז זי האָט געלט. זי האָט געוווּסט, אַז אויסער אויף אַן אויסשטייער איז גאָרנישט נישטאָ. האָט ביילע־איטע אַלץ געהאָפּט אפשר וועט מען זיך פאָרט דערקענען אויף איר שרהלען, אַ קלייניקייט: ערשט אַ דריי חדשים פאַר דער חתונה זאָגט דאָס קינד: עס וויל געלט, ווייסט דאָך ביילע־איטע, אַז קיין פאַרברענגער־קע איז נישט איר שרהלע, אויף וואָס דאַרף זי געלט? ערשט ביינאַכט אַרום צוועלף: זי זעט איר אַרומגיין און חזרן אַ ביכל אויף פראַנצויזיש. נאָר אַז מען שמועסט פראַסטאַקעס!

אויף אַזעלכע זאַכן דאַרף מען זיך קענען!

און פון חתנס צד האָבן זיי דערווייל זיך נישט געקענט, האָט מען פון דאָרטן געהייסן סילוקן דעם נדן און ביילע־איטע האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און נאָר געבעטן זי זאָל נישט פאַרשעמט בלייבן, שונאים זאָלן נישט קיין נקמה נעמען אין איר. וואָס פאַר אַ שונאים האָט דען ביילע־אי־טע? זי רירט דאָך סך־הכל נישט אָן קיין פליג אויף דער וואַנט.

נאָר דאָס מיינט ביילע־איטע דעם בעל־חוב אירן. ביילע־איטע שפּאָרט פון מויל זי זאָל דעם חוב קענען באַצאָלן.

דער בעל־חוב איז איר אַ שונא געבליבן. נאָר, אַז עס איז באַשערט געווען, העלפט נישט. זי ווייסט טאַקע, אַז זי אַליין איז שולדיק, וואָס זי האָט פאַרדרייט עמיצן אַ קאָפּ. אָבער קען מען לאָזן אַ קינד אַלט ווערן? גע־האָפּט, געוואָרט ביז...

...שוין נאָענט צו דער חופּה. געסט צונויפגעפאָרן פון אַלע עקן מדינה. געלט האָבן טאַקע נישט די רעכעלזאָנס, דערפאַר ביי אַ שמחה פאַרזעצט מען אַ קישן און מען קומט צופאָרן, דאָס איז אַזאַ איינגעבוירענע זאַך פון יענע אַמאָליקע צייטן, ווען עס איז נאָך גוט געגאַנגען. געשמועסט האָט מען, אַז ביי דער חתונה דאַרף שוין ענדגילטיק געסילוקט ווערן דער נדן, האָבן טאַ־

קע די מחותנים פון חתנס צד געדולדיק געוואַרט די ערשטע מינוטן. באַלד און דאָס געלט וועט געבוירן ווערן, ווי דען אַנדערש?

די מחותנתטע פון חתנס צד האָט זיך אָבער נישט געקענט דערוואַרטן און אומגעדולדיק געשמעקט אין אַלע זייטן און דערשמעקט, אַז דאָס געלט איז נישטאָ.

איז זי אַ ווילדע אַריין צום חתן, וואָס איז געזעסן צווישן מאַנסלייט און געהאַלטן דעם פאַלטן זיינעם אין האַנט:

— קום פון דאַנען: איך מאַך נישט חתונה!

ווי אַ שוועבעלע אין אַ פאַס פולווער האָט זיך דער עולם אַרום טיש אויפגעכאַפּט, געריסן זיך פון די ערטער:

— וואָס איז? וואָס איז געשען?

— וואָס קומט דאָ פאָר, די חרפה, די בושה!

— אַזאַ בזיון אָנצוטאָן, דרך־ארץ פאַרן יחוס!

— איך וועל נישט לאָזן אַריינבאַרן אין זאַק אַריין, נישט געטראָפן ביי האָדלען דאָס אָרט! האָט די רביצין קיין געלט נישט געהאַט, האָט זי נישט באַדאַרפט חתונה מאַכן!

דער עולם איז געשטאַנען אַ געשפּאַנטער, אַ צעטומלטער מיט שטיי־ענדיק בלוט אין די אָדערן, און אין דער סאַליע פאַר ווייבער האָט זיך גע־הערט אַ כליפּעריי, אַ חלשן, קרובים פון דער כלהס צד זענען זיך פאַרגאַב־גען אין אַ יאָמערלעך געוויין. נאָר די געסט פון חתנס צד זענען ווי אויף אַ קאָמאַנדע אַרויס אויף האָדלס באַפעל:

— אַוועק פון דאַנען, אויס שמחה!

מענטשן זענען אָנגעקומען פון שטאָט אויס נייגער און געטראָפן ווי די געסט פון חתנס צד צעגייען זיך. אַ מאָדנער טרויער האָט גענומען וואַנדערן אין די חתונה־שטיבער, די ליכט האָבן געטריפט, די פלעמעלעך האָבן גע־ציטערט, געציטערט טרויעריק, ווי זיי וואָלטן דאָ געשטאַנען אויף דער ערד צוקאָפּנס פון אַ מת. עס האָט נאָר געפעלט, אַז עמיצער זאָל הייסן פאַרהענ־גען די שפּיגלען... דאָס קינד האָט געשוויגן. געשוויגן, נאָר דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן. מען האָט זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן. מען האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

ערשט ווען מען האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן פאַרדעכטיקטן שווייגן פון דער כלה, וועלכע איז געזעסן אין אַ ווינקל פאַרקנוילט, האָט מען ערשט דערזען, אַז זי האָט געחלשט.

דער שטומער אומגליק האָט געשפּאָלטן די שטילקייט פון דער נאַכט:

— אַ דאָקטער! אַ דאָקטער!

# ערב פסח

**ערב פסח...**

עס טוישן זיך די זמנים. ר׳ שמעון מלמד האָט דאָס לעצטע מאָל צוגע־מאַכט מיט אַ קוש די גמרא, און אין די אויגן זיינע איז געווען אַזאַ אומעט... ער ווייסט נישט צי די יינגלעך וועלן אויפסניי גיין ביי אים אין חדר. די בעלי־בתים זענען קאַפּריזנע און חול־המועד וועט מען ווידער דאַרפן ארומ־גיין פון הויז צו הויז, געוווּיר ווערן וואָס עס הערט זיך מיט דער מלמדות.

דערווייל האָט די רביצין אַריינגעטראָגן דעם פסח אין הויז. דאָס פּאַ־רעניש און דאָס רוימעניש ציט זיך שוין אַ וואָך צייט. זי האָט אונדז שוין איבערגעפירט פון שטוב אין קיך און פון קיך צוריק אין שטוב. אַ בריה אונדזער רביצין, זי קאַלכט און וואַשט אַליין. ערשט טראָגט זי אַרונטער די פּסחדיקע כלים פון בוידעם אַראָפּ. אונטער ווייסע טישטעכלעך סודען זיך יום־טובדיקע זאַכן און זאַכעלעך און עס שמעקט אין שטוב מיט פרישקייט, מיט אויפגערוימטקייט, מיט צוג־ווינט, און די זון ווערט דער גאַנצער באַ־לעבאָס איבער אונדזער הדר; די זון האָט שוין פאַרנומען אַ האַלבע שטוב און זי שפּיגלט זיך אין אַלע געשליפענע זאַכן, אין יעדער פּיצל שטויב. שמחה אויף דער וועלט און אַ פרייד איז אין אונדזער רבינס אָרעמער שטוב!

ערב פסח... אַ פרייד אויף דער וועלט! קען דען זיין מער צוגעקלעפּט, מער היימיש־נאָענט ווי הויז מיט הויז אין שטעטלדיקן מאַרק? נאָר הייגט זענען זיי זיך, הויז מיט הויז, נאָך מער נאָענט, ווי הויז מיט הויז וואָלטן זיך פאַרגאַנגען אין אַ טאַנץ. בלויז דער שטעטלדיקער קאָשטשיאָל שרעקט הייגט מיט זיינע קלאַנגען. די באָבע היט מיך, נישט צו גיין אין די אונטן היב־טערן שטאָט — פּסח־צייט האָבן זיי אונדז פיינט און צו ניי־יאָר ווערן זיי צו אונדז גוט — זאָגט די באָבע.

איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי קענען עס אונדז די גויים ליב האָבן און פיינט האָבן אין איין יאָר, אָבער איך הער איר; חדר־יינגלעך פירן ערשט

נישט קיין מלחמות מיט די שקצים פון די זאַמדן. ס'זענען דאָ ערשט אַזעל־כע מחיהדיקע שפּילערייען אויף די הויפן: טישן און בענק זענען איצט אין דרויסן, ספרים לופטערן זיך, און ס'איז דאָ מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען.

ערב פּסח...

רייזל, אונדזער שכנטע, די אַלמנה, וואָס שפּייזט זיך פון אירע דריי קאָזעס, פאַרקויפנדיק דאָס ציגן־מילך צו קראַנקע, האָט היינט, פּאָר אַ באָ־ווינע אַרויסגעלאָזט אירע קאָזעס. זי וואַשט זיי אַרום די בריסטן און הענגט אויף זיי אָן אַזעלכע לייוונטענע טאָרבעס לכבוד פּסח. די קאָזעס כאַפּן זיך קודם צו צום נייעם שטאַלעכל וואָס ר' שמשון בעקער, אונדזער באַלעבאָס, האָט אויפגעשטעלט אַריינצולייגן דעם גאַנצן חמץ. די קאָרע אויף די ברע־טער איז נאָך פריש, האָבן די קאָזעס וואָס צו גריזשען. זיי רייסן אַזוי לאַנג די קאָרע, ביז רייזל יאָגט זיי אַוועק און פירט זיי אין פעלד צום ערשטן ביסל גראָז וואָס האָט אַ גרין־אויף געטאָן ווי אַ דינער זיידענער טוך.

ערב פּסח...

און ר' שמשון בעקער, אונדזער באַלעבאָס, האָט שוין פאַרשלאָסן זיין בעקעריי אין קעלער. ר' שמשון איז אַ ייִד אַ תלמיד־חכם. אַ גאַנץ יאָר איז ער אין קעלער אין די נעכט, פאַרקנעט די דייזשעס טייג, ראַזעווע ברויט און זעמעלעך, און לאָזט דאָס אַלץ איבער צום זון זיינעם, דעם טויבן יאַש, וואָס באַקט דאָס אַלץ אויס אין אויוון, און אַליין גייט ר' שמשון אויבן אַרויף, זאָגט אָפּ ברכות השחר, כאַפּט אַ דרימל אַ פּאָר שעה, דאַוונט אָפּ, בעמט עפּעס אין מויל אַריין און זעצט זיך באַלד אַוועק לערנען, ביז שפּעט נאָך האַלבן טאָג. אין די שבתים לערנט ער תהילים מיטן מלבימס פּירוש. אַזוי ווי זיין ייִנגל, בן־ציון, האָט אַ שווערן קאָפּ, האָט ער הנאה מיט מיר צו לערנען. היינט, ערב פּסח, איז ער פאַרטאָן אין לופטערן די ספרים. ער בלע־טערט זיי פיל מאָל איבער און פאַרלאָזט זיך נישט אויפן ווינט. מ'איז אַ בעקער און ס'האָט זיך געקענט צוקלעפּן חמץ. און חמץ איז מען דאָך אַפילו אויף אַ משהוא, אויף אַ קליין קרישקעלע, אויך עובר אין פּסח אויפן „בל יראה ובל ימצא" (עס זאָל נישט געזען ווערן און נישט געפונען ווערן).

ערב פּסח...

צו אונדז זענען געקומען געסט אויף פּסח, דער פעטער שלמה מיטן

גאַנצן הויזגעזינד. ביי יידן פאָרט מען נישט אַוועק געוויינלעך פּסח פון דער היים, אָבער פעטער שלמה וווינט אויף אַ כוטאָר צווישן גויים, און כאָטש ס'איז דאָרטן דאָ מער ווי אַ מנין יידן, ציט עס פעטער שלמהן אין שטאָט. די באָבע האָט שוין נישט איין זיפץ געטאָן אויף פעטער שלמהס דאָליע:

— אַ ייד אַ למדן, און איז נעבעך פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַן עק־וועלט...

— ס'גייט אים נישט דעם פעטער שלמהן. פון דער גאַנצער משפחה איז ער אַליין פאַרוואָרפן געוואָרן אין דאָרף, האָט אַ קרעמל, און אַז מ'דאַרף, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, אַ דאָקטער, מוז מען קומען אין שטאָט אַריין.

דערפאַר שמט דער פעטער שלמה מיט זיין לומדות. איין גאָט אין הימל ווייסט אַז דאָס קרעמל פירט ס'ווייב און פעטער שלמה אַליין זיצט גאַנצע טעג על־התורה.

וועט טאַקע זיין פריילעך פּסח. דער זיידע וועט זאָגן די הגדה, אָבער וואָס פאַר אַ זאָגן איז עס? מ'רעדט אין לערנען באַלד נאָך דער ערשטער העלפט, און די ווייבער פאַרשטייען נישט און קוועלן אָן, אין לשער.

און איך, דער בן־יחיד, וועל האָבן פעטער שלמהס יינגלעך מיט וועמען זיך צו שפּילן...

מ'הייבט אָן גלייך ערב פּסח, דאָס ערשטע: דאָס פאַרעניש אַרום חמץ פאַרברענען. מען פאַרברענט דעם חמץ אין פעלד, און חיים און משה, פעטער שלמהס קינדער, לויפן מיט מיר וויט־וויט, אַזש צו דעם הילצערנעם וויאַטראַק (מיל), וווּ עס קנוילט זיך אַ רויך און עס שטיקט אַזש אין האַלדז פון די געענדזענע פעדערס, מיט וועלכע מען איז בודק־חמץ. אָבער אויפן האַרצן איז אַ מחיה — וואַרעמע ווינטעלעך לויפן אָן פון ערגעץ עק וועלט און אָזוי פיל גוטע בשורות אין זייער מויל! אַזעלכע בשורות, אַז די אייניקע שוואַרצע וואָראָנעס, וואָס טוליען זיך נאָך ערגעץ צו אַ בוים, דערשרעקן זיך און פליִען אַוועק...

ערב פּסח...

# אַ ווינטערדיקער שבת ביי דער באָבען

דער ווינטערדיקער טאָג האָט איבערגעדעקט די הייזער מיט ווייסע איבערבעטן פון שניי — אַלץ דרימלט.

איך בין ביי דער באָבען. כ׳בין דאָ געבליבן נעכטיקן. פאַרטאָג האָט די פּאַוועליכע איינגעהייצט דעם אויוון: אַ נידעריקע גויע מיט אַ טיכל פאַר־בונדן אויף הינטן. זי ברענגט מיט זיך שטענדיק די שרעק פון פאַרטאָג און שטענדיק האָט זי צו דערציילן עפּעס אַ מוראדיק געשעעניש.

— לייביכאָוואַ סלישי? אומער פּראַנושעק, טשלאָוויעק פּאָלאָזשיל שען ספּאַטש אי ניע װסטאַל (די לייביכע הערט? געשטאָרבן פּראַנושעק, אַ מענטש זיך שלאָפן געלייגט און מער נישט אויפגעשטאַנען). — אָדער זי שרעקט איבער מיטן וועטער און גלויבט נאָך אַלץ, אַז די וועלט גייט אונטער אַ ליאַדע טאָג, אַזוי האָט איר אַ ציגיינערקע געזאָגט.

— יאַק טאַם נאַ דוואָזשע? (ווי זעט עס אויס אין דרויסן?) — פרעגט די באָבע.

— אָ, אָ, לייביכאָוואַ, מאַרניע, בידניע טשלעקאָווי נאַ טים שוויעטשע (אָ, לייביכאָווע, ס׳איז ביטער, ס׳איז שלעכט דעם מענטשן אויף דער וועלט). די באָבע כאַפּט עפּעס אַרויף אויף זיך און ברענגט איר פון קיך אַ שטיקל חלה, אָדער קיכל און די פּאַוועליכע שלינגט עס אַראָפּ אין גרויסע ביסנס, און מיט אַ פאַרשטיקט קול דאַנקט זי אָפּ מיט נאָך שרעקלעכע מעשיות. זי זיצט אויף אַ בענקעלע ביי דער טיר און וואַרט עס זאָל זיך אויסברענען. איך בין אַרויס פון זיידנס בעט און שטיי אין אַלקערל, אַקעגן דעם אָנגעהייצטן אויוון. איך קוק ווי די פלאַמען כאַפּן אַרום דאָס האָלץ און די העל־צער ברענען, ברענען אַרויסגעבנדיק פון צייט צו צייט אַ שאָס, אַ שפּריץ מיט פונקען.

איך האָב שטענדיק אין זינען דעם פייער־אויוון פון אור־כשדים, וועל־כן איך קען אַזוי גוט פון חומש. אין אַלקערל לייכטן זיך נאָך ביים פייער

די דריי קוישן, וואָס זענען דאָרט פאַראַן, דער באָבעס בעט און דעם זיידנס „אַפּטייק״, וואָס שטייט אויסגעשטעלט איבער דער טיר אויף צוויי פּאָלי־צעס. אָבער מיין מוחל דאַרף נאָר אַרויסרופן אַ פּאָר היימישע געשטאַלטן אַז דער גאַנצער חומש זאָל מיר פאַר די אויגן שטיין: הרן דאַרף זיין אַ לאַנ־גער, אַ דינער ווי דער אָרעמאַן, דער לאַנגער, דער שמאַלער, מיטן שוואַרצן בערדל, דער שוסטער וואָס איך קען אַזוי גוט. מען רופט אים וורענע שוס־טער. הרן? מיט אים טוט זיך דאָך עפּעס אַ גאַנץ טועכץ, ווי רש״י דער־ציילט עס. מען פרעגט אים: — מיט וועמען האַלטסטו, מיט אברהמען אָדער מיט נמרודן? וואָרט הרן איבער ביז מ׳האָט אַברהמען אַריינגעוואָרפן אינעם קאַלך־אויוון, און איז אַרויס גאַנצערהייט, ערשט דעמאָלט שטייט הרן צו צו אַברהמען, מען וואַרפט אים אויך אַריין אין אויוון אָבער ער ווערט פאַר־ברענט...

פאַרוואָס מיין מוחל האָט זיך דערביי אויסגעקליבן דאָס געשטאַלט פון וורענע שוסטער — הייב איך נישט אָן צו וויסן. וואָס איז ער, נעבעך, גע־ווען שולדיק, אַז ס׳זאָל אים קומען אַזש צו פאַרברענען אין אונדזער אויוון, דעם קאַלך־אויוון פון אור־כשדים? אָבער ווער קען צוימען מיין פאַנטאַזיע, וואָס זעט אַפילו די אותיות פון אַלף־בית ווי לעבעדיקע וועזנס, איז אין כעס אויפן לאַנגן „ף״, ווייל ער זעט אויס צו זיין „פאַרריסן״, און בין פאַר־ליבט אינעם לאַנגן „ץ״ (צדיק) — נישט צוליב דעם וואָס ער איז אַ צדיק, נאָר ווייל זיין שלאַנקע פיגור דערמאָנט אינעם שיינעם הירש מיט די צע־צווייגטע הערנער, דעם הירש וואָס איך קען אַזוי גוט פון מיין קינדער־ביכל.

צו די דריי גרויסע שאָטנס פון די קוישן, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלייגט ביי דער טיר דרימלען, וויגט זיך צו דער שאָטן פון דער פאַוועליכע, אַן אומגעלומפּערטער, אַ רויער, דערלאַנגט מיט זיין שפּיץ ווי מיט אַ צייג־פינגער אַזש אויפן קאָפּ פון דער סאָפע, ווי ער וואָלט עמיצן אָנגעוויזן אויף עפּעס, און מיט איין עק גלעט דער שאָטן די איבעריקע שאָטנס איבער די קעפּ, ווי קינדער וואָס האָבן זיך צעווײנט און מען באַרויִקט זיי דאָ...

היינט איז שבת! די גאַנצע פרייד פון דעם דאָזיקן וואָרט האָב איך נאָך געפילט פון נעכטן בייטאָג אין חדר: דער רבי האָט דאָך געלערנט ווי שטענ־

דיק, אָבער היינט איז צוגעקומען אַ תּרגום אונקלוס, וואָס מיר לערנען נאָך פֿרייטיק. ווי שווער דער תּרגום איז, אָבער ווייל מען לערנט אים פֿרייטיק, באַקומט ער אויך אַ באַזונדערן חן. ער שמעקט מיט די אַלע גוטע ריחות, וואָס גייען־אויף פֿון מיין רביצינס אָרעמער קיך: פֿיש, בעבעלעך און עפּעס צוגעפּרעגלטס. דער חומש זאָגט זיך פֿון זיך אַליין, וויגט איין, נאָך אַ שעה און מיר זענען פֿריי. קיין מאָל האָב איך אַזוי מיין רבין נישט ליב ווי פֿרייטיק. דאַכט זיך, אַז היינט שיינט ער מער ווי אַ גאַנצע וואָך, דער רבי אונדזערער. צוריק געקומען פֿון מרחץ מיט דעם ווייסן איבערגעטועטעם העמד, זעט דער רבי אויס עפּעס לויטערער און גלייכצייטיק עפּעס עלטער. איך בין גרייט צו וויינען דערויף וואָס די הענט ציטערן אַזוי ביי מיין רבין און אַפֿילו אויף דעם וואָס אַז דער רבי שלאָגט מיך, טוט מיר נישט וויי, ווייל דער רבי איז שוין שוואַך און די עלטער איז אויף אים אַרויף מיט אַמאָל. דער רבי זאָגט: „אַ גוטן שבת, קינדערלעך" און מיר זענען שוין פֿריי ביז שבת צו „ברכי נפשי". מיט מיין חבר ראובן האָב איך מיר אָפּגעזעגנט ביי דער קוזשניע, ביים עק שטאָט און פֿאַרענדיקט אַלע מסחרים, דאָס ביסל קנעפּ, וואָס איך בין אים שולדיק, די פּאָר שרייפּעלעך, וואָס מיר קומט ביי אים אַרויס. ער האָט מיר אויך שוין דערציילט דעם סוף פֿון דער מעשה, וואָס ער האַלט מיר אַין איין דערציילן אַ גאַנצע וואָך און זי ענדיקט זיך קיין מאָל נישט. היינט האָט זי זיך פֿאַרענדיקט. ער האָט דעם סוף געקויפֿט ביי יחיאל דעם ציצית־הענדלער, וואָס האַנדלט אויך צו מיט מעשה־ביכלעך. דער סוף פֿון דער מעשה איז אַזאַ שרעקלעכער, אַז איך לאָז מיך באַלד צוריק אַהיים פֿון מיין חבר ראובן, אַזאַ פּחד באַפֿאַלט מיר...

אָבער ס'איז פֿאָרט שבת!

דער אויוון איז שוין אָנגעהייצט, די פּאַוועליכע האָט שוין פֿאַררוקט דעם שיבער, ערשט וועל איך צוריק אַריינגיין אין זיידנס בעטל און זיך איינהערן אין זיידנס לערנען. היינט איז זיין ניגון אַנדערש ווי שטענדיק, מילדער איז ער און אַזוי נאָגנדיק... זיין ניגון וועט זיך טוישן מיטן אומעטיקן געזאַנג פֿון סיקענדיקן טשייניקל אין קיכל. ווינטן וועלן אַריבערלויפֿן פֿון אונדזער גאַס. ווינטן, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ דין געוויין, זוכן עפּעס אַ פֿאַרלוירענע זאַך, קענען עס נישט געפֿינען און צעבייזערן זיך אויף זיך

און אויף דער גאַנצער וועלט, פּאַרטשעפּענדיק בלעכן אויף דעכער און פּאַר־לירן זיך אין דער וועלט מיט אַ יאושדיק געאיילעריי.

כוואַליעס פינצטערניש וועלן פאַרביישווימען אונדזערע פענצטער, אָבער אינעווייניק ביי אונדז איז אַזוי ליב און וואַרעם! דער טאָג וועט פּאַ־מעלעך אויפדעקן די שלייערן פון די הייזער און געלאָסן פאַרשלינגען דאָס טונקעלע ליכטיקייט פון לעמפּל. דער זיידע וועט שטייענדיק אויסגעדרייט צום פענצטער זאָגן די ברכות־השחר. אַלץ באַקאַנטע וועט ניי זיין: שבת! שבת־סעודה און שבת־שלאָף. און דערנאָך הייבט די באָבע זיך אויף, טוט אָן די ברילן און זאָגט „ברכי נפשי". דער טאָג האָט זיך פאַרקליבן אין אַלע ליי־דיקע כלים, פאַרבאַהאַלטן זיך אין די ווינקלען. זיין שפּראַך איז די טונקלקייט, אַ קלעפּיקע, אַ דרימלענדיקע. ערשט זיץ איך דער באָבען צופוסנס אויף אַ בענקעלע, דעם קאָפּ אויף אירע קני אָנגעלענט. איך וועל היינט נישט גיין אין חדר צו „ברכי־נפשי". ס'איז מיר ליב אַזוי לעבן דער באָבען צו זיצן און וואַכן דרימלענדיק און הערן איר זאָגן. פון דרויסן ברענגט דער ווינט מיט אַ הייפל טריט. די טריט וואַקלען זיך אויף די טרעפּ און בלייבן ביי דער שוועל שטיין. ס'איז דער משוגענער מרדכי־מענדל מיט אַ צעיוירן טעמפּ פּנים און מיט אויגן, וואָס וואָלטן ווי געקוקט אין זיך אַריין. שטייט ער אַזוי לאַנג ביז די באָבע דערלאַנגט אים דאָס גאַנצע איבערבלייבעכץ פון די טעפּ, די פאַרטריקנטע שטיקלעך קוגל, די קאַרטאָפל פון טשאָלענט. ער זאַמלט בלעטלעך פון קאַלענדאַרן, אונטער דעם היטל טראָגט ער זיי, אין די קעשענעס. די באָבע זאָגט, אַז ער איז אַ גלגול פון אַ גביר, וואָס האָט קיין צדקה נישט געוואָלט געבן, דערפאַר איז ער היינט געשטראָפט צו האַלטן אין איין קלייבן פּאַפּירלעך. איך צי מיך צוריק אין לעבן דער באָבעס זייט. ס'איז אַזוי גוט וואָס קיינער איז היינט נישט געווען, די שכנ־טעס נישט און משפחה אויך נישט. איך האָב פיינט דעם געפּילדער פון דער משהליכע מיט איר קוויטשענדיק קולכל. אַלעמען באַרעדט זי, איז איבער־געקליגלט און צופּט זיך איר בלוילעך וואַרצעלע אַרום דער ליפּ. איך ווייס נישט פאַרוואָס די באָבע פאַרפירט מיט איר אַזעלכע שמועסן. איך בין נישט דרייסט צו פרעגן, אָבער די באָבע איז ביי מיר העכער, שענער, ווען זי רעדט נישט מיט איר. איך האָב ליב די שטילקייט, וועלכע זי שטערט נישט

מיט אירע רייד. איך וויל שוין בעסער די באָבע זאָל מיט מיר גיין צו דער מומען אויפן וועג צום בית־עולם, און כאָטש דער וועג פירט צום סוף פון שטאָט און מען קריכט אין בלאָטעס דורך שייערן און עס דאַכט זיך ווי אַלע וואָלקנס, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט דורכן גאַנצן טאָג, האָבן זיך דאָרט אַראָפּגעלאָזט.

פון דער היים איז שוין געקומען נאָך מיר עטלעכע מאָל דישקע, אונד־זער דינסטמיידל, מיך אַרויפנעמען צום טאַטן. דאָס ערשטע מאָל האָט דער טאַטע זיך געבעטן און מיטגעשיקט אַ פּאָמעראַנץ, דאָס צווייטע מאָל האָט ער באַפוילן, אַז אויב כ׳וועל באַלד נישט קומען, וועט ער ווערן מיט מיר ברוגז.

אָבער גיין צו דער מומע מאַליע, איז אַ גרויסער נסיון אים בייצוקו־מען. דער טאַטע וועט עס מיר זיכער מוחל זיין. איך וועל שוין אונטער־וואַרטן ביז עס וועט נאָך טונקעלער ווערן. די באָבע וועט אַוועקשטעלן פאַרן זיידן די שלוש־סעודות, אָפּזאָגן „גאָט פון אַברהם" און אַוועק מיט מיר אויפן אומעטיקן וועג, וואָס פירט צו דער מומע מאַליען.

# דער לעצטער קרבן

**.1**

ס'איז געווען ביים דייטש. דאָס שטעטל האָט זיך נאָר־וואָס אויסגע־טשוכעט פון דער כאָלערע, וואָס האָט אַזוי פיל קרבנות פאַרשלונגען. ווייבער האָבן נאָך געווישט די פאַרטרערטע אויגן, און פון געוויינשאַפט אַלע טאָג געגאַנגען אויפן בית־עולם צו די קברים פון באַקאַנטע צדיקים, בעטן עס זאָל זיך מער נישט איבערחזרן דאָס אומגליק. פרומע יידענעס, גבאי־טעס, האָבן אָפּגעשפּיגן דריי מאָל אין דער זייט פון די פּאָר מיידלעך, אויף וועלכע מ'האָט געהאַט אַן אויג, אַז זיי זענען קוצעניר־מוצעניו מיטן קרייז־שעף, און אַז נאָר זיי פועלן ביי אים אָפּצוגעבן קאָנפיסקירטע סחורות, פאַר־ווישן אַן ענין פון אַן אַנטדעקט געהיים פאַבריקל פון זייף, פון בראָנפן. טאַ־טעס האָבן גענומען צוימען די בחורימלעך, וואָס האָבן זיך „אויסגעשפּאַנט", גענומען אָפּשניידן די פיאות, טראָגן קראַגעלעך מיט שלייפן און זיך גענור־מען דרייען אַרום ביבליאָטעק — אַלץ צו פאַרהיטן, אַז די מגיפה, רחמנא־ליצלן, זאָל זיך ווידער נישט באַווייזן. דעמאָלט גראָד האָט דאָס שטעטל גענומען גיין אויף רעדלעך מיט אַן אויסטערלישער מעשה: דוד'טשע טאַר־נאָווסקי האָט זיך פאַרליבט אין גישען, נחום פלאַטניקס טאָכטער!

דוד'טשע טאַרנאָווסקין האָט מען געקענט פאַר אַן עילוי אין שטעטל. לומדים האָבן באַוווּנדערט זיין אָפּענעם קאָפּ. נישט געווען עפּעס אַ שווער שטיקל גמרא אין ערובין, ווו מען דאַרף קענען מאַטעמאַטיק, ער זאָל עס נישט געבן צו פאַרשטיין גלייך אויפן אָרט. אַ חסידישער יונגערמאַן פון אַ יאָר פערציק, אַ צוגעפּוצטער, מיט אַ בערדל, פאַרקעמט אויףביידע זייטן, מיט אַן אָפּגעפּוצט קאַפּאָטל און גלאַנציקע שטיוועלעך. פאַרטאָן אין גע־שעפטן, איז ער געווען כולו „קונצן", פלעגט זאָגן שאַרפע וויצן, אַז ס'האָבן זיך אַרום אים שטענדיק געבערגלט מענטשן און זיך געדרייט אין דרייען

לאַכנדיק. ער פּלעגט באַווייזן זיין גבורה ביים צערייבן אין האַנט־פּויסט גרויסע שטיקער צוקער אויף מעל; זיך אַריינכאַפּן אין חסידים־שטיבל בין מנחה־למעריב, אַ כאַפּ טאָן אַ חסידישן יונגנמאַן און אים אַ פרעג טאָן עפּעס אַ שאַרפע קשיא אין לערנען, אַז יענער בלייבט שטיין פאַרגאַפּט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. מ׳דערציילט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־צדקה, אַז ער רופט אַריין אין אַ פראָסטן טאָג אַן אָרעמאַן און גיט אים אַוועק ס׳איי־גענע העמד, און די בלעכענע פּושקעס פון ר׳ מאיר־בעל־נס זענען ביי אים שטענדיק פול מיט זילבער־געלט.

האָט זיך טאַקע ס׳שטעטל געהוידעט: וואָס איז דאָ געשען? און נאָך גרעסער איז געוואָרן דער טומל, ווען אין אַ פּלוצימדיקן טאָג האָט זיך פאַר־נאַנדערגעטראָגן די בשורה, אַז ר׳ דוד׳טשע טאַרנאָווסקי איז אַוועק וווינען פאַר זיך, איבערגעלאָזט ווייב און קינדער און זיך פאַרקליבן ערגעץ אויף אַ בוידעם־שטיבל אין שכנות פון זיין געליבטער, און ס׳איז אַוועק אַ קלאַנג, אַז דוד׳טשע שטודירט אויף אַ דאָקטער. מענטשן וואָס פלעגן אַרויפקומען צו אים, האָבן אים געטראָפן זיצן אין בלויזן קאָפּ איבער ביכער מיט פאָ־טאָגראַפיעס פון אינגעווייידן פון מענטשלעכע קערפּערס.

געוווסט האָט מען, אַז דוד׳טשע טאַרנאָווסקי פירט מסחרים מיט נחום פלאָטניקן, אַז מען ברענגט צוזאַמען וואַגאָנעס מעל אַזש פון ראַסיי, אָבער וואָס האָט עס צו טאָן צו גישען? נישט אַנדערש ס׳מיידל האָט אים אַ כי־שוף אָפּגעטאָן!

און דער עיקר, אַז ס׳איז נישט עפּעס בסוד, אַזוי זיך, מענטשן פלאַפּ־לען. דוד׳טשע טאַרנאָווסקי שטעלט זיך אַוועק פאַר זייער געוועלב און מען רעדט אַזוי אָפּ שעהען.

די שיינקייט פון גישען איז טאַקע נישט געווען אַבי וואָס: אַ שלאַנקע, אַ דינע, מיט אַ שוואַרצן פאַרפלאָכטענעם צאָפּ מיט אַ זיידענעם שלייף פאַר־ענדיקט, און אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פונעם וויים־ווייסן פּנים, האָבן זיי, די דאָזיקע אויגן, דערמאָנט אין אומעט פון ליכט וואָס ברע־נען ביי טאָג. גאָרנישט, דאַכט זיך, האָבן די אויגן נישט געוואָלט, און דעם גאַנצן סוד האָבן מער דערציילט אירע רויטע, פליישיקע ליפּן, וואָס זענען שטענדיק אויסגעשפּיצט געווען ווי עמיצן אַ קוש צו געבן. אינעם קליידל

מיט קנעפּ פֿאַרשפּיליעט אויף דער פּלייצע און מיטן טריפֿהנעם גאָרסעט, וואָס האָט אַזוי בולט אונטערגעשטראָכן אירע צוויי שטייפֿע בריסטן, איז זי אַ גאַנצן טאָג אינעם טאַטנס געשעפֿט געשטאַנען. קרעמער פֿון נאָענטע געשעפֿטן האָבן שוין לאַנג גערעדט, אַז דער סוד פֿון נחומס גבירישאַפֿט איז גישע, זיין טאָכטער, וואָס נאַרט אַריין קונים מיט די אויגן. אָבער ווי בעמט עס אַ מויד און רעדט אָפּ אַ מאַן פֿון אַ ווייב, אַ טאַטן פֿון צוויי קינדער?

און מען זאָל כאָטש זאָגן, אַז רבקה, דוד׳טשעס ווייב, זאָל זיין אַ פֿאַר־זעעניש. חלילה! — אַ שיין ווייבל ווי גאָלד און קליידט זיך לויט דער מאָדע, און איר שכל — אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן! די מסחרים האָט זי דאָך געפֿירט מער ווי דוד׳טשע.

.2

שטעטל איז געווען דערוויַיל פֿאַרנומען מיט די נייעסן, וואָס האָבן אי־בערגעיאָגט איינע די אַנדערע. ביי מיכאל טייטל פֿון בראָוואַר האָט מען שוין אַריינגעמאַכט עלעקטריע; מענדל טרייסטער, דעם מילנערס זון, יעקב־אַריה, וואָס איז נישט לאַנג צוריק נאָך געווען אַ חסידישער בחור, האָט זיך אָב־געטאָן אין קורצן, אַוועק קיין וואַרשע און אַראָפּגעבראַכט אַ ווייב, וואָס גייט אין די אייגענע האָר, גייט נישט אין מקווה און קאָכט אום שבת; געדצע, דער ייִד, וואָס די דייטשן האָבן אַראָפּגעבראַכט אַזש פֿון וואַרשע צו אַר־בעטן אין מאַגיסטראַט, האָט געגרינדעט אַ טורן־פֿאַראיין, ווו ייִנגלעך און מיידלעך קומען, מאַכן גימנאַסטיק, קלעטערן אויף לייטערס, דרייען זיך אויף שטאַנגען; שיינע־לאהס איידעם, נעבעך, איז פֿאַרסמט געוואָרן פֿון גאַז אין זיין געהיים זייף־פֿאַבריקל; געקומען דער קרייז־שעף אַליין, פֿאַר־חתמעט דאָס גאַנצע הויז און אַרויסגעטריבן אויפֿן גאַס אַלע איינוווינער.

אָבער דאָס אַלץ קומט נישט צו דער מעשה מיט דוד׳טשע טאַרנאָוו־סקין. געלע, די גבאיטע, איז שוין נישט איין מאָל געווען ביים רב, איינגע־לייגט וועלטן, אַז נישט אַנדערש, אַז מען דאַרף זייביידן לייגן אין חרם אַריין, אַז נישט וועט זיך דער חורבן ווידער איבערחזרן. מען שמועסט, אַז דער רב האָט שוין טאַקע נישט איין מאָל גערופֿן דוד׳טשען אויף אַ וויכוח, נאָר

דוד׳טשע פֿאַרבליפֿט אים שטענדיק מיט זיין בקיאות און מיט שווערע שטעלן אין „מורה־נבוכים״, אַז דער רב, נעבעך, בעט זיך ביי אים מיט טרערן: — דוד׳טשע קרוין, אַזאַ קאָפּ, און אַוועק צו דער קליפּה!

נאָך אַזאַ שמועס ווערט דוד׳טשע אַן אַנדער מענטש. מענטשן וואָס וויסן, דערציילן, אַז מען זעט אים פֿאַרטאָג לויפֿן אין מקווה, און גאַנצע טעג דערנאָך באַווייזט ער זיך נישט אין גאַס. אוודאי עוסק אין תשובה, אַ סימן, מ׳האָט אים געזען פֿאַרטאָג צום ערשטן מנין אין בית־מדרש און אַ יום תהילים אָפּגעזאָגט. גיי ווייס, וואָס מיט אים קומט פֿאָר!

האָט מען גענומען זוכן עצות. ס׳איז קלאָר, אַז אין דער מויד שטעקט אַ קליפּה, וואָס פֿאַנגט כשרע נשמות. געלע האָט איינמאָל זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, ווען גישע, די מויד, איז געשטאַנען מיט דוד׳טשען פֿאַר דער טיר, זיך געטוישט מיט ליבע־רייד, איר אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט סאַזשע, כדי איר צו פֿאַרמיאוסן, אויסגעריסן איר האָר פֿון קאָפּ און מיט די האָר פֿאַרבונדן אַ קאָפּ פֿון אַ שוואַרצער קאַץ, ־אַ סגולה אַזאַ די טומאָה זאָל קיין שליטה נישט האָבן. ס׳האָט שוין געהאָלטן ביי פּאָליציי. מ׳האָט געלען שיעור נישט אין שטעטלס געפֿענגעניש גענומען. אַ נס, אַז גוטע מענטשן האָבן געשוווירן, אַז געלע איז, נעבעך, נישט ביים רעיון.

3.

די קראָ וואָס קומט אין שטעטל צופֿליען מיט בייזע בשורות אין איר מויל, האָט זיך דאָס מאָל אָפּגעשטעלט אויפֿן שפּיץ פֿון שטאָט־פּלומפּ מיט אַ פֿאַרכטיקער בשורה: — נחום פּלאָטניקס טאָכטער איז קראַנק מיט דער בייזער קרענק!

אין וואָס די בייזע קרענק איז באַשטאַנען האָט מען נישט געוווּסט, באַר פֿון דעם וואָס דער איינציקער רופֿא איז געווען ביי איר, באָטשקאָ דער פֿעלדשער, וואָס האָט קיין מורא נישט פֿאַרן מלאך־המוות, און איז וואָכן לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער פֿון די מגיפֿה־קראַנקע, האָט מען גע־ווּסט, אַז עס שמעקט נישט מיט קיין גוטס.

רחל, נחומס ווייב, האָט זיך געהאַקט קאָפּ אין וואַנט און געשאָלטן די שונאים וואָס האָבן איר טאָכטער אַן עין־הרע געגעבן.

אין וואָס די קרענק באַשטייט האָט קיינער נישט געוווּסט, נאָר באַטש־קאָ האָט געהייסן באַגיסן דאָס גאַנצע הויז מיט קאַרבאָל און אַלע שכנים האָט מען געפירט דריי מייל פון שטעטל אין דער גרויסער באָד, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעבויט בעת דער כאָליערע.

געהייסן האָט עס, אַז מ׳ווייסט נישט צי ס׳איז בויך־טיפוס, צי כאָליע־רע, ווייל גישע האָט זיך לאַנג געמאַטערט אין גרויסע יסורים.

— — — — — — — — — — — — — — —

...דער טאָג איז געווען אַ האַרבסטיקער. איבערן שטעטל האָבן זיך גע־קנוילט אָנגעשוואָלענע וואָלקנס, און פון מאָל צו מאָל אַ פרישע געטאָן מיט אַ שפּיציק רעגנדל. פון נחום פלאָטניקס הויז האָט געזעצט פון די פענצטער אַ געוויין, ווי פלאַמען פון אַ שריפה. די ווייבער פון חברה־קדישא, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען מטהר־זיין דעם מת, האָט באַטשקאָ באַפוילן צו גיין אויפן בית־עולם, ווו עס וועט זיין די טהרה, ווייל מ׳האָט מורא צו מאַכן די טהרה אין שטוב מען זאָל די מגיפה נישט פאַרשפּרייטן.

אַלע גבאיטעס וואָס האָבן גישען אַזוי פיל אויסגעשאָלטן, האָבן גע־האַט געשוואָלענע אויגן פון טרערן: „נעבעך, אַזאַ יונג קינד, ס׳האָט איר קיינער נישט געוווּנטשן אַזאַ טויט!"...

נאָר אונטער די פאַטשיילעס האָט מען שטיל געזיפצט: פאָטער אין הימל, זאָל עס זיין דער לעצטער קרבן!

# חאַצקל פון די „טויטע חסידים"

— ווו ווערסטו מיר פאַרפאַלן גאַנצע טעג? — פלעגט די באָבע פרעגן, און איך בין טאָקע פאַרפאַלן געוואָרן אין אויסטערלישע ווינקעלעך; איך בין אַלץ נייגעריק געווען צו זען, צו באַאָבאַכטן, אַלץ וואָס איז אַזוי אויס־טערליש, אַנדערש פונעם שטיל־פליסנדיקן שטעטל־שטייגער.

אָט בין איך ביי חאַצקל קצב, דעם מצבה־קריצער. חאַצקל איז שוין לאַנג נישט קיין מצבה־קריצער, זיין זעלטענעם טאַלאַנט אַזוי שיין אויסצו־קריצן געדרוקטע אותיות האָט ער שוין לאַנג פאַרביטן אויף איידעלערע קעגנשטאַנדן.

דאָס איז געווען אַמאָל (דער „אַמאָל" איז ערשט אַ יאָר צוויי אין דעם), ווען חאַצקל האָט נאָך געוווינט אין אַ הינטער־געסל אין אַ גרין־מאָכיקן הייזל און אויפן קליינעם הייפל זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע ווייסע און קאָלירטע מצבות מיט אַזעלכע צוויי שוואַרצע האַנט־פלאַכן פון אויבן, ווי צום בענטשן און מיט תנצב"העס און מיט שבחים פון די פאַרשטאָרבענע. אַרום די דאָזיקע מצבות, פלעגן מיר קינדער, אַזוי נייגע־ריק זיך פאַרקלייבן, מיט דער הנאה פונעם וויסן, אַז דאָ קענען די מצבות נישט שרעקן, ווייל ס'איז דאָך נישט אויפן בית־עולם.

היינט קריצט חאַצקל מאָנאָגראַמען אויף גאָלדערנע און זילבערנע זייי־גערס; מאַכט חתימהס פון צין און פון קופער; צירקלט אויס אַזעלכע פיצע־מאָנציקע אותיותלעך אויף גאָלדערנע בראָשקעס, אויף פינגערלעך; שניידט אויס בילדער פון כותל־המערבי, פון דער מערת־המכפלה, פון דער מוטער רחלס קבר אויף זילבערנע אתרוגים־פושקעס, אויף בשמים־ביקסלעך, אויף די ווענטלעך פון חנוכה־לאָמפּן.

חאַצקל איז אַזאַ שטילער, אַן איידעלער. מ'הערט אים קיין מאָל נישט אויפהייבן דעם קול. דאַוונען קומט ער אין גערער שטיבל און שטייט דאָרט אַזוי אויף מערב, לעבן האַנט־פאַס, דאָרט ווו אורחים אָרעמעלייט שטייען;

חסידים ווייסן אַז קיין גער פּאָרט ער נישט, ער געהערט צו די „טויטע חסידים", צו די בראַצלאַווער וואָס פאָרן מיט גרויס איינשטעלעניש צום רבין, שוואַרצנדיק גרענעצן קיין אומאַן, ווו עס געפינט זיך זייער רבינס קבר. מען דערציילט, אַז חאַצקל אַליין איז אויך שוין געווען אין אומאַן, און אַז ער איז אויף אַ שטיק צייט פאַרפאַלן געוואָרן, מ'האָט נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען; מ'האָט געמיינט, אַז ס'וועט שוין בלייבן אַ לעבעדיקע אַלמנה, און מיט אַמאָל איז ער צוריק געקומען אַן אויסגעדאַר־טער, מיט אונטערגעשוואָלענע אויגן און ער האָט שבת ביי קריאת־התורה געבענטשט גומל, דערציילט שפּעטער אַז ער איז געזעסן אין תפיסה פאַרן שוואַרצן דעם גרענעץ און אַז נאָר אין זכות פון ר' נחמן בראַצלאַווער איז ער ניצול געוואָרן.

און כאָטש קיין לעבעדיקן רבין ווו צו פאָרן אויף די ימים־טובים האָט חאַצקל נישט געהאַט — פלעגט ער פאָרן קיין וואַרשע צו די אומאַנער חסי־דים, ווו עס זענען געווען זייערע שטיבלעך ווו מע לערנט בציבור דעם רבינס תורה, מען כאַפּט אַ ריקודל און מ'איז שטענדיק בשמחה.

חאַצקל פלעגט זוכן איבערצוקערן חסידים אויף זיין דרך. אין זיין שטוב זענען געווען אַלע ספרים פון ר' נחמנען, ווי דער „ליקוטי מוהר"ן" און אַ צענדליק אַנדערע ספרים, ווי די „ליקוטי תפילות", די תפילות וואָס זיין תלמיד ר' נתן שטערנהאַרץ האָט פאַרפאַסט אויפן גרונט פון די ליקו־טים; דער „ספר המידות", דאָס ספרל וועגן ר' נחמן בראַצלאַווערס נסיעה קיין ארץ־ישראל; די מעשיות פון די זיבן בעטלער; דער גרויסער פינף־בענ־דיקער ספר אויפן שולחן־ערוך, ווו יעדער דין ווערט אויסגעטייטשט לויטן בראַצלאַווערס תורה אינעם ליקוטי מוהר"ן — אויך פון תלמיד זיינעם ר' נתן און נאָך ספרים, וועלכע חאַצקל פלעגט האָבן צו פיל עקזעמפּליאַרן און געהאַלטן פאַר אַ מצווה מזכה צו זיין מענטשן זיי זאָלן מעיין זיין דערין.

קיין וויכוחים פלעגט חאַצקל נישט פירן, נאָר פאַנאַנדערגעבן די ספרים. מיט די אַלטע חסידים האָט חאַצקל גאָרנישט געפּועלט, זיי פלעגן האַלטן ר' נתן שטיינהאַרצס ליקוטי הלכות פאַר שיינע לופט־שלעסער. דודל רעכט־מאַן פלעגט אַפילו „שניידן פּאַסן", געהאַט תרעומות: ווי נעמט מען עס אַ גאַנצן שולחן־ערוך און מע וויל אַלע דינים אַריינפּאַסן אין אַ רבי׳ישע תו־

רה? אָבער מיר — דעם יונגן בחורל — האָבן אַזוי געצויגן די בראַצלאַ־וּוער ספרים, סיי מיט זייער גענ׳יאַלער חריפות, סיי מיט זייער פּאָעטישקייט. דאָ רעדט זיך אַזוי פיל וועגן מענטשלעכע מידות, וועגן שוואַכקייטן און תאוות וועלכע איך הייב שוין אָן צו אַנען אין זיך; ערשטע רעגונגען קומען אויף, אין זייער באַדייטונג געפין איך אַזוי בולט אין דער ספרים־שראַנק ביי חאַצקלען. די שיינקייט פון דער נאַטור וועלכע שטראָמט אַזוי צו מיין יונג הערצל ווערט דאָ נישט פאַרלייקנט, נאָר ווערט אַזוי סודותדיק אויס־געטייטשט. דער זיידע פלעגט האָבן תרעומות צו מיר, וואָס איך גיב מיר אָפּ מיט אָט די ספרימלעך; אים איז נישט געגאַנגען אַזוי אין די ספרים, ווי אין דעם, איך זאָל מיר נישט אָפּרייסן פון לערנען. אָבער איך בין נישט געווען דער איינציקער, ווייזט אויס, וואָס בין אַזוי אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט דער מיסטיש געהיימער וועלט. חאַצקל, וואָס איז אויסערלעך אַזוי שטיל געווען און קיין הויך וואָרט נישט גערעדט, האָט זיין אַרבעט געטאָן צווישן די יונגע בחורימלעך פון דער קליינער ישיבה; איך האָב ביי חאַצ־קלען געטראָפן מענדל־חיים, שלמה־לייבעלע דעם אייזנקרעמערס, משה־ישראל בערס און זיגדל משה־חיימס, אַפילו ישראליקל משה־לייבס דעם אַלטן קאָצקער חסיד ר׳ בן־ציונס אַן אייניקל האָב איך דאָרט איינמאָל גע־טראָפן; ישראליק האָט אָט די ספרימלעך פאַרבאַהאַלטן פון דער היים. מו־רא געהאַט פאַרן זיידן, ביי וועמען ער איז געווען דער ליבלינג.

און איין מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן ביי חאַצקלען אַלע צוזאַמען. חאַצקל האָט אַראָפּגענומען דאָס שפּאַקטיוול וואָס ער האָט שטענדיק פאַר־קוועטשט אויפן אויג בשעת ער גראַווירט אויס מיט אַזאַ נאָדעלע קלייניג־קע אותיותלעך אויף גאָלדערנע און זילבערנע חפצים; ער האָט אונדז אַריינ־געבומען אין זיין צווייטן גרויסן צימער, און, אויפן שטייגער פון די בראַצ־לאַווער, האָט אויף אַקסל אויסגעשטעלט אין אַ קרייז און מיט אונדז גענו־מען טאַנצן. חאַצקל האָט זיך אַליין מער צעפלאַמט, מיט פאַרמאַכטע אויגן געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— גוואַלד! זייט זיך נישט מיאש! — די דאָזיקע ווערטער וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער אַליין. ער האָט מיט אונדז

געטאַנצט, אַ שטייגער ווי מיר וואָלטן נישט געווען קיין קליינע בחורימלעך, באַר — זיינס גלייכן.

ס׳ווייב האָט געהאַט טענות:

— אין מיטן פראָסטן מיטוואָך גאָר אַ טאַנצן אויף זיין קאָפּ!

און שכנים זענען אויך אָנגעקומען, אויסגעשטאַרצט די אויגן אויף ביז וואונדער. אָבער האַצקל האָט מיט אונדז ווייטער אַזוי געטאַנצט פאַר־דבקהעט ביז דוד רעכטמאַן, דער קנאי, האָט דערשנאַפּט די „קראַמאַליע״, געקומען צו לויפן, זיך אַריינגעריסן אין האַצקלס שטוב:

— ע, ע, ס׳מאַכט זיך פאַר אַזאַ שטיל וואַסערל און ס׳האָט שוין בחור־רימלעך צונויפגעזאַמלט, ווייל זיי מאַכן פאַר טויטע חסידים. כ׳וועל דער־ציילן די גאַנצע שטאָט, מ׳עט דיר פון שטיבל אַרויסוואַרפן, האָסט שוין אַ נעץ פאַרלייגט אויף ישיבה־בחורים? האָסט געזען, אַז מיט חסידים גייט דיר נישט, האַ?

האַצקל האָט זיך ווי נישט וויסנדיק געמאַכט, ווייטער געטאַנצט און נישט באַמערקט ווי מיר שאַרן זיך אַזוי אַרויס איינס נאָך איינס, מורא האָ־בנדיק דודל זאָל אונדז נישט פאַרמסרן אין דער היים.

# נחמיה קברן

דרייסיק יאָר איז נחמיה געווען באַגרעבער אין שטעטל. אויסגעזייט דעם בית־עלמין מיט קברים, צוגעווינט זיך צו געוויינערייען און ספּאַזמען, אַמאָל — איבער אַ יונג קינד, אַן עופהלע, וואָס איז פרי פון דער וועלט געגאַנגען, אַמאָל — אַ בחור אין מיטן סאַמע בלי אונטערגעשניטן, אַמאָל אַ מוטער פון קליינע קינדער; דרייסיק יאָר האָט נחמיה אָפּגעווינט ביים הקדש־שטיבל אויפן בית־עולם. געטאָן זיין מלאכה בשלימות, געווען דער שומר פון בית־החיים, אַכטונג געגעבן מען זאָל נישט צעטרעטן די קברים, זיך אויסגעקריגט מיט די ייִדענעס, וואָס קומען אַלע ראש־השנה צו קרו־בים, הלמאי זיי גייען נישט דעם אָנגעצייכנטן וועג, נאָר פּאַרגייען אין די קברים אַריין. זיך קיין מאָל נישט געקלאָגט פאַר קיינעם. אין די „לײדיקע טעג״, ווען ער איז נישט פאַרנומען ביי קברים גראָבן, פלעגט ער אַרויס־גיין אַביסל אויפן בית־עולם, איבערגעקוקט די מצבות, געטראַכט אַז ס׳איז קיין נפקא־מינה נישט וואָס מ׳איז דאָ אויף דער וועלט, רייך אָדער אָרעם, מ׳ליגט אַלע גלייך אין דער ערד.

די דרייסיק יאָר, וואָס נחמיה איז געווען קברן, זענען אים עפּעס אַזוי מאָדנע שנעל אַדורך ווי אין אַ חלום. נאָך ערשט אין די זעכציקער, נאָך אַזאַ לאַנגן אָפּזיין אויפן בית־החיים, האָט נחמיה פלוצים זיך אָנגעהויבן צו דערפילן עלנט אויף דער וועלט...

עפּעס פילט ער זיך היינט ווי אין ערשטן יאָר קברן ווערן. ער פלעגט דאָס שפּעטער שטענדיק דערמאָנען מיט אַ שמייכל.

אין ערשטן יאָר קברן זיין, געדענקט ער, האָט ער נאָך אַזוי מורא גע־האָט אַרויסצוגיין ביינאַכט אויפן בית־עולם, נישט צוגעוווינט געווען...

אַזאַ אומעט האָט דעמאָלט געשלאָגן פון וויסטן פעלד. ער איז נאָך דעמאָלט אַ יונגערמאַן געווען, דורך אַ צופאַל איז ער צו דער פרנסה געקו־מען, אַ הויז זיינס אינעם שטעטל איז אָפּגעברענט געוואָרן, האָט ער פאַר

זיך קיין אויסוועג נישט געהאַט און איז קברן געוואָרן. נחמיה איז דעמאָלט נישט געווען דער נחמיה וואָס היינט, מען האָט אים נאָך ווען־נישט־ווען „נחמיה" גערופן... נישט געווען קיין עם־הארץ. אין בית־המדרש מיט אַן עולם געלערנט, נאָך מנחה — איז אים טאַקע דאָס ערשטע יאָר שווער אָנגעקומען דאָס קברנות. נחמיה געדענקט ווי שווער עס איז אים געווען דאָס צושיטן אַ קבר... גראָד איז אונטערגעקומען אַ יונג קינד און די געשרייען פון דער מאַמען האָבן הימלען געשפּאָלטן, ווילד האָט זיך די מוטער געוואָרפן אויפן אָפענעם קבר פון איר איינציק קינד, נישט געלאָזן צושיטן די ערד. נחמיה האָט זיך דעמאָלט אין דער זייט אַוועקגערוקט און געוויינט, געוויינט אויפן קול, אַז „חברה" האָט אים געמוזט איינשטילן און אויסמוסרן פאַרן „זיין אַ יידענע" און נישט טאָן „זיין פאַך"...

יעדער טאָג האָט זיך אים דעמאָלט געצויגן ווי אַ יאָר, און ווינטער איז ער גאָר געווען דערשלאָגן, די קברים איינגעהילט אין שניי, אַ פאַריתומט בוימל מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן, ווי נאָכגעלאָזטע אַראָפּהענגענדיקע הענט פון אַ בר־מינן... ער פלעגט גאַנצע טעג זיצן אין זיין דירה בשכנות פון טהרה־שטיבל און זאָגן תהילים, און דער עלנט וואָס האָט געיאָגט פון אַלע ווינקעלעך ווי פון אַ חורבה, האָט אַן אויסדרוק געפונען אין דעם מעלאַנכאָלישן תהילים־ניגון.

אַמאָל נאָר האָט די דריקנדיקע שטילקייט איבערגעריסן אַ יללה פון אַ הייפל מלווים. מיט אַ סקריפּ האָט זיך געעפנט דאָס טויער פון בית־עולם און די עגלה האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ געוויינעריי, אַ ספּאַזם פון געשטאָרבענע קרובים. נאָך סתימת הגולל האָט זיך דאָס געוויין נאָך מער פאַרשטאַרקט, איבערגעשראָקן אַ קראָ וואָס איז געשטאַנען ערגעץ אויף אַ מצבה און פאַרוואונדערט נאָכגעקוקט דעם געזעמל מענטשן, וואָס האָט זיך פלוצים דאָ פאַרזאַמלט. די קראָ האָט אַ פאַטש געטאָן מיט די פליגל, עטלעכע קרייזן געמאַכט איבערן בית־החיים און פאַרפלויגן אין דער פאַרשנייטער ווייטקייט.

שווער איז נחמיהן געווען אינעם ערשטן יאָר. אָבער ער האָט זיך דאָך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו די לאַנגע ווינטער־נעכט און צו די ענדלאָזע זומער־טעג.

נאָר אויף דער עלטער האָט נחמיהן אָנגעהויבן שטאַרק צו קוועלן זיין איינזאַמקייט.

לפנים נאָך אַלץ דער זעלבער נחמיה, דער שרייענדיקער און בייזער, קריגט זיך פּאָר טרעטן אויף קברים, עס גייען אים נישט אָן די יללות פון די אומגליקלעכע יתומים וואָס בלייבן עלנט נאָכן טויט פון זייער פאָטער, אָבער פאָרט נישט דער זעלבער! זאָל דאָס זיין די עלטער? — עפּעס אַזאַ נישט־זיכערקייט פילט ער ווען ער קומט אַריין אין שטוב פון בית־הקברות, דורך דער האַרטער שאָל פון בייזקייט גנבעט זיך דורך אַזאַ קלעמענדיקער אומעט און מיטגעפיל.

און אפשר איז דאָס די מלחמה? דאָרטן אין שטאָט איז ערשט אַ מגיפה. די עגלה ברענגט מתים אַלע פּאָר שעה. אָפט ברענגט מען אויף אַ טראָגע אַ דערשאָסענעם, פון רוצחישע הענט, אין די טעג ווען דאָס יידישע לעבן איז הפקר. דאָרטן אין שטאָט, איז דער ווייטיק כאַטש אַלעמענס, דאָ איז נחמיה אַליין, אַליין מיט די אַלע קדושים און מגיפה־מתים.

ווי נחמיה באַמיט זיך נישט צו טאַמעווען די איינגעבוירענע ווייכהאַר־ציקייט, וואָס איז אים נאָך געבליבן פון די יונגערמאַנישע יאָרן, קומט זי קאַפּויער נאָך יעדער קבורה.

עפּעס איז דאָס געוויין פון די מלווים היינט אויך אַנדערש. ס'איז אַזוי שניידנדיק, אַזוי שוידערלעך און קריכט אין די ביינער.

ווען אַלץ האָט מען שוין נישט אַהער געברענגט, געטראָפענע פון דער בייזער פּלאָג? יונגעלייט און עלטערע יידן, חסידים און אַנשי־מעשה, און דער געוויין, ווי ער וואָלט געהאַנגען איבער די בית־עולם יאָדלעס. דאָרט אין שטאָט זענען מענטשן צוזאַמען, מען פאַרגיט זיך די עוולות און מען טוליעט זיך קעגן דעם גרויסן שונא וואָס לויערט אין דרויסן, קעגן דער שרעקלעכער מגיפה, און אַז עס טרעפט אַן אומגליק איז עס אַלעמענס אומגליק, איז יעדער אַ שותף צום צער. נאָר דאָ האָט מען נחמיהן איבער־געלאָזט אַליין.

איין מאָל, שפּעט זומער־טאָג, פאַרנאַכט־צייט. עס איז געווען נאָך דער

קבורה פון ר׳ אַברהם דיין. די גאַנצע שטאָט איז אויפן בית־החיים געקומען, מען האָט דאָס שרעקלעכע אומגליק באַקלאָגט; ווער האָט דעמאָלט געקענט די טרערן איינהאַלטן? אַ שוידערלעכע יללה האָט דאָס בית־הקברות אָנגע־פילט, מיט טרערן האָט מען זיך איבערגעגעבן דאָס צדקות פונעם נפטר, וואָס איז נאָך אין סך־הכל אַ יונגערמאַן געווען און איז פון דער שרעקלע־כער מגיפה געטראָפן געוואָרן. ביסלעכווייז האָט זיך דאָס בית־הקברות אָפּ־געליידיקט, און די אַנגסטפולע שטילקייט, וואָס האָט פּלוצים דאָס בית־החיים אָנגעפילט, איז נאָך שוידערלעכער געווען, ווי דער ערשט־נאָר־וואָס געוויטער. אַ ווינט האָט אַ קריי געטאָן צווישן די יאָדלעס און זיי אָנגעבויגן איבער די קברים, אין מערב האָט זיך די זון שוין געזעצט און אַ קרענק־לעכע רויטקייט איבערן האָריזאָנט פאַרשפּרייט. ערגעץ אויף אַ יאָדלע האָט אַ פייגעלע אַ צוויטשער געטאָן אַן אָפּגעריסן טרויעריקע פויגל־מעלאָדיע. פון דערבייאיקן וואַלד האָט זיך נאָגנדיק געהערט דער איינטאָניקער קו־קו־געשאַל פון אַ פאַרבענקטער קוקאַווע. אין הייזל ביי נחמיהן האָט זיך שוין אַ לעמפּל געצונדן און דאָס אָנקומען פון דער נאַכט אָנגעזאָגט... נאָר נחמיה איז אויפן בית־הקברות געבליבן, געגנישטערט די קברים. ער ווייסט אַז ערגעץ אין אַ זייט דאַרף זיין דאָס קבר פון אַ פאַרבאַהאַלטענעם צדיק, אַ שטילער גרויסער ייִד. עס האָט אים צום קבר געצויגן, זיין גאַנץ אַנגסט, זיין גאַנצן אָנגעקליבענעם צער אַראָפּצורעדן, ער זאָל אַ מליץ־יושר זיין, די צרה זאָל זיך אָפּשטעלן. מען קען דאָך דאָס שוין נישט איבערהאַלטן! נחמיה, ווי ער וואָלט נישט געווען דרייסיק יאָר קברן, אַ בייזער, אַ גלייכ־גילטיקער צו געוויין און צו אומגליק, האָט אויפן גאַנצן קול געוויינט און געיאָמערט, ווי אַמאָל ווען ער איז אַ יונג בחורל געווען און פאַר דער חתונה אויף דער מוטערס קבר געגאַנגען און זיין חתונה־טאָג צו וויסן געגעבן. ער האָט נישט געהערט וואָס אַרום אים טוט זיך, עפּעס ווי אַ שליח־ציבור פון פיין און ווייטיק האָט ער אין קבר אַריינגעשלוכצט און אויף רחמים געבעטן...

ווען די עגלה מיט אַ פרישן מגיפה־קרבן איז אויפן בית־עולם אַרויפ־געפאָרן, האָט מען נחמיהן לאַנג געזוכט. אַ האַלב־פאַרחלשטער איז ער אויפן

צדיקס קבר געלעגן און געיאָמערט, און ווען מען האָט אים געהייסן אַ קבר גראָבן, האָט ער נאָר געשטאַמלט...

— איך קען נישט מער... איך קען נישט מער... זאָלן עס אַנדערע טאָן... און אויפּסניי איז אַ יאָמערלעך געוויין פאַרגאַנגען...

# II

# אין סיבירער לאַגערן

# ביי דינאַמיט

פאַראַן, אַ צוויי מייל פון אונדזער לאַגער, אַ ריזיקער שפּייכלער מיט דינאַמיט, וועלכער איז גענוצט געוואָרן אויפצורייסן די שטיין־באַריערן אויפן 6טן מייל. מען האָט עס אויך באַנוצט דורכצורייסן בערג, אויף צו בויען די טונעלן, לענגאויס דער באַן־ליניע טיישעט־לענאַ. געוויינטלעך, האָט מען דערביי באַנוצט די קאַטאָרזשניקעס פון דעם לאַגער פּונקט 0.14. אונדזער נאַטשאַלניק, יערמילאָוו, האָט אונדז אויך אַ שטיקל צייט אויסגע־נוצט ביי אָט־די אַרבעטן. נאָר וואָס־וואָס, יערמילאָוו האָט אַ טבע צו קוקן אין תוך אַריין: אַלץ וואָס ס׳איז פּראַקטיש און ס׳גיט גענוג פּראָפיטן איז ווערט מ׳זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען. מיר האָבן זיך נישט זייער שטאַרק אויסגעצייכנט ביים צעדריבלען די מאַסיווע שטיינער אויף „זשוויר" (קליינע שטיינדלעך, וועלכע ווערן באַנוצט ביים אויסשיטן די באַן־ליניעס). דער גרעסטער טייל לאַגער איז באַשטאַנען פון אַלטוואַרג און אינוואַלידן. די יוגנט איז ביי אונדז געווען אַ מינדערהייט און זיך נישט געספּראַוועט מיט די אויפגאַבן. אונדז האָט מען אַריבערגעפירט אויף האַקן די וועלדער און די קאַטאָרזשניקעס פון 0.14 האָט אויך נישט געפעלט מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. אמת, דאָרט זענען גרויסע פאַרברעכער, קרימינעלע, געשמיד־טע אין קייטן, און מ׳קען זיי אַזוי ווייט נישט פירן ווי אונדז, אָבער ס׳איז שטענדיק דאָ וואָס צו טאָן אויפן אָרט אויך. יערמילאָוו האָט דערווייל גע־מאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דער באַן. ער וועט אַריבערפירן דעם גאַנצן רע־זערוו פון דינאַמיט אין אַ פּלאַץ ווו מ׳נויטיקט זיך דעריך, דערפאַר באַקומט ער בחצי־חינם דעם ריזיקן שפּייכלער וואָס איז צוויי עטאַזשן די הויך, און פאַרנעמט אַ קאָלאָסאַלן פּלאַץ. ער וועט אים צענעמען און פון דעם מאַטע־ריאַל אויפבויען זיינע פּלאַנירטע נייע באַראַקן און נאָך נויטיקע געביידעס, וועלכע ער ברויכט פאַר זיינע לאַגער־מייסטערייען.

ס׳איז געווען אין די סאַמע שווערסטע צייטן פון דעם סטאַלין־רעזשים.

דאָס עסן איז געווען שוידערלעך. קיין געלט האָבן מיר גאָרנישט באַקומען פאַר דער אַרבעט און יעדער האָט זיך באַמיט אַריינצופאַלן אין די בריגאַדעס וועלכע גייען אויף אויסצולאָדן דעם דינאַמיט. די אַרבעט געפינט זיך אין רשות פון באַן־וועזן, און ביי אַזעלכע אַרבעטן איז מען כאָטש זאַט. מען באַ־קומט די אַזוי־גערופענע „3־3־נאָרמע", עס הייסט: 3 פּאָרציעס ברויט און דריי פּאָרציעס קאַשע. וועגן דער לעבנס־געפאַר קלערט קיינער נישט. זאָל מען נאָר אַריינבעמען אין די בריגאַדעס. דאָס לעבן האָט פאַרלוירן זיין ווערט, זוכט מען בלויז אַ זאַטן טאָג. די אַרבעט צעטיילט זיך אויף אַזאַ אופן: איין בריגאַדע גייט אַוועק צום שפּייכלער אויפלאָדן די טויזנטער טאָנען דינאַמיט פון שפּייכלער אויף מאַשינען. די מאַשינען פאָרן אָפּ צו דער סטאַנציע, ווו ס׳וואַרט אַ צווייטע בריגאַדע זיי אויסצולאָדן, און זיי פאַרפּאַקן אין די וואַ־גאָנען.

אויף אַזאַ אַרבעט נעמט מען נאָר אַרעסטאַנטן מיט אַ צען־יאָריקן תפּי־סה־טערמין. די, וועלכע האָבן אָפּצוקומען אַ שטראָף העכער פון צען יאָר, לאָזט מען צו אַזאַ אַרבעט נישט צו. זענען דאָך געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אַליין אויפגעריסן, און ווי איז אַז עס טרעפט אַזאַ אַרעסטאַנט, וואָס האָט אַ טערמין פון 25 יאָר, און ס׳איז אים דאָס לעבן מער נישט ניחא, נעמט ער און מאַכט אַ קליינע „דיוועסיע", — ער וואַרפט נאָר אַ קליין שוועבעלע, און דעמאָלט צעפליט זיך אַלץ אַרום ווי קינדער־שפּילצייג? הכלל, „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום" — מיין תפיסה־שטראָף, וואָס איז נישט מער ווי צען יאָר, דינט מיר צו אויף צו זיין אַ קאַנדידאַט אין אַזאַ בריגאַדע. אויסער דעם איז דער בריגאַדיר אַ פּאָליאַק, מיט אַ שטיקל סענ־טימענט פאַר אַ פּוילישן ייִדן, איז ער נישט קעגן, אָבער ער וואָרנט מיר פאַר צוויי זאַכן: נישט רויכערן אויפן דינאַמיט־פּלאַץ, און נישט ריידן צווישן זיך. פאַר ריידן צווישן זיך האָט נאַטשאַלסטוואָ מורא מ׳זאָל זיך נישט דעררעדן צו אַ פאַרשווערונג.

מיט דינאַמיט בין איך שוין אַביסל באַקאַנט: איך קען דעם אויפרייס־שטאָף „אַמאָנאַל", וועלכן מיר פלעגן אַריבערטראָגן אויפן שטיין־באַריער, עס זענען אַזעלכע קעסטלעך צו 155 פונט. שוין געטראָגן שווערע משאות. אמת, די משא שטעכט אַביסל אין דער פּלייצע, ווייל דער קאַסטן איז דאָך

נישט קיין ווייך זעקל מעל, דערפאַר אָבער האָט דער דאָזיקער אויפּרייס־שטאָף אַ טבע, אַז אויב דו צינדסט אים נישט אונטער, רייסט ער זיך נישט אויף, און דו קענסט אים טראַסקען וויפל דו ווילסט.

אָבער אַלצאיינס זענען אונדזערע וועכטער און גאַנץ נאַטשאַלסטוואָ ווייך און ווי צו אַ געשוויר צוצולייגן. מען באַליידיקט אונדז נישט אויפן וועג, און די סטאַדעס הינט האָט מען אויך ערגעץ פאַרשפּאַרט, מען פירט זיי נישט מיט אונדז. אמת, די „קאַנאַריקלעך" (די אויטאָמאַטן) זענען אָנגעשטעלט, אָבער מיר זענען דערצו צוגעוווינט. אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איז עס צו זען, ווי אונדזערע וועכטער קריגן די כפּרה פאַר אונדז, האַלטן אין איין ריידן „ווייכע" רייד, אַטלעס און סאַמעט! איז וואָס האָבן זיי אַזוי מורא? איז אָבער די מעשה, וואָס אויסער דעם אויפּרייס־שטאָף אַמאָנאַל, זענען פאַראַן דאָרט אויך קליינע קעסטעלעך, לייכטע, פון אַ פּופציק פונט סך־הכל יעדעס, אָבער דאָס איז אַזאַ משחית, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. דער דאָזיקער שטאָף בויטיקט זיך נישט אין אונטערצינדן אים; ס׳איז גענוג אים אַ שטאַרקן שטויס צו טאָן, בפרט נאָך אים אַראָפּצוואַרפן אויף דער ערד, ווערט אַלץ אַרום איין שטיק פייער. זענען דאָך די 155־פונטיקע קעסטלעך אַמאָנאַל זיכערער צו טראָגן, קענסט זיי דאָך אַ וואָרף טאָן אויף דער מאַשין און פּטור אַן עסק. איז אָבער די מעשה, וואָס איך האָב ליב צו רייצן מיינע וועכטער, איך קלייב זיך אויס צו טראָגן דווקא די קליינע קעסטלעך געפערלעכן אויפּרייס־שטאָף און טאַקע הערן ווי די וועכטער האַלטן אין איין צאַפּלען און פלאַטערן פון שרעק:

— וואָס יאָגסטו זיך אַזוי? פאַמעלעכער, שטילער, קיינער יאָגט דאָך דיך נישט. מען דאַרף אַזוי שטיל אַוועקשטעלן אויף דער מאַשין, פאַרזיכטיק, פאַר־זיכ־טיק! אַזש די אויגן קערן ביי זיי זיך איבער פון פחד ווען כ׳טראָג אַזאַ מין קעסטעלע. און די פּריווילעגיעס פאַר אונדז זענען אָן אַ ברעג. מען גיט אונדז אַלע שעה זיך אָפּצורוען, מען ברענגט אונדז דאָס עסן מיט אַ מאַשין צום אָרט פון דער אַרבעט, און טאַקע דריי מאָל אַזוי פיל עסן ווי שטענדיק. אָבער פאַר איין זאַך היט מען אונדז: מיר זאָלן נישט ריידן צווישן זיך. אַפילו אַ פּיפּסעלע איז פאַרדעכטיק. איך האָב גאַרנישט געוווסט אַז אונדזער נאַטשאַלסטוואָ איז אַזוי שרעקעוודיק. זיי שפּילן דאָך

שטענדיק די ראָל פון גרויסע „העלדן". אַז מיר שפּרינגען אָפּ פון די גרויסע קלעצער, ווען מ'לאָדט זיי אויס פון וואַגאָנען, לאַכן זיי פון אונדז, אַז מיר זענען פּחדנים. „טרוסיז!" — שרייען זיי אויף אונדז, און זע ווי זיי צאַפּלען ערשט ביים דינאַמיט! וואָס האָבן זיי אַזוי מורא? און מיר ווילט זיך אַזוי ריידן, נישט אַזוי ריידן ווי הערן מיינע שותפים וואָס האָבן אַזוי פיל צו דערציילן. זיי זענען אַלטע לאַגערניקעס. איינער דאַרף סך־הכל נאָך איין יאָר זיצן. ער איז שוין אָפּגעזעסן פופצן יאָר. אים האָט מען גענומען ביי דער יעזשאָוושטשינע, געמאַכט אים פאַר אַ טראָצקיסט. ער איז אויסגעווען אַ וועלט מיט לאַגערן. געווען אין קאָלימאַ און וואָרקוטאַ און פּערגאַנאַ און אין אַנדערע לאַגער־סיסטעמען. געבליבן איז ער טאַקע הויט־און־ביינער און ביי זיינע פופציק יאָר זעט ער אויס ווי אַ זיבעציק־יאָריקער זקן, אָבער צו דערציילן האָט ער אַ סך, און דערציילט שוין ווי אַזוי מ'האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ שפּיאָן אַזש פון פיר אויסשפּיר־אָרגאַנען:

— כ'האָב געזען, אַז ס'איז שלעכט, האָב איך צוליב־געטאָן מיין סלעדאָוואַטעל, ווייל נאָדלען אין געשלעכטס־אָרגאַן זענען נישט פון די געשמאַקע זאַכן, בין איך „געוואָרן" אַ שפּיאָן, ווי ער האָט געוואָלט, אַ שפּיאָן פאַר ענגלאַנד, דייטשלאַנד, יאַפּאַן און פראַנקרייך... מיינער אַ תּפיסה־באַקאַנטער האָט זיך איינגעשפּאַרט, איז ער, פאַרן אורטייל נאָך, געגאַנגען פון דער וועלט...

— — — — — — — — — — — — — — —

גיב אַ קוק וואָס פאַר אַ יצר־הרע ס'ליגט אין אונדז. ריידן, ווייזט אויס, איז פאַר איינעם ווי איך אַזוי נויטיק ווי עסן. מיר האָבן טאַקע געכאַפּט אַ שמועס און מיר האָבן זיך נישט געקענט אויסהיטן פונעם וועכטערס אויג.

אין אָוונט, ווען מיר זענען צוריק געקומען פון דער אַרבעט, האָט מען אונדז ביידן געמאָלדן, אַז מיר קענען מער נישט גיין צום לאָדן דינאַמיט. „מיר האָבן גערעדט צווישן זיך"...

מיר זענען ווידער געבליבן אויף אונדזער מיזערנעם פּאַיאָק. אָבער דערפאַר, איידער וואָס־ווען, איידער מ'האָט אונדז אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער בריגאַדע, זענען מיר אַ טאָג ליידיק געווען אין באַראַק און איך

האָב אויסגעהערט אַלע דערציילונגען פון די שווערע איבערלעבונגען אין די לאַגערן, וואָס מיין אַרבעטס־שותּף האָט אין פאַרלויף פון די פופצן יאָר אַלץ איבערגעטראָגן. ער האָט מיר קיין סך נישט אַנטדעקט, וואָס איך האָב נישט דערוווּסט זיך פאַר דער צייט פון מיין זיין אין די לאַגערן, אָבער ער האָט עס אַזוי וווּנדערלעך דערציילט, אַז אַלץ, וואָס איך האָב אין לאַגער איבערגעלעבט, האָט אויסגעזען ווי אַ שפּילעכל אַקעגן דעם.

# אַ טאָג צווישן טעג...

דעם באַראַק האָבן מיר אַליין געבויט. ער איז געווען אַ קליינער, פאַר אַ דרייסיק מענטשן סך־הכל. די וואָס האָבן אים געבויט, האָבן געהאַט דעם פאָרצוג זיך אין אים צו באַזעצן.

מען האָט איבערגעשלעפּט יעדער איינער זיין פּעקל זאַכן אויף די נייע נאַרעס, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט זשיוויצע. אין דער לופטן איז נאָך געשטאַנען אַ פּאַרע, וואָס האָט געזעצט פון דעם אויסגעהייצטן אויוון. די פרישע ליים־טינק אויף דעם אויוון האָט זיך געשפּאָלטן און דער מוליער איז געשטאַנען און אויסגעריבן די שפּאַלטן מיט פרישן, דינעם ליים. פאַר דער טיר האָבן זיך עטלעכע אַרעסטאַנטן געפּאָרעט אַרום אַן אָסינע־בוים, זיך באַמיט אים צעקנאַקן אין דינע העלצלעך, עס זאָל ווי עס איז ברענען. מיט דער אָסינע, זאָגן אַרעסטאַנטן, איז ווי מיט אַ שלעכטער ווייב, מ׳האָט דאָ כסדר צרות: דו טריקנסט עס און טריקנסט עס און ברענען וויל עס נישט; עס האַלט זיך אין איין לעשן, און אויף צו מאַכן אַ שטיקל פייער — מוז מען פריִער אָנשיטן אַ פולן אויוון מיט קוילן, געבראַכטע פון לאַגער־קיך און ערשט דערנאָך אָנשטעלן מיט חכמה די אָסינע. פעלן דען אין די וועלדער אַרום דעמבעס? אָבער אונדזער נאַטשאַלניק יערמילאָוו וויל אַרויס־פּטרן דאָס שלעכטע האָלץ פאַר די אַרעסטאַנטן. וויפל מען אַרבעט נישט פאַר אים — זענען מיר אַלץ די לײדיקגייער, איז „זאָלן זיי האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען...״

דערווייל זענען מיר אַ פּאָר טעג פריי. יערמילאָוו דינגט זיך דערווייל מיט זיין נאַטשאַלסטוואָ, וואָסער מין אַרבעט אונדז צו געבן. דעם שטיינער־באַריער האָבן ביי אים אַרויסגעכאַפּט פון אונטער די הענט די קאַטאָרזש־ניקעס פון דער פערצנטער קאָלאָניע. ווייסט ער אַליין נישט וואָס עס לוינט זיך אים איצט בעסער, צי צוטרעטן צום גראָבן דעם דריי־קילאָמעטערדיקן ריוו פון וואַסער־רעזערוואָר צו דער באַן־סטאַנציע, אָדער אַלץ מאָביליזירן

אויף האַקן וואַלד, אָדער גאָר אפשר וועט אים געלינגען איבערצוּנעמען דאָס בויען די בריק פון דער אייזנבאַן. די אייזנבאַן צאָלט גוט, און מיט פּרע־מיעס איז ער ביי זיי שטענדיק פאַרזאָרגט. ער וועט יעדן חודש באַקומען אַ פּרעמיע געלט. דערווייל רוען מיר זיך אויס. יעדער מאַכט זיך ווי עס איז „היימיש". לודמילאַס, אַ ליטווינער, אַ געוועזענער מוזיקאַנט אין קאָוו־נע, ווען עס איז דערלויבט געוואָרן צו האַלטן ביי זיך זיין אַקאָרדיאָן, האָט זיך צונויפגעקלאַפּט פון ברעטלעך אַזאַ הויך שטענדערל אוועקצולייגן נאָטן און ער האַלט אין איין לערנען זיך עפּעס אַ נייע טאַנגאָ, און די טרויעריקע קלאַנגען צעגייען זיך אין מיטן טאָג לאַנגווייליק־פויל.

טייל אַרעסטאַנטן גרייטן זיך צו יענע טעג, ווען עס וועט קיין אַפּרו נישט זיין, און מען האַלט זיך אין פאַרצירעווען זאַקן, פאַרריכטן צעלעכער־טע בושלאַטן. ווער עס זוכט אויס ביי זיך אַן איבערבלייבעכץ פון אַ „פּאַ־סילקע" פון דער היים, עפּעס אַן אַרבעס־קאָנצענטראַט, אַביסל שמעקנ־דיקן טיי, קאָנדענסירטע מילך, און מ'שטעלט דאָס אָן אויף דער גליענדי־קער פּליטע, כאָטש דער מוליער מאַכט גוואַלדן, אַז מען זאָל דערווייל דעם פרישן אויוון זיך לאָזן אויסגליען.

עמיץ שלעפּט אַרויס פאַרגעלטע בלעטער פון אַן אַלטן אילוסטרירטן זשורנאַל און לייענט פאַר פאַראַיאַריקע מעשיות. צו קיין מאַטראַצן האָבן מיר זיך נאָך נישט דערדינט, דאָס האָבן דערווייל באַקומען די סאַמע „פאַר־געשריטנסטע" בריגאַדעס, וואָס „קערן וועלטן", מאַכן צו צוויי הונדערט פּראָצענט פון דער קוואָטע. אונדז לאָזט מען איבער אויף אַביסל שפּעטער, ווען עס וועט בלייבן. דער עסטרייכישער אינזשיניער, גייזע, האָט שוין אויפגעבויט אַ מאַשין צו מאַכן וואַטע פון שמאַטע־אָפּפאַל, פּאַרקעט ער זיך דערווייל, און אַז אַלץ וועט גיין כשורה, וועט יערמילאָוו האָבן וואַטע־מאַט־ראַצן פאַר אונדז אויך...

דערווייל קלייב איך זיך אַוועק אויף דער אָפּגעהובלעוועטער נאַרע. ס'איז געבליבן אַ שמאָל פּאַסיקל, אַ ליידיקס, אונטן, צווישן מענטשן, דאַרף מען פאַרנעמען דאָס אָרט. ליגן אויבן איז נישט קיין עסק. די קעלט יאָגט פון דיר אַלץ אַרויס, און אַז מען הויבט זיך אַמאָל אויף פינף פאַרטאָג צום קליינעם באַדאַרף, איז בעסער נישט צו דאַרפן קלעטערן. דערווייל זענען

מיר צוויי חדשים פּטור פון וואַנצן אין דעם קליינעם נייעם באַראַק. וואָס קען דען פּאַר אַן אַרעסטאַנט זיין בעסער? איך לייג אַוועק מיין זעקל אונטערן קאָפּ און קוק מיר אַרום מיינע שכנים. פון לינקס — ליגט דער דייטשער דאָקטער מאָזעבאַך, ער האָט אַן אורטייל פון פינף און צוואַנציק יאָר, יאָגט זיך נישט יערמילאָוו אַוועקצושטעלן אים דערוויייל אין דער סאַניטאַרישער אָפּטיילונג. דאָקטוירים זענען דאָ ווי מיסט, אַזש אַ צען דאָקטוירים, און מער ווי אַ צוויי דאַרף ער נישט. זאָלן די איבעריקע אַרבעטן אויף אַלגעמיינער אַרבעט. נישט מער, דער מאָזעבאַך האָט זיך געקליגלט און עפּעס זיך אַריינגעשפּריצט אַזעלכעס אין פּוס, וואָס האָט דעם גאַנצן פּוס געמאַכט געשוואָלן ווי אַ באַרג. ליגט ער טאָקע און קרעכצט, אָבער אויף דער אַרבעט גייט ער נישט. וואָס־וואָס, נאָר אָפּקלייבן אים, דעם מאָזעבאַך, אַלס „נישט־בוויטיקן" און אים אַוועקשיקן אין גאַז־קאַמער, אַזוי ווי ער האָט עס אַליין געטאָן איינעם דייטשישן לאַגער מיט אַרעסטירטע, טוט מען דאָ נישט. מען מאַטערט דיך דאָ נאָר אויס און איז דיר דאָס לעבן נמאס, — איז „פּאַזשאַלויסטאַ", כאַטש הענג זיך אויפן ביישטידל פון דער טיר, וואַרף זיך אַריין אין דעם ברונעם, שפּרינג אַרונטער אונטער אַן אונטערגעזעגטן בוים. האָפט נאָך אָבער מאָזעבאַך, אַז ער וועט אַמאָל זיך צוריקקערן צו זיין „גאָלדען ווייבכען" ערגעץ ביי לייפּציג, ליגט ער ווי אַ שעפּעלע און באַמיט זיך צו דערציילן די סאַמע זיסטע זכרונות. עס שטייט שוין פאַר ווייכאַכטן און דאָקטער מאָזעבאַך קען נישט פאַרגעסן ווי ער האָט אין 1944 נאָך געפייערט ווייכאַכטן אין דער אָקאָפּע.

— עס וואַר פאַרן קראַך, — און מאָזעבאַך דערציילט ווי זיינע דינער האָבן גענומען אָנוואָרן פאַמעלעך די דיסציפּלין, און ווי אַזוי ער האָט איינעם מיט זיינע אייגענע הענט דערשאָסן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אויפהענגען אין דער אָקאָפּע דאָס בילד פון „פירער", — אָבער דאָך וואַר עס ווייכאַכטען — און ליכט האָבן אין דער אָקאָפּע געברענט, און אויף זיין טיש האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס בילד פון זיין פרוי און זיין „בלאָנד מלאָכל" און אַ ווייכאַכטס־בוים איז געשטאַנען... און בערקוטן האָבן אין שטייגעלעך געזונגען. ווי גאָט איז אים ליב, ער האָט די „פאָגליין" אומעטום מיט זיך מיטגענומען, אַפילו אויפן פראָנט...

מיין שכן פון רעכטס איז אויך אַ דייטש, מען רופט אים דאָ „קוני". קוני האָט געשוואָלענע פיס פון זויפן אין דער סטאַלאָווע אַזוי פיל זופן. דאָס ברויט געגוגנט נישט, האַלט קוני אין איין צונויפגיסן די איבערגעבליבענע זופן אין די שיסעלעך. זיינע אויגן קענען נישט זען קיין לעפל איבערגע־בליבענע זופ, און אַזוי ווי מער ווי וואַסער און אַ פּאָר אַרומשווימענדיקע זויערע שטיקלעך קרויט איז אין זיי נישט פאַראַן, און אַזוי ווי אַזעלכע זופן גיט מען דריי מאָל אַ טאָג, ווערן קונין אַלע מאָל מער געשוואָלן די פיס, אַז ס'איז אים שווער אַראָפּצוּנעמען די גומענע „טשונעס" (אַזעלכע ספּע־ציעל געמאַכטע גומענע אַרעסטאַנטן־שיך) פון די פיס, אָבער דאָס לייזט אים נישט אויס פון דער אַרבעט. יערמילאָוו האָט געפונען פאַר אים אַן אַרבעט אין דער זאָנע! טראָגן וואַסער פון דעם ברונעם פאַר דער קיך, פאַר די באַראַקן.

דערפאַר גיט אים טאַקע אַמאָל דער קוכער אַן ערשט ביסל זופ פון קעסל, אין וועלכער עס שווימען אַרום אַ פּאָר פעטס־אייגעלעך און עס בלאָנדזשען אַרום אַ פּאָר קליינע קאַרטאָפליעלעך. קוני לויפט אַ מאָל צען אין דער נאַכט צו דער „פּאַראַשע", לאָזט אָפּט אונטער זיך און מאַכט פול די לופט מיט אַ געשטאַנק. די בלאַטע יונגען, מיט די פויסטן, וואַרפן אים דערפאַר אַרויס אין קאָרידאָר ביז קוני כליפּעט, סקאַווטשעט ווי אַ גע־פּרוּוירן הינטל:

— אום גאָטעסווילען, איך ערפרירע. איך שטערבע!

ערשט רוט ער זיך אויס ווי ביים טאָטן אין ווייגגאָרטן און האַלט אין איין שעלטן היטלערן און פאַרזיכערן, אַז ער איז גאָר אַ סאָציאַליסט, און אַז דאָס וואָס ער האָט געפּלאַפּלט ביי דער אויספאָרשונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון קלאַפּן אים מיט אַ ברעט איבער די פּיאַטעס, און אַז ער, קו־ני, האָט געראַטעוועט ייִדן, און אַז ייִדן זענען דאָס אינטעליגענטסטע פאָלק אין דער וועלט, נישט ווי די „רוסישע שווינע".

דימיטרי, דאָס אוקראַיִניש פּויערל, אַ ביטערער נפש, וואָס איז געווען ביי זיך אין דאָרף דער „עלטסטער" ביי די היטלעריסטן און שפּעטער, פּריוווילִיק, צוזאַמען מיטן זון אַוועק אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, צו וויזן דעם פאָלק אַ „מוסטער" און נאָך שפּעטער, געהאָלפן די דייטשן ליקווידירן

דעם וואַרשעווער געטאָ, פאַרציט קאָפּטשנדיק זיין לאַנגן „ציגאַר", געמאַכט פון צונויפגעקליבענע פּאַפּיראָסן־אָפּשניצלעך. ער קריגט די כפרה פאַר די דייטשן, קלייבט צונויף אין זכרון אַ פּאָר פאַרגרייזטע דייטשע פראַזן, אָט אַזוי ווי די „אָקורקעס" פון די פּאַפּיראָסן, טראָגט די דייטשן צו זיין פּאַפּי־ראָסל אויף צו געבן אַ פּאָר „פאַרציִען", באַזונדערס קונין, וואָס ווי מען שמועסט, איז ער געווען אַמאָל אַ פאַלקאָווניק. דימיטרי האָט אַ גענגל פון אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן, ער גיט זיך אַ פאַרנייג:

— רואַכען זי, גענעדיגער הערר! איין גוטעס פּאַפּיראָסע!

אַנטאָן, דער באַפּטיסט, נעמט צונויף די פּאָר „ברידער" וואָס האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין דעם נייעם באַראַק און טיילט זיך מיטן פּעקל וואָס ער האָט פון דער היים באַקומען. די גלויביקע ברידער האָבן געשיקט פּוטער, קאָנצענטראַטן פון דעסערטן, קאַקאַאָ, צוקער, וווּרשט, פלוימען, ווייסע סוכאַרעס. זיי האָבן אַ טבע צו געבן בלויז אייגענע פון זייער גלויבן, קיין פרעמדע — גאַרנישט.

דאָס ווינקעלע אַרום באַפּטיסט ווערט פול מיט אַכילה, מיט תפילה און מיט אויגנגלאָצעניש. די הונגעריקע דייטשן דרייען אָוועק די פּנימער און שלינגען די שפּייעכץ פון דעם גוטן ריח וואָס פאַרשפּרייט זיך אַרום.

בלויז דאָס אוקראַיִניש פּויערל האַלט נישט אויס, דרייט זיך ווי אַ הונט אַרום די גלויביקע, וואַרט אויף שיריים און אַז מען גיט אים נישט — ווערט ער בייז!

— אַנטי־קריסטן, משומדים, אַ שאָד וואָס אייך נישט אויסגעמאָרדעט ווי די „זשידיוו". — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...און ביי זיין הילצערן שטענדערל שפּילט נאָך אַלץ און שפּילט איבער דער ליטווינער זיין נייעם טאַנגאָ, און די ווייכע טענער רייסן זיך פון דאַ־נען ווי געפאַנגענע פייגל אין אַ פאַרעיפּושטן שטייג.

# נ י נ אַ

געהייסן האָט ער האָפמאַן, גריגאָרי איוואַנאָוויטש האָפמאַן. לאַגערניקעס האָבן אים גערופן האָפמאַנדל, צוליב זיין קליינינקער פיגור. אַ נידעריקער, מיט אַן אויסגעכאָליעטן פנימל און קליינע, קרומע פיסלעך, האָט ער אויף זיך געטראָגן דעם גאַנצן הויפן סודות, פאַרהוילעניש אַרום זיך וואָס ער אַליין האָט אויסגעטראַכט, און וועלכע לאַגערניקעס אין זייער איינטאָניקן, גרויען לעבן האָבן נאָך עפּעס צוגעגעבן.

און געהייסן האָט עס, אַז דער מאָלער האָפמאַן טראָגט דעם נאָמען פון אַן אַלטצייטישן באַראָנען־יחוס, וואָס האָט זיך רוסיפיצירט, און אַז די מאַמע זיינע שטאַמט פון ענגלאַנד, אַ האַלב־ייִדישע און אַ האַלב־ענגלענדערין, און סך־הכל איז ער, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, בלויז אַ פערטל ייִד...

און ווי דער שטייגער, האָבן די בענדעראָווצעס (אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן אויפן נאָמען פון זייער העטמאַן בענדעראַ), וואָס קריכן אין לאַגער פון דער הויט אַרויס צו דערווייזן אַפילו אין די רוסישע פאַמיליע־נעמען אַ פאַרדאַכט פון אַ ייִדן, אים אַרויסגעוויזן מער שנאה ווי צו ייִדן. און אויב ער האָט זיך ווי עס איז דורכגעקאָלערט איבער אַזוי פיל לאַגערן מיט זיין פענדזל און פאַרבן, אויסמיידנדיק די שווערע מלאָכות, האָבן אים אין דעם געהאָלפן דריי מעלות, וואָס נישט אַלע אַרעסטאַנטן זענען צו דעם זוכה: דאָס ערשטע — זיין טאַלאַנט צו מאָלן בילדער, און נישט שלעכט מאָלן פאַרטרעטן. ביי טייל נאַטשאַלניקעס האָט מען בלויז מיט אַזאַ טאַלאַנט זיך געקענט אַרויסדרייען פון דער אַרבעט. די ווייבער פון די נאַטשאַלניקעס האָבן אויך וואָס צו זאָגן. און אַז האָפמאַן שטעלט אַוועק, איינגאַנצן אומזיסט, אַ פיר־פינף בילדער ביי אַ נאַטשאַלניק אין שטוב, און מאָלט נאָך אויס אַ פאַמיליען־פאָרטרעט פון מאַן, ווייב און קינדער, לאָזט אים שוין דער נאַטשאַלניק ווי עס איז זיך פאַרנעמען מיט זיין פאַך. ער וועט בלויז באַצירן די באַראַקן מיט זיינע „מאָזאַיקעס“ און פּטור פון קריכן אין וואַלד האַקן ביימער,

אָדער פאַרפרוירן ווערן ווינטער אין די שטיין־קאַריערן. ביי אונדזער גזלן אָבער, ביי אונדזער נאַטשאַלניק יערמילאָוו, האָט האָפמאַן געמוזט פאַר־מאָגן נאָך צוויי מעלות: ער באַקומט רעגולער יעדן חודש אַ רייך פעקל פון דער היים און טיילט זיך מיטן נאַריאַדטשיק (אַרבעטס־פאַרטיילער) גלייך אויף גלייך, און ער האָט זעלטענע אַרטיסטישע פעיִקייטן, אַז ער שפּילט די „מאַמען" אין אַסטראָווסקיס „בעז ווינע ווינאָוואַט", דערקענט איר נישט, אַז דאָס שפּילט אַ מאַן. ער איז דער אָנפירער פון דער „זעלבסטטעטיקייט", פון דער אַמאַטאָרן־טרופּע ביים לאַגער, און שטעלט יעדע צוויי חדשים אַ נייע זאַך.

איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק, האָט האָפמאַן אַ געניאַלן זכרון. ער גע־דענקט אַ פּאָר הונדערט לידער פון רוסישע קלאַסיקער אויף אויסנווייניק. דאַרפן טאַקע די קרימינעלע פאַרברעכער ביי אונדז די לידער ווי דעם פאַראיאָריקן שניי, קען אָבער האָפמאַן אַ סך, אַ סך מעשיות דערציילן, און אַ גנב צי אַ גזלן וועט דיר אין לאַגער אַוועקגעבן דאָס העמד פאַר אַ שיי־נער, אָנצינדיקער מעשה. וואָס דאַרפט איר בעסער? אַלע ווייסן דאָך. אַז ווען עס פאַלט אַריין אַ פּראָקוראָר אין טורמע, צי אין לאַגער, לאָזן אים די קרימינעלע נישט לעבן. אָבער, זעט איר דאָך, אַז יעגאָראָוו, כאָטש אַלע ווייסן אַז ער איז געווען אויף דער פריי אַ פּראָקוראָר, און די פאָר צענדליק פאַרברעכער זענען פון דעסט וועגן מיט אים גאָר גוטע ברידער! פאַרוואָס? ער דערציילט שיינע מעשיות, און האָפמאַן קען די מלאָכה פון דערציילן נאָך אַ סך שענער פון יעגאָראָוון.

בלויז צו הערן אים דערציילן, ווי אַזוי אַרום ער האָט אַריינגעכאַפּט די פינף און צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע, — אַ ראָמאַן אָנצושרייבן.

הייסן הייסט עס, אַז ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט קאָלירטע פאָטאָגראַפיעס און אַז מען האָט אים געכאַפּט אַרויסגייענדיק פון אַמערי־קאַנער קאָנסולאַט, וווּ ער האָט געזאָלט אויסשרייבן ביכער פון אַמעריקע וועגן דעם פאַך. אָבער האָפמאַן דערציילט דערביי וועגן זיין דריטער ווייב גינאַ, אַ שיינהייט, וואָס האָט מיט אים אָפּגעלעבט דריי יאָר, כדי אים נאָכ־צופאָרשן. וואָס האָט מען אים באַדאַרפט נאָכפאָרשן? סך־הכל האָט ער גע־לעבט אין מאָסקווע דערפון וואָס ער איז געווען אַ דעקאָראַטאָר פון דער

סצענע, יאָ, ער האָט געפירט אַ טאָגבוך. האָט די שיינהייט, וואָס איז גע־
וען אָנגעשטעלט אין דער נ.ק.וו.ד. (געהיים־פּאָליציי) און געווען דער הויפּט־
עדות אויפן פּראָצעס, נאָטירט יעדן טאָג וואָס ער האָט געשריבן. מילא,
נייגעריקייט ביי ווייבער האָט טאַקע נישט קיין מאָס, האָט זי אפשר גע־
מיינט אַז ער פאַרראַט זי? דאָך האָט זי געוווּסט אַז ער נאָטירט בלויז זיינע
טרויעריקע מחשבותן, עס געפעלט אים נישט די אָרדענונג, עס איז „סקוטש־
נע" דאָס לעבן, סטאַלין האַלט די קונסט אין דער קלעם, קינסטלער ווערן
פאַטאָגראַפן, און נאָך אַזעלכע געדאַנקען.

איז וואָס איז דער מער? און זי האָט נאָך אים אַזוי ליב געהאַט, אָדער
געשפּילט די ראָל פון אַ געליבטער ווי אַ געניאַלע אַרטיסטין. ווען ער פלעגט
קומען פון דער אַרבעט, האָט זי אים באַדעקט מיט קושן דאָס פּנים, גע־
שפּילט די ראָלע פון אַן אייפערזיכטיקער; גאָט זאָל אָפּהיטן ער זאָל אַרייב־
ברענגען אין שטוב אַ מאָדעל אויף צו מאָלן אַן „אַקט", אָדער עס זאָל צו
אים קומען צו גאַסט יעקאַטערינאַ אַפאַנאַסיעוואַ, די אַרטיסטין, אָדער ער
זאָל זיך, שפּאַצירנדיק מיט איר אויף טווערסקאַי בולוואַר, פאַרקוקן אויף
אַ שיינהייט.

כאָטש ער איז עלטער געווען פאַר איר מיט אַכט יאָר, האָט זי אָפּגע־
שפּילט סצענעס, אַז זי ווערט אַלט און ער וועט זי פאַרלאָזן. זי פלעגט זיך
חנדלען פאַר אים מיט אירן אַ ווייטיק, אַ קרענק, זיך טוליען צו אים ווי צו
אַ פאָטער.

טאָ גיי־זשע ווייס, אַז נאָך דריי יאָר אָפּלעבן צוזאַמען, זאָל די בלאָנדע,
די שיינע נינאַ ווערן דער הויפּט־עדות קעגן אים און אים שליידערן אין
פּנים באַשולדיקונגען מיט אַזאַ גרויזאַמקייט!

די פּאָליטישע אין לאַגער האָבן אַביסל געצווייפלט אין דער מעשה
זיינער, כאָטש עס האָט געקענט פּאַסירן, געצווייפלט ווי אין זיין באַראָן־
יחוס. מ'האָט געוווּסט, אַז האָפמאַנס פאַנטאַזיע גייט ווי אויף שרויפן, אָבער
ביי די קרימינעלע האָט ער זיך איינגעקויפט אין יחוס מיט אַזעלכע מעשיות,
זיי האָבן קיין צען טעפּ באַרשטש פאַר אים נישט אָוועקגעגעבן.

וואָס איז שייך זיין באַראָן־יחוס, און צי איז ער טאַקע אַ פּערטל ייִד
אין זיין בלוט, האָבן מיר ביזן סוף נישט געוווּסט. האָפמאַן האָט אַלץ גע־

טאָן צו פֿאַרטושן דאָס קליינע טיילכל ייִד אין זיך. ער האָט אָפּגעריכט אַלע פּראַוואָסלאַווּנע חגאות, געפּאַרבט קינסטלעריש אייער צו זייער פּאַסכע, גע־מאָלן קרומע צלמים און זיך אויסגעקויפט פֿון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט מיט זיינע בילדער פֿאַר נאַטשאַלסטווא, מיטן אָנפֿירן די אַמאַטאָרן־גרופּע, און מיט טיילן זיינע שפּייז־פּעקלעך מיטן נאַריאַדטשיק. איז דאָס נאָך גע־ווען ווייניק, האָט ער פֿאַר די בלאַטע בריגאַדירן געמאָלן פּאָרנאָגראַפֿישע בילדער, האָבן זיי אים צורו געלאָזט.

אָבער די מעשה מיט נינאַן איז טאַקע געווען אַן אמת. מיר האָבן זיך דערוווּסט דערפֿון אין אַ צייט אַרום.

עס איז שוין געווען נאָך סטאַלינס טויט. דער רעזשים האָט אין לאַגער אַביסל נאָכגעלאָזט. אַרעסטאַנטן האָבן זיך אָפטער גענומען איבערשרייבן מיט דער היים. האָט האָפֿמאַנען זיך איינמאָל פֿאַרגלוסט אָנצושרייבן אַ בריוו צו נינאַן. ער האָט איר נישט געשטראָפֿט, נישט געזאָגט קיין מוסר, נאָר פּשוט געפֿרעגט: ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז זי זאָל דריי יאָר אַזוי הייס, אַזוי ליידנשאַפֿטלעך שפּילן די ראָל פֿון אַ געליבטער, אין דער צייט ווען זי האָט טאָג־טעגלעך געלאָקערט אויף זיין לעבן. האָפֿמאַן האָט באַווירצט זיין בריוו מיט אַ סך ציטאַטן פֿון לידער, וועלכע ער האָט אַזוי פֿיל פֿון אויסנווייניק געקענט, און נינאַ האָט געענטפֿערט.

געענטפֿערט מיט אַ רייכן פּאַקעט שפּייז און מיט אַ האַרצרייסנדיקן בריוו, אַז זי האָט אים טאַקע ליב געהאַט און האָט אים ליב אויף היינטיקן טאָג. ס'הייסט אַז ווען זי האָט זיך מיט אים באַקענט, איז זי טאַקע געווען אונטערגעשיקט צו אים, ווייל ער איז געווען אונטער אַ פֿאַרדאַכט, אָבער לעבנדיק מיט אים, האָט זי זיך פֿאַמעלעך אין אים פֿאַרליבט. אָבער זי איז שוין נישט געווען אין אירע הענט, זי האָט געמוזט אויספֿילן וואָס מ'האָט איר באַפֿוילן, אַפֿילו צו זיין אַן עדות קעגן אים...

ס'איז געווען דער איינציקער טאָג ביי האָפֿמאַנען, ווען ער איז געווען אַן אַ מאַסקע. ער איז אַרומגעגאַנגען פֿון באַראַק צו באַראַק און געוויזן דעם בריוו. ערשט איצט האָט ער דערפֿילט דעם גאַנצן ווייטיק פֿון דער לאַגע. ער האָט שוין געהאַט אין נינאַן פֿאַרגעסן. ווען זי וואָלט אים נישט ליב גע־האַט, ווען עס וואָלט געווען אַזוי ווי ער האָט געטראַכט, אַז זי האָט בלויז

אַ ראָל געשפּילט פון אַ געליבטע, וואָלט ער איר אַזוי געהאַסט ווי ער האָסט די וואָס האָבן אים אַהער פאַרשיקט.

האָט זי אים באמת ליב, אָדער וויל זי עפּעס ווידער ביי אים אַרויס־באַקומען?

האָפמאַנען האָט זיך געגלוסט זיך אַליין אַ טאַפּ צו טאָן דעם שטערן צי ער איז ביי די קלאָרע געדאַנקען, ווייל אַ סיסטעם קען מען ביים שטערן בישט טאַפּן...

# פון דער טיפעניש

— דאָ אויף דער „פּערעסילקע״ — זאָגן אַלטע אַרעסטאַנטן — איז גאָלד. איר וואָלט געדאַרפט זיין אויף דער בוכטע נאַכאָדקע...

אויף דער בוכטע נאַכאָדקע, פונוואַנען עס זענען געשוווּמען פאַרמאַכטע פּראָמס מיט אַרעסטאַנטן אויפן ווייטסטן, קאַלטסטן צפון, איז אַ סך, אַ סך ערגער געווען!

די זכרונות גייען פון די דרייסיקער יאָרן. צענער טויזנטער האָט מען אָנגעפּאַקט אויפן איבערוואַנדערונגס־פּונקט נאַכאָדקע. עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכע דיזענטעריע. הונדערטער זענען אויסגעשטאָרבן אין אַ וואָך און די הריגות צווישן די גנבים און גזלנים! און די לייז און די וואַנצן!

דאָס „גאָלד״ פון דאַנען שענק איך אַלע שונאים. מיר זענען טאַקע נישט מער דאָ ווי אַ צוויי טויזנט אַרעסטאַנטן, מענער און פרויען, און פּאָליטישע זענען אין דער גרויסער מערהייט, אָבער עס פעלן נישט קיין קרימינעלע: גנבים, באַנדיטן, רויבער.

לאַסט־מאַשינען פירן אונדז 8 אַזייגער אינדערפרי ערגעץ אויף אַ פאַרם, 10 מייל פון אונדזער לאַגער, 30 אויף יעדער מאַשין. ווי גייען עס אַריין 30 אינעם קליינעם מאַשין־קאַסטן? דער ענטפער איז: מען פרעסט אונדז צונויף אַזוי, אַז פלאַץ איז דאָ גענוג. צווישן די פיס פון איינעם זיצט אַ צווייטער און דער איינער מוז מיט די הענט זיין שכן ארומנעמען, אַ סגולה מען זאָל נישט אַנטלויפן. בלאַטע יונגען האָבן זיך וואָס צו רימען. מיט אונדז זיצן אין דער מאַשין אַ העלפט פרויען; פאַר וועמען דער באַרגיקער און צעלעכערטער שאָסיי איז אַן אומגליק, — עס ווערן ארויסגעשאָקלט אַלע קישקעס — פאַר די קרימינאַלניקעס איז עס אַ שפּאַצירל, פון זאָגן גראָבע וויצן אויפן חשבון פון פרויען.

מיר זענען אַ מאַן צוויי הונדערט אויף דער אַרבעט.

מיר אַרבעטן ביים קאָנסערווירן גרינסן אויפן ווינטער פאַר אַלע לאַ־

גער־פונקטן פון אונדזער „אָטדעליעניע״ (דער גרויסער אָדערלאַג נ. 7 איז צעטיילט געווען אין 4 אָפּטיילונגען).

עס איז אָנגענומער צו אַרבעטן מיט פרויען.

צווישן די גראָבלעך מגושמדיקע פּנימער פון די קרימינעלע טרעפסטו זיך נישט איין מאָל אָן מיט אַזוי פיל אידעלע געזיכטער צווישן די אַרעס־טאַנטינס, וואָס דער אומגליק און דער טרויער גיט זיי צו אַ באַזונדערן חן. זיי טוען זייער אַרבעט שווייגנדיק, טראָגנדיק אויף די דינע פּלייצעלעך אַזעלכע שווערע קוישן מיט גרינסן, אַז קוים מען זעט פון אונטער זיי אַרויס זייערע פּנימער. די אָרימע אַרעסטאַנטן־קליידלעך באַפּוצן זיי מיט דער פּרי־מיטיווער ביסל אָרעמקייט וואָס זיי האָבן נאָר: אַן אויסגעריסן בלימל וואָס וואַקסט דאָ דערנעבן, אַ ווייס קעלנערל. מייניסטנס פון זיי זיצן שוין עטלעכע יאָר און האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער פאַרשעמטקייט און צום עלנט. דער נאַטירלעכער געפיל פון רחמנות האָבן און מיט עפּעס צו העלפן די מענער, איז ביי זיי נישט אָפּגעשטאָרבן.

אין אַרבעט־איבעררייס געפינען זיי שוין עפּעס פון אונטער דער ערד אַ געפּעס, אויב נישט אַ געפּעס, איז אַ ריין ברעטל, אַ שויב, אויף וועלכער זיי סערווירן צעשניטענע אוגערקעס, פּאָמידאָרן (טאָמאַטעס), מערן. זיי דער־מאָנען מיר אָפּט אין קינדער וואָס שפּילן זיך אין הויז־באַלעבאָסטעס. צו וואָס? פּאַר וועמען? אָבער די קליינע אַנדערשקייט, דאָס פּיצל יום־טוב פון אַ פאַרשפּרייטער אַלטער צייטונג אויף דער ערד און די פּאָר צעשניטענע און מענטשלעך אויפגעגעבענע ביסל גרינסן דערמאָנען אַזוי אין דער היים! איך האָב זיך פאַמעלעך צוגעקוקט צו זיי. יעדע פון זיי איז דורכגעגאַנגען אַ סךליידן, אַ סך מער ווי די מענער. די מענער האָבן באַדאַרפט אַריבער־ כיטרעווען אין שונא וואָס האָט געלאָקערט אויף זייער לעבן: דער נאַ־טשאַלניק פון לאַגער, וואָס האָט זיי געהאַלטן אויפן אויג, און זיך געסטאַ־רעט זיי צו וואַרפן אויף די שווערסטע אַרבעטן. די פרויען האָבן אויסער די נאַטשאַלניקעס, געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון די בריגאַדירן, וואָס האָבן זיי דערקוטשעט, און צוגעזאָגט די לייכטסטע אַרבעט פאַרן פּרייז פון אָפּ־געבן זיך. אַ סך האָבן אין זייער פאַרלוירנקייט נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו, אָבער טייל זענען שטאַרק געווען, און איינע פון זיי איז געווען טאָ־

סיע, אַן אַדוואָקאַטקע פון ווייסרוסלאַנד. זי איז געווען אַ פרוי אין די דריי־סיקער, אַ הויכע, און אַלץ אין איר האָט אויסגעדריקט אַ באַזונדער איידל־קייט. אַ בליק, נאָר נישט צו־בליק געזיכט, מיט טונקל־בלויע אויגן, וואָס האָבן שעמעוודיק שטענדיק געקוקט אויף אַראָפּ, ווען זי האָט גערעדט, מיט בלאָנדע האָר, וואָס קוקנדיק אויף זיי, האָסטו זיך געוווּנדערט, ווי מען קען דערהאַלטן אַזאַ ריינקייט אין זיי און אַזאַ נאַטירלעכן קאָליר אין אַזעלכע באַדינגונגען.

אין שווערע באַדינגונגען דערקענט זיך אַ מענטש מיט אַ מענטש נעענ־טער, און די טעג וואָס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף דער „פערעסיל־קע״ און אַרבעטן, האָבן מיר זיך ביידע געסטאַרעט צו אַרבעטן איינער לעבן צווייטן. זי איז געווען זייער אַן אינטעליגענטע פרוי. ווי זי דערציילט, איז זי אַרעסטירט געוואָרן, ווייל זי האָט ביי דער דייטשער אָקופּאַציע פּאָרגע־זעצט איר פּראַקטיק ווי אַ ציווילער אַדוואָקאַט, און איז נישט אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. איר שוואַכקייט האָט זי פאַרענטפערט דערמיט, וואָס נישט אַלע מענטשן קענען זיין שטאַרק און מוטיק, ווייל אַזוי האָט גאָט באַשאַפן: שטאַרקע און שוואַכע, עס וואָלטן נישט געווען קיין העלדן און עס וואָלטן נישט געווען קיין שוואַכע. און צווייטנס, האָט זי געהאַט צוויי קליינע קינ־דער, פון וועלכע זי האָט זיך נישט געקענט שיידן.

פון איר שטראָף, 5 יאָר, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסע זינד איז זי נישט באַגאַנגען, ווייל פינף יאָר שטראָף איז דער קלענסטער מאָס־מיטל לויטן פּאַראַגראַף 58, פּונקט 1 „א״, וואָס הייסט ציווילער מלוכה־פאַראַט.

די 5 יאָר איז זי כמעט אָפּגעקומען. זי האָט נאָך 10 חדשים צו זיצן, און פון דאַנען שיקט מען איר איבער נעענטער צו „מאַטעריק״, ווי אַ ווייַ־ניק געפערלעכע אַרעסטאַנטין.

אַז כ׳פלעג אָנקוקן צוזעענדיק ווי אונדזערע קרימינעלע זיצן אַזוי מיט די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, הנאה האָבנדיק פון דער באַלעבאַטישער סעודה, וואָס די פרויען האָבן זיי סערווירט — פלעגט זי מער ווי אַ דער־פאַרענע אַרעסטאַנטין וואָרענען: — געטרויט נישט די מענטשן, די חיה אין זיי דערוועקט זיך ביי יעדער געלעגנהייט אויפסניי.

און איינמאָל איז עס געשען.

ווען מיר האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן אײַנזייערן די פיר ריזיקע פּע־סער קרויט, אוגערקעס און פּאָמידאָרן, פּעסער, וואָס יעדע פון זיי איז גע־ווען די גרויס פון אַ קליינער הויז — האָט מען אונדז אַראָפּגעפירט אויפן אונטערשטן שטאָק. דאָרט אונטן, איבערן לאַנגן, לאַנגן שפּייכלער, וואָס איז געווען מיט הונדערטער וועגטלעך איבערגעצוימט, זענען געווען אָנגעשיט טויזנטער טאָנען קאַרטאָפל. אונדזער אַרבעט איז געווען אויסקלייבן די אָנ־געפוילטע קאַרטאָפל פאַר דער קיך און איבערלאָזן די מער שטאַנדהאַפטי־קע אויף ווינטער. די אָנגעפוילטע קאַרטאָפל ווערן געוויגן אין זעקלעך, אויף דער וואָג, פאַרבונדן, און נאָך דער אַרבעט אַרויפגעטראָגן אויבן.

דער קאָנוואָי קומט זעלטן אַראָפּ אונטן. פונדאַנען קען מען אין ערגעץ נישט אַנטלויפן. ס'איז אַ גרויסער קעלער אונטער דער ערד, און דאָס ביסל פענצטערלעך זענען פאַרקראַטעוועט. אין יעדן קאַמער זיצט אַ פאָר און קלייבט איבער קאַרטאָפל.

די אַרבעט איז געגנוג נודנע, אָבער אין פאַרגלייך מיט אַלע אַרבעטן וואָס איז מיר אויסגעקומען צו טאָן אין די לאַגערן, איז עס געווען די סאַמע לייכטסטע. אַפילו שוין מיטן אַרויפשטעלן די זעק אָנגעפוילטע קאַרטאָפל אויף דער וואָג און אַראָפּנעמען, און שפּעטער זיי אַרויפטראָגן אינדערהויך.

אין מיין אָפּגעצוימטער קאַמער מיטן הויכן באַרג קאַרטאָפל, איז גע־זעסן מיט מיר טאָסיע. מיר האָבן איבערגעקליבן צוזאַמען די אָנגעפוילטע קאַרטאָפל אין זעק און געריידט וועגן אַלע ביכער וואָס מיר האָבן אין דער יוגנט אַריינגעזויגן אין זיך, און אַ טייל פון דער וועלט דאָ אין קעלער האָט געגעסן פון דעם ביסל „פרייהייט" וואָס עס האָט דאָ געהאַט, נישט באַ־מערקט פון וועכטערס אויגן.

טאָסיע זאָגט:

— איר ווייסט פאַרוואָס די פרויען גיבן זיך „אַזוי לייכט אונטער"? זיי געווינען דערוויל צוויי חדשים זיין אָן אַרבעט אין די „הויכע" חדשים.

און איך האָב טאָסיען דערציילט וועגן געטעס „די ליידן פון יונגן ווערטער" און וועגן היינעס „בוך דער לידער" און וועגן אַלע יענע שטאַרקע ליבעס פון די קלאַסישע ראָמאַנען אַרויס...

און די פאָרלעך אין די ווענטלעך האָבן זיך פאַר אונדזערע אויגן גע־טוישט, אויף צו להכעיס דער וועלט.

די זעק מיט קאַרטאָפל זענען אַלציינס געוואָרן פאַרטיק און צו דער צייט אַרויפגעשלעפט אין דער הויך, און אַז דער נאַטשאַלניק האָט זיך אין אָוונט באַוויזן אין דער פאַרם, האָט דער הויפט־קאָנוואָי ראַפּאָרטירט:

— די אַרבעט איז אויסגעפילט געוואָרן, צען טאָן קאַרטאָפל איז פאַר־טיק פאַר די לאַגער־קיכן...

## „וואַסילי בלאַזשענני“

פאַרוואָס די לאַגערניקעס האָבן אים גערופן „וואַסילי בלאַזשענני“ ווייס איין גאָט אין הימל; די צערקווע פון הייליקן וואַסילי געהער צו די אַלטע קונסטווערק פון דער אַרכיטעקטאָניק און שטייט אין מאָסקווע אויפן רויטן פּלאַץ. זי איז געבויט געוואָרן אין די צייטן פון איוואַן דעם גרויזאַמען. און דער אַלטער וואַסילי, דער אויפראַמער אין דער לאַגער־קיך, איז דאָך אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און דערמאָגט אַזוי ווייניק אין די טורעמלעך פון וואַסילי בלאַזשענני... אַז זיצן זיצט ער דאָך שוין אין די תפיסות און אין די לאַגערן פון די דרייסיקער יאָרן אָן; איז אויסגעוועזן ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק, און פאַר דער צייט איז ער שוין דריי מאָל געוואָרן „אַקטירט“, ס'הייסט אויף לאַגער־לשון, אַז אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים האָט אָנערקענט, אַז ער איז אויף אַזוי פיל קראַנק, אַז ער איז נישט פעיִק צו קיין אַרבעט, און מ'האָט צונויפגעשטעלט אַן אַקט; עלעהיי מען מאַכט אַן אַקט ווען עס גייט חסר אַ ביסל מאַטעריאַל, אָדער ווען אַ טאָג אַ ווינטערדיקער גיט זיך אַן עקשן איין און מאַכט דיר אַ פראָסט פון איבער פופציק גראַד צעליוס, ווען מען מוז אָפּשטעלן אין וואַלד די אַרבעטן.

טאָ וואָס־זשע טוט ער נאָך אַלץ אין לאַגער?

איז די מעשה, וואָס וואַסילי האָט שוין מסתמא אַ מאָל הונדערט איבערגעכיטרעוועט דעם טויט, נאָר נישט דעם סאָוועטישן געזעץ. ער האָט די 58סטע סטאַטיאַ און דער פּאַראַגראַף 58 (פּאָליטישע) איז אין לאַגער ווי אַ הידרע: שניידסט איר אָפּ איין קאָפּ — וואַקסט אויס אַ צווייטער. אָט האַלט מען ביים אָפּלאָזן אַהיים אַלע אַקטירטע חולאים און אָט קומט אַן גלייך אַ נייער צירקולאַר אַז לא מיט אַן אלף, ווער מען — נאָר נישט דעם 58סטן פּאַראַגראַף! דאָס איז אַזוי געפערלעך ווי קאַנסער, טובערקולאָז. און אַזוי ווי אַן אינוואַליד איז ער פאַרט, און אַ ניעראַבאָטשי אינוואַליד, איז מען אים נישט מחויב צו געבן קיין מלבושים ערשטע קאַטעגאָריע. צעריסענע איז אים ווײ־

ניק? איז מילא, אונדזער נאַטשאַלניק האָט אים שוין געוואָלט נישט איין מאָל מאַכן פון אַ נישט־אַרבעטנדיקן אינוואַליד פאַר אַן אינוואַליד וואָס דאַרף יאָ עפּעס טאָן. ער איז איינמאָל ספּעציעל געקומען צו דער מעדיצינישער קאָ־מיטיע, זיך אַוועקגעזעצט נעבן דער דאָקטערשע, קאַפּיטאַן נעלגאַ. ווען וואַ־סילי איז אַריין אַן אויסגעטאָנענער, האָט אָבער נעלגאַ ווידער געזען פאַר זיך אַ האַלב־אויסגעטריקנטן סקעלעט מיט אַ פּאָר געשוואָלענע פיס, האָט זי ביי איר גאַנצער גזלנישער ביטערקייט בלויז פון יוצא וועגן צוגעלייגט דאָס טרייבל צו זיין ברוסט און אַ זאָג געטאָן:

— אידיטיע! — ס׳הייסט: פון דיר וועט שוין גאָרנישט אַרויסקומען.

איז רוימט וואַסילי אין דער לאַגער־קיך דעם דיל. ווי קאָן וואַסילי רוי־מען אַזאַ ברייטן און לאַנגן דיל? אונדזער קאַפּיטאַן יערמילאָוו הייסט דאָך שאָבן די דיל־ברעטער מיט גלאָז? איז די מעשה, וואָס וואַסילין האָט מען שטאַרק ליב אין לאַגער און אַלע קוכער זענען קאַפּאַבל צו געבן טאָפּלטע פּרישטיקן, מיטיקן און אָוונט־ברויט אַ האַלבן צענדליק אינוואַלידן, זיי זאָלן וואַסילין העלפן. וואַסילי קוקט זיך נאָר פּאַקטיש צו און קאָמאַנדעוועט גוט־מוטיק:

— די פענצטער, רעביאַטאַ! ווישט אָפּ דעם שטויב! די טישן וואַשט מיט זייף!

— ריינקייט, רעביאַטאַ! אויב מיר וועלן זיך אַליין נישט האַלטן ריין, וועט אונדז דער שמוץ אויפפרעסן פריִער אַ סך ווי נאַטשאַלסטוואָ וויל אונדז פאַרטיליקן!

די ליבשאַפט צו וואַסילין נעמט זיך דערפון וואָס ער איז טאַקע אַ מזג־טוב, אַ טייערע נשמה. ביי אים אָפּגעבן אַ הונגעריקן אַן אייגענעם מיטיק, איז אַ שפּיי. ער האָט טאַקע געגנוג אויף דער קיך, אָבער די „ווטאָראַיע", דאָס צווייטע וואָס מען גיט צום מיטיק איז צוגעטיילט און אויסגערעכנט! בפרט, אַז מען גיט אַ שטיקל פיש. אָבער פאַר וואַסילין שפּילט נישט קיין ראָל אַליין נישט צו עסן און אָפּצוגעבן אַן אַרבעטער וואָס גייט אַרבעטן אויסער דער זאָנע. אָבער מער פון אַלץ האָט מען אים ליב פאַר זיינע מעשיות וואָס ער דערציילט זיך אָן, סיי פון די יאָרן אויף דער פריי, ווען ער איז געווען פּראָ־פעסאָר פון עקאָנאָמיע אויף אַ מאָסקווער אינסטיטוט, און סיי פון די אַלע

לאַגערן וווּ ער איז אויסגעווען, פון קאָלימאַ, אַרכאַנגעלסק, קאַטלאַס, פּיר־גאַנאַ, קאַראַגאַנדאַ און די אַנדערע, און די אַלע לייט מיט וועלכע ער האָט זיך אַלץ געטראָפן.

...ביינאַכט, די פּאָר שעה וואָס זענען געבליבן ביז „אָטבאָי", ביזן קלונג וואָס לאָזט זיך הערן פון די טורעמלעך פון די וועכטער אויף אויסצושטעלן זיך אויפן נאַכטיקן אַפּיל, זעצן זיך לאַגערניקעס אויס אויף די נאַרעס, די נאַקעטע פיס אויף אַ הינטער זיך און מען הערט אויס דעם אַלטן וואַסיליס דערציילונגען. וואַסילי דערציילט מיט חנדלעך, פּונקט ווי די דריידעלעך וואָס ער מאַכט אויף די שיינע קאַליגראַפישע אותיות אין די ביטעס וואָס ער שרייבט פאַר די לאַגערניקעס צו נאַטשאַלסטווע, כאָטש די בקשות העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, אָבער ער טוט זיינס.

— ...און ביי דעם סטאַכאַנאָוון בין איך אַ לערער געווען. די אַלע גרויסע לייט האָבן זיך זייערע לערער; פּראָפעסאָרן פון די אוניווערסיטעטן שיקט מען זיי. אַ היימישער יאָט דער סטאַכאַנאָוו, רעביאַטאַ, רוסקאַיאַ דושאַ! ליב געהאַט אַ טרונק אויך, און דאָס לערנען איז אים נישט אַזוי געקראָכן אין קאָפּ, אָבער קלוגע האָבן מיר גענוג, זאָגט מאַקסים גאָרקי, מיר דאַרפן האָבן גוטע. געהערט אַז עס גייט אים לעצטנס מיט דער פּוטער אַראָפּ, מען הערט עפּעס נישט פון אים. ער האָט אויפגעהערט נושא־חן צו זיין...

לאָניע באַנדיט, וואָס האָט גענומען אין לאַגער גיין אויפן „גוטן וועג", מאַכט דריי נאַרמעס און אין דער לאַגער־צייטונג שיינט ער אַראָפּ ווי אַ סטאַ־כאַנאָוויעץ, ווערט טרויעריק פון דער מעשה מיט זיין העלד נאָך וועלכן מען רופט אים.

— העי, פּראָפעסאָר, דערצייל בעסער פון די לאַגערן.

און כאָטש „קאָלימער" זענען דאָ ביי אונדז נישט וויניק, מען זינגט דאָך ביי אונדז דאָס טרויעריקע ליד „קאָלימאַ", דאָס טרויעריקסטע ליד, ביי וועלכעס עס שטייען טרערן אַפילו ביי די פאַרהאַרטעוועטסטע לאַגערניקעס, האָט דער עולם גערן דעם אַלטנס דערציילונגען. איר האָט דאָרט וועגן אַ ווייב פון אַ הויכן אָפיציר וואָס איז דערשאָסן געוואָרן, און איר, דעם ווייב, האָט מען אויף אייביק קיין קאָלימאַ פאַרשיקט, און מען האָט איר אָוועקגע־שטעלט אַרבעטן אין אַ קוילן־גרובן. אַ קראַסאַוויצע געווען, האָבן זיך צו איר

אַ נעם געטאָן די בריגאַדירן, כלומרשט מיט גוטע רייד, האָט זי שווער גע־האָרעוועט און זיך נישט פאַרקופּט. ווי לאַנג האָט זי געקענט אויסהאַלטן? יונג איז זי געווען און געוואָלט איבערלעבן די שווערע צייט, האָט זי זיך איבערגעגעבן די אַרבעטס־פּאַרטיילער, כדי צו קריגן אַ לייכטערע אַרבעט, איז זי געפאַלן נידעריק, כסדר געפאַלן. מ׳האָט זיך איזדיעקעוועט איבער איר, זי איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט...

לאַניע ביילט די פּויסט:

— איך וואָלט זיי אַלע דערשטיקט, אַט אַזוי מיט מיין רימען וואָלט איך געמאַכט אַ פּעטליע איינעם נאָכן אַנדערן, איינעם נאָכן אַנדערן. און קיינער פון אייך האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר איר? — איז לאַניע נייגעריק; נישט געווען קיין „מאָקרישקעס״? (נאַסע, אַזעלכע פאַרברעכער וואָס זיצן אַפּ טער־מינען פאַר מאָרדן).

—ווער האָט זיך דאָרט אומגעקוקט אויף אַ מענטשן? מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן, מען האָט דאָך געוווינט אין פּאַלאַטקעס, נישט געשטאָרבן נאָר געפגרט, ווי די חיות געפגרט.

— און וואָס וואָלסטו דאָרט אויפגעטאָן? — וויל פעדקע, דער לץ פון לאַגער, אַ רייץ טאָן זיך מיט לאַניען, וואָלסט אַ ליבע געפירט מיט איר? איר גענומען אויף אַ רייט־וואָגן און אַנטלאָפן ווי די אַמאָליקע העלדן? פאַרגעסט, ברודערל, ווו מאַטושקא קאַלימאַ געפינט זיך!

פאַרמאַך דאָס פּיסקל פעדקע, דיינע גנבימלעך גייען קיינמאָל נישט אין קיין געפאַר, אַט אַזוי מיט ווייסע הענטשקעלעך, מיט אַ שטעקעלע און מיט „זאַקאָנען״... אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און מען האַלט זיך שוין ביי שלאָגן.

אָבער דער אַלטער וואַסילי קערעוועט אַריבער זיין מעשה, אויף אַ טאַטן מיט אַ זון, וואָסביידע האָבן געלעבט אין צוויי באַזונדערע לאַגערן אויף קאַ־לימאַ און איינער פון צווייטן האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי, ער, וואַסילי, האָט זיי ביידן אָפּגעגעבן גרוסן און זיי האָבן זיך אָפּגעפונען, און וועגן זיין אויס־פאָרשער, וואָס איז שפּעטער אַליין אַריינגעפאַלן אין דעם אייגענעם לאַגער וואָס ער, וואַסילי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„וואַסילי בלאַזשעננִי״ איז לאַנג מיט אונדז נישט געווען, אַזוי איז אים באַשערט געווען, וואַנדרעווען פון לאַגער צו לאַגער. ער האָט די לאַגערן געהאַלטן פאַר זיין היים. ער האָט שוין נישט געהאַט צו וועמען צו פאָרן אויף דער פריי. זיין פרוי איז געשטאָרבן פאַר דער צייט. פאַר היימישע מענטשן, צו וועמען ער האָט געהאַט צוטרוי, האָט ער פאַרטרויט אַז ער וויל גאָרנישט פאָרן אויף דער „פריי״. אין לאַגער איז אים בעסער. דאָ קען ער כאָטש רעדן וואָס ער וויל...

# III

# אין גוטע צייטן

פראַגמענטן פון דער דערציילונג

„אַ הויז אויף פּאַוויע-גאַס"

.1

# דער שידוך

מנשה געדענקט:

...בייטאָג איז אין די קילע, לײדיקע צימערן ביי זיין פעטער נאָך קי־לער געוואָרן, נאָך שטילער געוואָרן.

פון פירקאַנטיקן הויף מיט די הויכע פינף עטאַזשן איז זיך, ווי אַן עכאָ, האַלב דערשטיקט פונאַנדערגעגאַנגען דער קליינער געפילדער פון זומער בייטאָג: פריילעכער קינדער־שפּיל אויפן הויף, שטאַמלענדיקע גאַ־מען פון אַ פידלער־אַנהייבער, צוזאַמען מיטן געניטן פּיאַנאָ־שפּיל פון עפּעס אַ גרינגער, גרינגער האַנט פונעם אַנטקעגנאיבערדיקן פענצטער; דער אי־בעררייס פון אַ טרויעריקן כאָר אין הויף, אַ בעטלער־כאָר און אַ הייזעריק פידעלע אינדערמיט, ווי אַ הייזעריק קינדער־העלדזל, וואָס וויל דערשרייען און קען נישט.

דאָס דאָזיקע קליין ביסל טומל פלעגט שטיל־שטיל ווערן אין דער אויסגעבעטעטער שאָטנדיקייט פון די פיר קילע, לײדיקע צימערן, איבער וועלכע דער פעטער האָט, פון געשעפט קומענדיק, געשפּרייזט אין די לאַטשן, רויכערנדיק אין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, מיט דער קליינער הפסקה פון טרינקען קאָכעדיקע טיי, שוואַרצע כמעט, פון צופּיל סענץ. און אַ טראָט איז ביי אים געווען, ביים פעטער, אַן אומזיכערער, אַ זייטיקער, ברוגז מיט דער אַנגעכמורעטער שטוב, ברוגז מיטן פּלייסיקן, קיינמאָל נישט מיד ווערנדיקן טאַקט פון זייגער, מיטן פריילעכן שטראַלן־שפּיל פון די צעוויג־טע פענצטער, וואָס האָבן דעם דאָזיקן שמחה־וששונדיקן גרוס געשפּיגלט אין אַלע שפּיגלען פון דער גרויסער סאַליע, אין אַלע קעגנשטאַנדן מיט אַ פּאָליטור־גלאַנץ.

אַן עקשנות פון טריט.

זיי האָבן נאָר פון געשעפט געקלערט, נאָר פון געשעפט, פון אַלע קלאָ־פּאָטן געוווּסט, און עטלעכע שעה אַזוי זיך אָנגעבייזערט אויפן משרת, דעם „לײדיק־גייער", וואָס טוט קאַפּויער, ווי מ׳הייסט אים, אויף דער אָרעמער משפּחה, וואָס וווינט דאָ אין דער זעלבער גאַס, און מיט וויפל מחיצות ער נעמט זיך נישט אַרום, שמחה, איז זי נאָך אַלץ נאָענט פון אים; ער קען זיך גאָרנישט אָפּשיידן פון איר. ער האָט אַ מעשן געשייערט פּלעטל אויף דער טיר געלאָזט אויפשלאָגן, נאָר זי וווינט אים דערנעבן, די משפּחה, זי איז איינגעגעסן אין אים.

זי קומט, די אָרעמע משפּחה, דורך דער קיך־טיר און נעמט אים די שטילקייט צו. די קיך־טרעפּ קען ער נישט. ער איז קיינמאָל דורך זיי נישט געגאַנגען. ער קען די „פּאַראַדנע", נאָר ער ווייסט, אַז פון דאָרט, פון דעם אונטערשטן אַריינגאַנג וואַקסט עפּעס אויס קעגן אים, דראָט אים עפּעס פון די אַלע אָרעמעלייט מיט אַ רחמנות־פּנים און מיט שנאה צו אים אין האַרצן, פון די אַלע איינגייערס צום שטוב־מיידל, פון אַלע פלייש־צושטעלערס מיטן צעיוירעגעם אָנטאָן און מיטן הויכן פּילדערנדיקן לשון, און אַפילו פון זיין אָרעמער שוועסטערס זון מנשה. די אַלע, וואָס קומען צו אים אַרויף — טיילט ער אויף צוויי טיילן: די, וועלכע גייען דורך דורכן פּאָדערשטן, פּאַראַדנעם אַריינגאַנג, און די, וואָס קומען אַרויף דורך דער קיך־טיר. אַמאָל טרעפט זיך אַ טראָף און עמעץ פאַרבלאָנדזשעט על פּי טעות, ווי למשל ר׳ שייעלע שדכן. ער קומט אַריין דורך דער פּאַראַדנער טיר, מיטן שטעקן, וואָס מיטן זילבערנעם הענטל, אין האַנט „נאַ שפּיץ". אָן אויסגעקעמט בערדל האָט ר׳ שייעלע, אַ גרוילעכס, מיט צוויי פאַרריסענע שפּיצן, וואָס הייבן זיך אַרויף און שרעקן נישט איינמאָל איבער אָן אָרעמען מחותן מיט זייער פאַר־ריסנקייט, ווי איינער זאָגט: מיט וואָס נעמסטו זיך עפּעס איבער, יחסן מיי־נער, קבצניוק וואָס דו ביסט?

נאָר צום פּעטער קומט ר׳ שייעלע אַריין אַ בנעימותדיקער, מיט טאָפּלטן פּחד, וואָס מאַכט ציטערן ביי אים דאָס לינקע אויג און מאַכט בלייך די שפּי־ציקע נאָז. ר׳ שייעלע ווייסט, וויפל טויזנטער ר׳ שמחה זילבערוואַסער פאַר־מאָגט, וויפל באַר געלט, וויפל חובות און וויפל סחורה: ער ווייסט מער, ווי באַקאַנטע סוחרים ווייסן. און דעריבער טאַקע איז ר׳ שייעלע מלא דרך־

ארץ. ער ווייסט, אַז אין פאַריקן יאָר איז דער פעטער טאָפּלט רייך געוואָרן, אַ מוצלח, און דאָס הויז וואָס ער האָט געקויפט טראָגט ריינעם ריווח — כמה מאות גילדן אַ וואָך. קומט ער אַריין, און דער ערשטער אריינקום איז אַ קרומלעכער קוק אויפן פעטער פון אויבן אַראָפּ־צו, אַזש ביז די ברוינע שטעק־לאַטשן, און פלוצים אַ שמייכעלע, ווי ער וואָלט דאַכט זיך אין עפּעס קאָמישעס פאַרטשעפּעט.

ווידער וועגן זעלבן ענין געקומען מיט קרעטשטיינען. ר׳זעט פאָרט נישט קיין בעסערס. אַ גאָלדענער שידוך.

ר׳ אייזשע קרעטשטיין, דער מאַנופאַקטור־סוחר פון די נאַלעווקעס, וווינש קעגנאיבער גאַס, אויפן צווייטן שטאָק. ביים פענצטער זיצט ער ערשט ר׳ אייזשע מיט דער טאָכטער זיינער, אָט די אין די פענסנע און השבונט. קרעטשטיין האָט אים אַליין פאָרגעלייגט דעם שידוך פאַראַכטאָגן שבת, פון שטיבל גייענדיק.

דעם פעטערס זון, געדענקט מנשה, אַ שלוש־סעודותדיקן, אַ ווייך־פאַרצויגענעם, ווי די בין־השמשותדיקע זמירות זיינע, וואָס פלעגן זיך טראָגן פון זיין וווּנדערלעכער קעל. עס דוכט זיך מנשהן, אַז דער קוזין איז אַזוי צופעליק פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אָט־אָ דער שטוב, ווי ער אַליין, דאָס אָרעם עילויִש בחורל אין דער גרויסער שטאָט, וואָס עסט „טעג” ביי זיין רייכן פעטער. מנשה פלעגט פאַרן פעטערס זון דרך־ארץ האָבן. ס׳האָט אים געלאָקט זיין שיינע הלבשה, זיין וווּנדערלעך־זיסע שטימע, זיין פּרעכ־טיק כתב און אַלע ביכער אויף פרעמדע שפּראַכן, וואָס זענען געלעגן ביי אים און מנשה פלעגט בגנבה מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם מישן זיי מיט יענער שרעקיק־טריפהנער הנאה פון אַ יידיש יִנגעלע, וואָס, שפּילנדיק אין פאַר־באַהעלטעניש געפינט זיך עס פלוצים אויפן הויף פון אַ קאָשטשאָל.

ער האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל אַ חתן ווערן, ראובן, חתונה האָבן און אַוועק פונדאַנען. און ער פלעגט אָפּטאָן שפּיצלעך ר׳ שייעלען דעם שדכן, געקענט זיין געגנגל און זיין קלאַנג, אונטערהערנדיק הינטער דער טיר איידער ער קומט אַריין. מ׳פלעגט אים נישט גערן עפענען.

מנשה פלעגט הערן הינטער דער טיר ווי ר׳ שייעלע אָטעמט שווער־

שווער, שאַרט מיט די הענט די טיר, קוועטשט מיט דער קליאַמקע איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל און זיפּצט אָפּ.

דעם זיפץ שייעלעס איז שוין מנשה נישט בייגעקומען. רחמנות באַקומען אויפן יידן, פּלוצים, מיטן זעלבן רחמנות ווי אויפן אַלט־גרוילעדזשוואַווע יידל מיטן פּיקל מיט די גלעקלעך, וואָס פלעגט אַלע ערב שבת, ערב ראשי־חדשים זיך באַווייזן אויפן הויף, אויסזינגען עפּעס אַ לעבעדיקפריילעכע זאַך, וואָס איז דאָך אַזוי טרויעריק געווען, ווי דער גורל זיינער און נאָך טרויעריקער ווערן, ווען דאָס יידל פלעגט אַ הייב־טאָן דעם קאָפּ אינדערהייך מיט די צוויי אומעטיקע אויגן (די אויגן קאָן מנשה נישט פאַרגעסן), וואָס האָבן אַ נדבה געבעטן. אַזוי אָ פלעגט אים דורכנעמען ר׳ שייעלעס זיפץ. אין סאַמע מיטן זאָגן, אַז דער פעטער איז נישטאָ, פלעגט מנשה חרטה האָבן, אַן עפן טאָן די טיר און ר׳ שייעלען אַ פרעג־טאָן:

— נו, ווי גייט עס עפּעס, ר׳ שייעלע, מיטן שידוך מיט קרעטשטיינען?

— און וואָס דאַרף אַזאַ בחורל ווי דו זיך מישן אין אַזעלכע זאַכן, אַ?

— דער חתן האָלט נישט ביי דעם שידוך, איך זאָג אייך פריער, איר וועט גאָרנישט אויפטאָן.

און טאַקע גלייך דערנאָך האָט מנשה זיך געקאָנט איבערצייגן, אין אַלע דעם שדכנס כיטרע שטיק, דאָס פאַרמסרן אים, מנשהן, פאַרן פעטער. פון צווייטן צימער אַרויס האָט ער עס געהערט:

— ער האָלט נישט ביים לערנען, ער וועט קאַליע ווערן, זאָג איך אייך. איר וועט זען, ר׳ שמחה, ער מישט זיך מיר צופיל אין פרעמדע געשעפטן. צו וואָס האַלטן אַזוינס ביי זיך, אַ?

נאָר מנשה פלעגט ליב האָבן דעמאָלט אַזוי אונטערצוהערן, ווי ר׳ שייעלע לייגט אַוועק אַ שמועס אין לערנען, אַ שמועס אַ פאַרוויקלטן, וואָס דער פעטער, אַ ייִד, וואָס אין די שבתים האָט ער נאָר געקאָנט קוים לערנען אַ מדרש־תנחומאָ — האָט עס נישט באַנומען, דאָס וואָס ר׳ שייעלע איז עס טאַקע אויסן געווען. ביי אַזאַ שמועס אין לערנען, פלעגט ר׳ שמחה, דער פעטער זיינער, רויכערן אַ פּאַפּיראָס, פאַרציִען זייער טיף דעם רויך, אַז ס׳האָט אַזש אַ שטאָך געטאָן צום האַרץ, אָנשפּאַרן די האַנט אויף זיין העלפט צעקעמטע באָרד, מיט דער צווייטער מאַכן אַ דעכעלע איבער די אויגן און

קעגן זײַן װילן, קעגן זײַן גרױסקײט און תּקיפֿות פֿון אַ װאַרשעװער נגיד, װאָס האָט צו זאָגן איבער אַ פּערסאָנאַל, איבער דער שטוב זײַנער, איבער אַלע אָפּנעמער זײַנע, די רײַכע פּראָװינצער סוחרים, װעלכע ער באַװיליקט און באַװיליקט נישט אַ שמײכל געבן צו זײ, קעגן אָט דעם אַלעם איז ער, אַ יונג חדר־ייִנגל געװאָרן, אַ חדר־ייִנגל בײַ ר׳ נחומען אין חדר, װוּ ער איז װײַט נישט געװען פֿון די בעסטע, אױסגעקוקט שטענדיק אױפֿן חסד פֿון אַן „אונטערזאָגער", בכדי נישט צו קריגן פֿון רבין געצאָלט פֿאַר ענט־פֿערן „מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרױף".

נאָך אַזאַ שמועס מיט ר׳ שמחהן האָט ר׳ שײַעלע שױן דערפֿילט גלײַך זײַן גדלות און ר׳ שמחהס שװאַכקײט, האָט ער נאָכאַמאָל געטאָן אַ שלאָג אָן דעם שידוך און אַרױסבאַקומען פֿון ר׳ שמחהן אַ פֿעסטן „יאָ".

און דעמאָלט איז עס געװען די קינדערשע צעשטיפֿטע נקמה אין מנשהן פֿאַרן גאַנצן ביסל בײַז, װאָס ר׳ שײַעלע האָט אױף אים אױסגערעדט, אַ כאַפּ אַרײַן טאָן זיך אינדערמיט, אַ שמועס טאָן װעגן דעם גאַנצן פּלפּול, װאָס ר׳ שײַעלע האָט דאָ אָנגעװאָרפֿן און אַ פֿרעג־טאָן ר׳ שײַעלען פּשט, אױפֿן אָרט, אַז דאָס גאַנצע פּשטל זײַנס איז זיך פֿונאַנדערגעפֿאַלן, װי אַ קאָרטן־הײַזל. ר׳ שײַעלע האָט זיך תּחילת נישט געלאָזט פֿון „יונגאַטש", גענומען גײן מיט קרומע סבֿרות, פֿאַרדרײט דעם פּשוטן פּשט, אױפֿגעװיזן ראיות מיט גמרות. מנשה פֿלעגט אױף צו־להכעיס אױפֿזוכן די אַלע שטעלן, אױף װעלכע ר׳ שײַעלע פֿאַררופֿט זיך און אױפֿװײַזן, אַז עס איז גרײַזיק פֿאַר־טײַטשט און דער פֿעטער פֿלעגט אױפֿלײַכטן, נישט אַזױ פֿון מנשהס נצחון, װי פֿון דעם, װאָס זײַן אײגענע אומבאַהאָלפֿנקײט קעגן ר׳ שײַעלען, צו װעלכער ער איז נישט צוגעװױנט, האָט זיך כאַטש אױף אַ װײַלע אָפּגערוקט און זאָגן מיט אַ שאָדן־פֿרײד צום שדכן:

— נו, ר׳ שײַעלע, זײַט מודה, שפּאַרט אײַך נישט, דער קלײנער איז גערעכט!

און דערװײַל איז ר׳ שײַעלע אַװעק מיט גאָרנישט, מיט פֿאַרדרוס אױף זיך אַלײן, אױף דער גאַנצער װעלט, אױפֿן קלײנעם מנשה.

— טאָ װאָס זאָגט איר ר׳ שײַע, ער קען, אַ?

— װאָס קומט אַרױס, אַז ער קען, אַז ער איז אַזױ איבערשפּיצט, —

און זיך ביים טיש אַ וויש־געטאָן די באָרד, פול מיט זאָרג פאַר מנשהן, אַ שטייגער, ווי צוליב דעם אַליין בלויז איז ער געקומען:

— מע, הלוואי זאָל זיין מיט אים גוט, ער גייט אַלץ מער אַראָפּ פון דרך־הישר.

...ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, קומט דער איידעם נאָטע וויירעם אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

ביי מנשהן שטייט נאָטע נאָך פון דער פריִער קינדהייט אין דער פאַנטאַזיע שטאַרק פאַרבונדן מיטן פאָטער יעקב פון חומש.

ווייל נאָטע האָט גענומען ביים פעטער שמחה די שענסטע טאָכטער, אסתר.

און ווען מנשה, אַ זיבן־יאָריק ייִנגעלע, האָט ביים רבין זיינעם ר׳ שמעון אין חדר געלייענט די מעשה מיט לבנען און יעקבן, מיט רחל און לאה, איז עפּעס מאָדנע געשטאַנען פאַר אים נאָטע מיט אסתרן.

„און יעקב האָט ליב געקראָגן רחלען און ער האָט געזאָגט: איך וועל אָפּאַרבעטן זיבן יאָר פאַר דער ייִנגערער טאָכטער דיינער, רחל.

און לבן האָט געזאָגט: ס׳איז בעסער איך זאָל זי דיר געבן, איידער זי אָפּגעבן אַן אַנדער מאַן. זיץ מיט מיר.

און יעקב האָט אָפּגעאַרבעט די זיבן יאָר פאַר רחלען און זיי זענען געווען אין די אויגן זיינע ווי געציילטע טעג, פון דער ליבשאַפט צו איר״...

ווער קאָן וויסן, וואָס אין הערצעלע פון אַ ייִדיש ייִנגעלע טוט זיך? ביי מנשהן איז דאָס פּיצינק נשמהלע נאָך געווען פאַרמאַכט ווי אַ בלימעלע, וואָס האָט נאָך קיין איין בלעטעלע נישט באַוויזן, אַ פאַרמאַכט קנאָספּעלע. טאָ פאַרוואָס פלעגט ער זיך נישט רייסן פון די הענט, ווען אסתר, קומענדיק צו גאַסט צו זיי אין שטעטל אַמאָל, פלעגט אים אַזוי הייס קושן? האָט ער אויך געפילט די געוואַלדיקע שיינקייט פון אסתרן, וועגן וועלכער ער הערט אַזויפיל רעדן?

נאָטע איז געווען דער לעבעדיקער היפוך פון פעטער זיינעם. נידעריקער פון מיטלוווקס, אַ בלאָנדער מיט גאָלדענע פּענסנע, מיט אַ געשוירן בערדל און מיט אַ קאַשקעטל מיט אַ זיידן סטענגעלע דערויף, מיט אויגן וואָס טראָגן שטענדיק אַנטקעגן דעם „גוט־שבת״ — „גוט־יום־טוב״. מ׳האָט

אים נאָך קיינמאָל נישט געזען וויינען, אַפילו ווען אין דער משפּחה איז אַ נאָענטער געשטאָרבן. ער האָט שטענדיק אַריינגעטראָגן מיט זיך אַ לייכטע פריילעכקייט, אַ זאָרגלאָזיקייט. דערפאַר האָט ער שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער אויסערלעכער הלבשה, שטענדיק אַ נייעם, ווייסן שטייף־אָנגע־קראָכמאַליעטן קאָלנער מיט מאַנקעטן פאַרשפּיליעט מיט זילבערנע ספּינ־קעס און אַ קראַוואַט — די לעצטע מאָדע. און ליפּן האָט ער, נאָטע, געהאַט רויטע, זאַפטיקע, וואָס האָבן ליב געהאַט זיסוואַרג, אַליין זיך אָנגעביטן אויף חתונות.

דער פעטער שמחה האָט נאָטען נישט ליב געהאַט צוליב נאָטעס שטענ־דיקער זעלבסטצופרידנקייט.

מנשה געדענקט בכלל נישט, אַז דער פעטער זאָל אַמאָל צופרידן זיין. אין דעם איז שולדיק געווען אַ סך די מומע פריידל, וואָס האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פון נאָטען אויף „נייעסן״.

די נייעסן זענען באַשטאַנען אין קלייניקייטן: אַריינפירן עלעקטריש ליכט אָנשטאָט די גאַז־לאָמפּן, איבערבייטן די טיולענע פאַרהאַנגען אויף די פענצטער, ווי ביים איידעם נאָטע אין שטוב, אָדער אַז ראובן, דער זון, בייט איבער די קאַמאַשן אויף לאַטשן לויט דער מאָדע.

— ס׳איז גאָרנישט, נאָר צו וואָס נייעסן? צו וואָס דאָס קינדער־צימער ביי נאָטען מיטן ווייסן מעבל און די באַנע צום יינגערן קינד, און דאָס אַרויספאָרן אַלע זומער קיין שווידער?

נאָר ערשט ביים טיש, ווערט מען צוביסלעך שלום און דער איידעם באַוויזט נאָכאַמאָל, אַז ס׳איז אַ שידוך אַ לייטישער, און כיבע דער ראובן וויל פאַרזיצן, אָדער ער האָט עפּעס אַנדערש אין זינען.

און גיטעלע איז אויך שוין געווען זען די כלה.

צו גיטעלען — דעם שוואָגערס שניר, די וואַרשעווער שיינהייט, איז דער פעטער אַפילו נישט גלייכגילטיק, אַז גיטעלע זאָגט עפּעס איז עס אַ אַ געזעץ; אַ מענטש!

אַז גיטעלע קומט אַרויף צו־גאַסט ברענגט די מומע אַרויף אויפן טיש פּאָמעראַנצן און ווייַנטרויבן. און אַ טישטעך ווערט אויפן טיש פאַרשפּרייט.

דאָס זעלביקע טישטעך, וואָס ווערט אין דער סאַליע אויפן טיש געלייגט, ווען מענדעלע זילבערוואַסער קומט צוגיין.

מענדעלע זילבערוואַסער, וואָס איז אַסימילירט און גייט אַפילו יום־כיפּור נישט אין שול, עסט טריפות, איז אָבער זייער חשוב ביים פּעטער: ער איז דער פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַפּיראָסן־ און טאַבאַק־פירמע „גאָבלעס", אַ גרויסער גביר.

מיט גיטעלען איז אויך אַזאַ יום־טוב ביים פּעטער:

— גיטעלע, נעם עפּעס אין מויל אַריין...

און די מומע זוכט אויס אַ ביסל אַלטן פּסחדיקן ווישניק.

— גיטעלע, טרינק!

און דער פּעטער ווערט מילד:

— גיטעלע, וואָס פֿאַרשעמסטו אונדז אינגאַנצן, נעם כאָטש אַ פּאָר ווײַנטרויבן...

און גיטעלע, נעמט מיט די שפּיצן פֿינגער אָן גראַציעז, איידל, מיטן זילבערנעם האַלטער, אַ שאָקאָלאַד פֿון דער אָפּענער באָמבאָניערקע, טוט זיך אַ רויטל מיט דער נאַשערײַ, גיט אַ לייכט אין דעם טונקעלן האַלב־טאָג מיט די האַלב־פֿריילעכע, האַלב־טרויעריקע אויגן און קומט אַרויף אויפן סאַמע עיקר:

— כ'מיין, די קרעטשטיין איז אַ גאַנץ לײַטיש מיידל...

דער פּעטער מישט מיטן לעפֿעלע אַ גלאָז טיי:

— האָסט זי טאַקע אַליין געזען?

— די גאַנצע קאַסירערין אין געשעפֿט, און אַ ווירטין, און אַ מענטש!

און כאָטש גיטעלע איז דאָך מסכים צום שידוך, וועט שוין נאָטע מיטן פֿאַרשווירן בערדעלע (ווי ניקאָלאַי דער צווייטער), קוקן מיט שטומער קנאה אויף דער יפהפיה פֿון דער יחוס־משפּחה ניקעלסאָן, וואָס מיט אַלע אירע רייד איז דער שווער זײַנער מסכים, און אַלץ פֿועלט זי ביי אים און וואָס זי דאַרף, אַ זשירע (גוטהייסונג) אויף אַ וועקסל, אַזוי אַ גרויסן גמילות־חסד, קומט שמחה נאָך. ער האַלט נישט אויס דעם נסיון: גיטעלעס אויגן... גיטע־לעס אויגן: אַ בלויקייט אַ טונקעלע, וואָס רוט נישט, וואָס מיניעט זיך פֿלו־צים אין אַן אַנדער אומבאַשטימטער פֿאַרב. און זיי זענען אַזוי אָוונטיק־ווייך

און בעטנדיק, און אַזוי האַרבסטיק־עלנטיק! אין זיי פאַלן בלעטער פון דיביימער, און נאָך־סוכותדיקע ווינטן בלאָזן... אַזאַ קאָנטראַסט די דאָזיקע אויגן צו אירע אייביק־וואָכעדיקע רייד, צו איר אויסגערעכנטקייט, סוחר־רישער אויסגערעכנטקייט.

אין די דאָזיקע אויגן איז אַזוי טראַגיש פאַרליבט מנשהס חבֿרל חיים, דער יתום, וואָס הונגערט אין דער גרויסער שטאָט, איז דער בעסטער אין ישיבה, נעכטיקט אין אַ געשעפט ווי אַ שומר, און אין דער רייכער שטוב צו מנשהן קומט ער כאָטש אַן אָטעם־טאָן מיט מענטשלעך לעבן, אויף אַ שעה פילן אַ היימישע שטוב. און יונגע הערצער עפענען אויף איינער פאַרן צווייטן, אומזיכער, די ערשטע ליבעס־געפילן.

גיטעלעס אויגן האָבן שוין באַשטימט, אַז דעם ענין מיטן שידוך פירט אויס און קריגט טאַקע שדכנות־געלט זי אַליין, גיטעלע, און נישט שייעלע שדכן און נישט דער איידעם נאָטע, וואָרום אַזוי וויל גיטעלע און אַזוי וועט שמחה זילבערוואַסער מסכים זיין.

.2

# פאַרבאַהאַלטענע ליבע

אין דעם גאַנצן הויז האָט נאָר ער איינער, מנשה, געוווּסט וועגן דער פאַרבאָרגענער שטילער ליבע פון ראובנען, דעם פעטערס זון, צו האַנקען, דער דאָזיקער ליבע, אַזוי פרעמד דער אָנגעכמורעטער שטוב, פונקט ווי די מוזיק פון אַ רימסקי־קאָרסאַקאָוו, וואָס ראובן פלעגט, קומענדיק פון דער פילהאַרמאָניע נאָך האַלבער נאַכט, שטילינקערהייט פאַר מנשהן אויסזינגען.

ראובן, אין געהאַקטן קאַפּאָטל, מיטן קאַשקעטל, האָט זיך צו אַזאַ מין גאַנג אין דער פילהאַרמאָניע געמוזט לאַנג גרייטן, איבערטאָן אין קורצן ביים חבר זיינעם דוד רובינליכט, דעם זון פון אַ וואַרשעווער ווינקל־מורה־הוראה אויף דער וואָליע; דער מורה־הוראה איז צום זון זיינעם געווען נאָכגיביקער, צי ווייל ער איז בכלל געווען אַ מזג־טוב, צי ווייל דוד איז כמעט געווען דער שפּייזער פון דער משפחה ווי אַן אַרבעטער ביי נאָבלעסן אין אַ קאָמיס־געשעפט אויף דער פּאַוויע.

דאָס דאָזיקע גיין אין דער פילהאַרמאָניע האָט באַדאַרפט זיין בסוד־סודות פאַרן פעטער, וואָס האָט מיט ראובנען יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק געפּירט ברוגזן, דאָ פאַרן שערן די באָרד מיט אַ צו דינער מאַשינקע, דאָ פאַרן חברן זיך מיט משה אַפּיקורס, דעם זון פון ר׳ שלמהלע אַלטער, דעם גערערס נאָענטע משפחה, וואָס איז פון אַ חסידיש בחורל, אַן עילוי, געוואָרן אַ „כופר בעיקר״ און זיך געגומען לערנען אויף דער „ווּשעכניצע״.

און דער גוטער שכר פאַר מנשהן, וועלכער פלעגט, אַ האַלב־נאַקעטער, אים עפענען די טיר, איז עס געווען, וואָס אין זיין מוח׳ל, וואָס איז פאַרנומען געווען מיטן שווערן רמזימדיקן סטיל פון אַ „פּרי־מגדים״ — זענען צוגעקומען אַזויפיל נייע באַגריפן, און אין זיין האַרץ האָבן געזונגען שוין נישט

בלויז דעם מאַדזשיצערס „אזכרה" און שלוש־סעודות־ניגונים, נאָר אויך די האַרציק־באַטעמטע אַריעס פון „האַלקאַ".

— ווער איז האַנקע?

דעם כמעט בר־מצוה־בחורל, מנשהן, וואָס האָט אַזוי געזוכט צו שטילן די אויפגעוואַכטע געפילן זיינע און די נאָך אומקלאָרע גלוסטונג אין די פּאָעטיש־חריפישע פרקים פון ר' נחמן בראַסלאַווערס „ליקוטי מהר"ן", — האָט די וועלט אַזוי געוווּנקען, אַזוי גערעגט מיט מיליאָנען פאַרפירערישע פייערלעך, ווי אין דער גרויסער שיינער שטאָט ביינאַכט.

עס זענען געווען די פרישע, ווי פלוימען באַהויכטע מיט אַ טוי, שיינע שילערינס פון דער גימנאַזיע, אין שכנות מיט דער ישיבה, ווו מנשה האָט געלערנט — יונגע, צעשפּרונגענע, מיט גרויע פילאָטקעס פאַררוקט אויף די האָר־וועלדעלעך פון די קעפּ, און דערוואַקסענע שיינהייטן פון דער משפחה; און דער הויפּט־יצר־הרע, וואָס האָט אים אַזוי געפּייניקט בייטאָג און ביי־נאַכט, דאָס מיידל, וואָס איר פענצטער איז אַרויס אַקוראַט אַנטקעגן דעם פענצטער פון דער ישיבה, ביי וועלכן ער און זיין נאָענטסטער חבר, חיים, זענען געזעסן. ביידע האָבן זיי איר אַ נאָמען געגעבן „רות" און ביידע זענען אַזוי טראַגיש גליקלעך געווען, ווען רות האָט זיך אָפּגעריסן פון אירע בי־כער־העפטן און זיי געשאָנקען אַ בליק, אָדער ווען זי פלעגט ווינטער אַ הויך־טאָן די שויב, וואָס איז אַ טראָפּן פאַרגליווערט געווען פון פראָסט, און אינעם פראָסטיקן רעמל האָט זיך באַוויזן דאָס טונקעלע, איידעלע געזיכט מיט די ברענענדיקע פּאָר אויגן. פון די דאָזיקע אויגן האָט אַ שלאָג געטאָן אַזאַ קוקעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויפן דנאָ פון מנשהס יונג און ריין נשמהלע, ווי יענער בליק, וואָס דער הייליקער ייִד ר' מאיר־יחיאל פון אָסטראָווצע, וועלכער האָט אָפּגעפאַסט פערציק יאָר אויף גלות־השכינה, האָט אים איבערגעלאָזט נאָכן רעדן מיט אים אין לערנען — אַ בליק, וואָס איז לאַנגע יאָרן איינגעשמידט געווען אין זיין איינגעווייד און אַזוי פאַר־צווייפלט זיך געווערט קעגן די קלוגע מיט זייער אמת שווידערלעכע באַ־וויזן פון שפּינאָזאָן, וואָס האָבן שפּעטער באַהערשט דעם אויסגעניכטערטן קאָפּ פונעם ישיבה־בחור.

האַנקע — אַ לילית אַזאַ, ווי אין דער מעשה פון ר' יוסף די־לאַ־ריינע

— האָט איינמאָל נאָר אַ בלענד־געטאָן פאַר זיינע אויגן. און געווען איז עס טאָקע אין דער דרוקעריי פון ר׳ שלמהלע טאגער, אין דעם גרויסן דורכגאַנג־הויף צווישן דער דזשיקע און נאַלעווקעס.

פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט מיטנעמען מיט ראובנען אַהין?

דערמאָנט זיך מנשה: ס׳איז געווען זומער, אין אַ שפּעטערער אָוונט־שעה. ער און זיין חבר חיים זענען נאָר־וואָס אַרויס פון דער ישיבה — דער „מאַקאָטאָווער עילוי״, דער גאון ר׳ מנחם זעמבא, האָט ביי זיי געהאַלטן אַ שיעור, אַ טראַקטאַט אַ גאַנצער, אָנגעפּיקעוועט מיט בקיאות און חריפות, און ביידע זענען זיי געזעסן אַ „משמור״ און פאַרשריבן דעם שיעור, און האָבן דערביי זיך מתווכח געווען, שיר נישט צעקריגט זיך.

מנשה, וואָס איז געכאָוועט געווען ביים זיידן זיינעם דעם „ליטוואַק״ אויף ר׳ חיים בריסקערס תורה און זיין לאָגיק, האָט נישט געקאָנט סובל זיין דעם מאַקאָטאָווערס גאונישע לופט־שלעסער, דאָס איינגיקל ווידער פון לאָדזשער מורה־הוראה, וואָס האָט „אויסגעריסן בערג און זיי צעמאָלן מיט אַ סברה״, האָט געגעבן אַן איבערוואָג ר׳ מנחמס פּשטלעך איבער זייער רבין ר׳ יאקיר סלאָנימסקי און זיין פשטות. דאָס אָנרירן דעם כבוד פון ר׳ יאַקירן האָט מנשהן וויי־געטאָן. מנשה האָט געהאַט אַ באַזונדער ליבע צו זיין רבין ר׳ יאַקיר. עס האָט אים גערירט: זיין באַשיידנקייט, זיין בלייך איינגעפאַלן פּנים, אַזאַ דורכזיכטיקס ווי גלאָז, ווי מען וואָלט די גאַנצע נשמה זיינע דורך דעם געקאָנט אַרויסזען; דאָס, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ גאון, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן נישט פאַרלאָזט זיין עדה אין קליינעם שטעטל סלאָוואַטיטש און איז קיין וואַרשע געקומען צוויי מאָל אַ וואָך זאָגן שיעורים, אָפּגעקומען מיט אַ שהי־פּהי, מיט אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכעלע, אַבי יוצא צו זיין, און אַז מנשה האָט געלערנט וועגן אַ ר׳ עקיבא, אַ ר׳ שמעון בן יוחאי, אַ ר׳ נחום איש גם זו, האָט ער אַן ענלעכקייט צו זייערע מידות געפונען אין זיין רבין

...איינדרויסן האָט דאָס פון אַ גאַנצן טאָג אָנגעגליטע וואַרשע ווי אויפגעשפּיליעט זיך מיט די טויזנטער פענצטער. ווי דאָס גאַנצע לעבן פון שטאָט וואָלט אַרויס אויף דער גאַס, און דאָס האַרץ פון די גאַסן — ווי עס וואָלט זיך אָפּגעשטעלט פון ווייניק אָטעם. פאַמעלעך גייען שפּאַצירנדיקע.

מאַטער שײַנען די נעאָן־רעקלאַמעס. ווי גרויסע יחסנים שטייען די צעפּנטע געוועלבער פון קאַלטע געטראַנקען, אַרום וועלכע עס קלייבן זיך אַלץ מער מענטשן. מיד און הייזעריק שרייען יינגלעך אויס די נייעס פון די לעצטע אָוונט־צייטונגען.

מנשה האָט אָפּגעפירט חיימען צו זיין „מקום מקלט״ אין דער גרויסער שניטקראָם אויף דער שוויענטאָיערסקע גאַס. זיין „פּרינציפּאַל״, אַ בייכיק יידל מיט אַ מעלאַניק אויפן קאָפּ, מיט גאָלדענע פּענסנע פאַרשפּיליעט אויף אַן אויער מיט אַ דין גילדן קייטעלע, רעדט מיט חיימען פּויליש, בייזערט זיך אויף אים, וואָס ער איז שפּעט געקומען, דראָט אַז ער וועט אים נישט געבן מער קיין אָרט צו נעכטיקן, אויב ער וועט נאָך אַמאָל אַזוי שפּעט קומען. מנשה זעט ווי דער באַלעבאָס פאַרשליסט חיימען אונטער די אייזערנע שטאַכעטן, לאָזט דערנאָך אַראָפּ די בלעכענע שטאָרן, פאַרשליסט זיי מיט אַ גרילץ און לייגט מיט אַזאַ פּאַמעלעכער זיכערקייט די שליסלען מיט אַ קלונג אין קעשענע אַריין, געבנדיק דערביי אַ סמאָטשקע צום הונט, וואָס האָט זיך ערגעץ אַ פאַרליר־געטאָן מיט דער נאָז צו דער ערד, ניוכענדיק.

דאָס שטיקל וועג צו דער פּאַוויע גאַס איז שוין מנשה געגאַנגען אין איין טראַכטעניש וועגן זיין חברל חיים, דאָס דאָזיקע בלייכע יתומל, וואָס איז אַזוי עלנט אין דער גרויסער שטאָט; אַז די דאָזיקע עלנטקייט זיינע מוז אַוודאי געטאָפּלט ווערן, בשעת מען פאַרשליסט אים אויף אַ גאַנצער נאַכט אינעם שניט־געשעפט. און כאָטש ער, מנשה, גייט דאָך ערשט אין דער שיינער, וואַרעמער, ליכטיקער שטוב אויף פּאַוויע־גאַס, וואָס וועט אַ הויך־טאָן אויף אים מיט אַזויפיל היימישקייט, — איז אים אַלץ אַזוי דערווידער, אַן אומקלאָרע פאַר אים, שטומע טענה וועקט זיך, ברויזט אויף, וואָס ער ווייסט נישט דעם פּשט דערפון, נאָר מאַטערט און גיט אים נישט קיין רו.

און אפשר טאָקע דערפאַר, האָט זיך מנשה געלאָזט אָנרעדן פון ראובנען, מיטצוגיין אין דער דרוקעריי זיך צו זען דאָרט מיט משהן, משה טאַגערן וועגן וועלכן אין אַלע חסידים־שטיבלעך און ביי אים אין דער ישיבה רעדט מען ווי וועגן אַ „ירבעם בן נבט״, אַ „חוטא ומחטיא את הרבים״, וואָס האָט פאַרלייגט אַ נעץ צו פאַנגען פרומע ישיבה־בחורים און זיי אַראָפּפירן פון גלייכן וועג.

ראובן איז גראָד פון געשעפט דעם טאַטנס געגאַנגען, פונעם טאַבאַק־געשעפט אויף פשעיאַזד, ווו ער האָט די בוכהאַלטעריע פונעם טאָג פאַר־ענדיקט און זיך אויף מנשהן אָנגעשטויסן.

אין דער דרוקעריי איז שוין קיינער נישט געווען פון די זעצערס. דער טאַטע, ר׳ שלמהלע, וואָס זיצט שטענדיק דאָרט אין קאַנטאָרל מיט אַ ספר אין האַנט, לאָזט אין די אָוונט־שעהן די דרוקעריי אין רשות פונעם זון. נאָך אַ לאַנגן געראַנגל און טרייבן דעם זון פון זיך, האָט דער טאַטע שלום־געמאַכט און אים אַריינגענומען אין דער דרוקעריי. אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער, מיט פינגער, וואָס האָבן אַ נייגונג אָנצושווילן, איז ער געשטאַ־נען, משה, איבער קאַסעס מיט פיצימאָנציקן רש״י־כתב און געזעצט אַ ספר פון זיידן זיינעם, חידושים אויפן תלמוד. די דראָבנע רש״י־אותיותלעך האָבן זיך אַזוי נישט געפּאָרט מיטן זעצער משהן, וואָס איז ווי אויף צו־להכעיס געשטאַנען אין בלויען קאָפּ.

מנשה האָט עפּעס מאָדנע אַרויפגעבראַכט פון זכרון זיינעם די תנ״כלעך „מוגה בהגהה מדויקת מאת מאיר הלוי לעטעריס״, וואָס דער זיידע זיי־נער, ר׳ לייב, פלעגט מיט אַזאַ רציחה אַ שליידער־טאָן, ווען מנשה פלעגט זיי ברענגען אין שטוב אַריין, בלויז דערפאַר, ווייל אויפן לעצטן זייטל האָט די „מפיצי כתבי־קודש בבריטניה ובשאר ארצות״, צוגעשטעלט דעם משור־מדישן סוף „חזק ונתחזק, המחוקק לא יוזק״; מיטן „מחוקק״ פלעגט דער זיידע זאָגן, מיינען זיי, די מיסיאָנערן, דעם „אותו האיש״...

נאָר וואָסער נייגיר איז ביי מנשהן! אַזאַ טריפהנער נייגיר, ווי ביים לערנען די קיצלדיקע סוגיות פון קידושין. אַלץ דאָ איז אַזוי אויסטערליש, אַזוי נישט אין פּאָר מיט אַלעם דעם, וואָס זיין מוחל האָט ביז אַהער אַריינ־געשלונגען, מיט זיינע רבים, מיט זיין יחוס. מנשה כאַפּט איצט אויף יעדעס וואָרט, וואָס משה רעדט מיט אַזאַ קילער איבערצייגונג. ער הערט דאָ וועגן שפּינאָזאַן, וועמען משה האָט אַזוי גוט אויסגעלערנט אויף דער „וושעכני־צע״, און וועגן אַ פּראָפעסאָר בודוען־דע־קורטעני, וואָס באַווייזט, אַז ס׳איז קיין גאָט נישטאָ אויף דער וועלט. אַלץ דאָס קנוילט זיך, ווי אין אַ שרעק־לעכן חלום, אין יענעם חלום, ווען עפּעס אַ בייזע שוואַרצע האַנט גיט אַ כאַפּ

די ליכט פון שבתדיקן טיש, דער מאַמעס, און לעשט זיי אויס מיט דער רציחה איינס נאָך איינס...

און ביי דעם אַלעם, איז משה אַזוי סאַרקאַסטיש צעשמייכלט און רעדט מיט אַזאַ לייכטקייט און זעלבסטצופרידנקייט, ווי נקמה־נעמענדיק פאַר אַלע שווערע יאָרן פון מלחמה און געראַנגל מיט זיך אַליין, מיטן טאַטן, מיטן גערעדער הויף און מיט זיינע זיידעס.

און ווי עפּעס אַ גרויזאַמע אילוסטראַציע צו זיינע רייד, די רייד פון סמאל הרשע, וואָס האָט זיך אַרויפגעקריגן אויפן סאַמע זיבעטן הימל קעגנ־איבער דער פמליאַ של מעלה, קעגנאיבער דעם כסא־הכבוד, און אַ געשריי געטאָן: „לית דין ולית דיין!" — איז געווען דאָס אַריינפליִען האַנקעס.

מיט אַ פאַלקע פאַרשוירן, אַ פריילעך צעשפּרונגענע, מיט אַ געלעכ־טערל פון אַ שנעל־שנעל ציילן זילבער־געלט, און מיט אויגן — עפּעס אַ טייל פון איר געלעכטער. זיי קוילערן זיך, די אויגן, ווי רעדעלעך צווי פון איינעם צום אַנדערן, פון איין זאַך צו דער צווייטער. געטראָגן האָט זי אַ דין העל אָוונט־קליידל, אַרויפגעהויבן אַזש ביז צו די קני, מיט אַ שאַרף אויסגעשניטענעם דעקאָלט, וואָס האָט בולט געמאַכט די ברוסטן, איז זי אַזוי ווייט געווען פון די אַלע אויסגעחלומטע אוןווירקלעכע שיינהייטן, וועמענס בילדער מנשה האָט אַזוי זיך געפלייסט פון זיין מחשבה צו פאַרטרייבן.

שפּעטער — פון רייד, פון ווינקענישן, פון רמזים צווישן ראובנען און חברים — איז מנשה געוווּיר געוואָרן, אַז האַנקע איז אַ חסידישע טאָכטער, אַן אשת־איש, און אַז טרינקענדיק זיך אין ים פון וויטיק, פאַרן צווינגען זי צו לעבן מיט אַ מאַן, וואָס איז איר פרעמד, האָט זי זיך אין אָט דעם ווינקע־לע אָנגעכאַפּט.

איר איז געפעלן געוואָרן: משה, דאָס איניקל פון אַ גרויסן רבין, וואָס לערנט זיך מיט איר אויף דער „ושעכביצע", זיין אַנדערשקייט און אויס־טערלישקייט; דוד רובינליכט, מיטן פּנים פון אַ גריכישן אַפּאָלאָ, דער זון פונעם ווינקל־מורה־הוראה, וואָס פאַרמאַכט אַמאָל אַזוי אינמיטן טאָג די שויבן־טירן פון נאָבלעסעס קאָמיס־געשעפט, ווו ער איז אָנגעשטעלט, און שפּילט אויפן פידל סאַראַסאַטעס נאָגנדיקע „ציגיינער־רייזע"; בערישל — דער משרת פון די נאַלעווקעס, דאָס פריילעך־צעזונגענע בחורל, וואָס כאַטש

דאָס געהאַקטע קאַפּאָטל באַמבלט זיך נאָך ביי זיינע פיס, שפּרודלט ער מיט וויצן און אַנעקדאָטן וועגן אַלעם דעם, וואָס האָט איר יונג אויפגעוואַכט לעבן אויסגעשטעלט פאַרוועלקט צו ווערן.

...ערגעץ אין דער שיף האָט זיך אַ שפּאַרונע באַוויזן, און זי האָט זיך אַ שטעל־געטאָן אין אַ זייט...

טאַטעס האָבן געפירט גרויסע מסחרים, געלאָדנט וואַגאָנעס מיט געהילץ, מיט מעל, מיט צוקער, מיט טייערע געוואַנטן אין אַלע עקן פון פּוילן, קיין אויסלאַנד; גענומען דעם גערער צדיק פאַר אַ שותּף, אַז די געשעפטן זאָלן מצליח זיין; גענומען אייִדעמס פון „טוואַרדע אַכצן", דאָס סאַמע היציק־צעפּלאַמטע גערער שטיבל אין וואַרשע — אייִדעמס, דורכגעשוויצטע אין די ימים־טובים ביים רבין, הענגענדיקע אויף סלופּעס אין גערער בית־מדרש אויף גאַרטלען, צו פאַנגען אַ וואָרט בלחש, אַ תּנועה פון רבין. און נישט געוווסט האָבן די טאַטעס, ווו די שפּאַרונע האָט זיך אין זייער שיף באַוויזן און געזוכט באַשייד, פאַרוואָס ווענדן זיך די טעכטער אָפּ פון די אייִדעמס און ווילן מיט זיי נישט לעבן, געשריבן וועגן דעם אין די קוויטלעך צום רבין, געבעטן זכות־אָבות. נאָר די טעכטער האָבן געשלונגען פּוילישע ביכער, זיך פאַרשריבן אויף דער „וושעכניצע", זיך געחברט מיט שיינע יונגע משרתים, מיט סטודענטן, מיט פּוילישע מאָלער, וואָס זענען ביז משוגעת געווען פאַרליבט אין זיי, געמאָלן פון זיי מאַדאָנעס. און שבתדיקע טישן זענען עלנט געוואָרן, די זמירות זענען בלייך געוואָרן, ווי די ביילן שיין אין אָקטאָבער אין די פּוילישע וועלדער. טעכטער זענען צו די טישן נישט געקומען, געלאָזן די מענער אויסגעהונגערטע, גאַרנדיקע אין גלוסטונג.

אַ שטיק צייט שפּעטער, ווען מנשה האָט אַליין געפורעמט זיין יוגנט אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף האַנקען, די טאָכטער פון עם רייכן חסידישן האָלץ־סוחר איז אַוועק פון איר מאַן, פון איר טאַטן, געוווינט ביי אַ וויטער אָרעמער משפּחה, געלעבט פון געבן לעקציעס.

נאָר דעמאָלט, אין דרוקעריי, האָט מנשה געזען: דאָס געלעכטערל ביי האַנקען לעשט זיך אויס, ווען ראובן גייט צו איר צו נענטער. איז עס ראובנס אַזוי אייִדל געשניצט געזיכט מיט די געדיכטע שוואַרצע ברעמען, אָדער

איז עס ראובנס לירישער טענאָר, וואָס זינגט איצט פאַר איר טיפער, פאַר־בענקטער ווי שטענדיק אַן אַריע פון „האַלקאַ"? און זי רעדט מיט אים דער־נאָך מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם אויף פויליש אַזעלכע פליסטערנדיקע רייד, ווי האַלב־פאַרשלאָפן, ווי אויסצי̇ענדיק זיך פון אַ זיסן חלום, און זי גייט מיט אים אַוועק ווייט דאָרט אין פינצטערן ווינקל, ווו עס דרעמלען אי־בערגעלאָדענע קאַסעס מיט שריפט, און פון דאָרטן טראָגן זיך ווייטער שטיקלעך פון באַקאַנטע ניגונים, וואָס רופן זיך איבער מיט האַנקעס געוויין — אַ שטיל, אַ דערשטיקט געוויין, וואָס רייסט זיך אַלעמאָל אויף, ווי מען וואָלט אַ פלאַם־פייער ערגעץ מיט וואַסער פאַרגאָסן, און עס רייסט זיך דאָס פייער, ראַנגלט זיך, ראַנגלט זיך, ביז עס ווערט פאַרלאָשן.

...און ווי שטענדיק נאָך אַזאַ טרעפעניש, גייט ראובן אַרום אַ טרויערי־קער, אַ פאַרטראַכטער, האָט כסדר טעותים אין דער בוכהאַלטעריע, וואָס ער פירט ביים טאַטן אין געשעפט, רייכערט אָן אַ שיעור פּאַפּיראָסן, לאָזט אי־בער דאָס עסן, וואָס דאָס מיידל שטעלט פאַר אים אַוועק מיט אַזאַ זאָרג־פעליקייט און ליבע אויפן טיש. אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, ווען עס שטילט זיך שוין איין דאָס שפּרייזערייַ פון פעטער שמחה איבערן סאַלאָן־צימער, ווערן בסוד־סודות געשריבן בריוו אויף בלויע בייגעלעך פּאַפּיר, מיטן פּערל־דיקן כתב ראובנס. דאָרט לייגט ראובן אַריין דאָס אַלץ, וואָס ער האָט האַנ־קען נישט דערזאָגט פון שעמעוודיקייט, און פונקט אַזעלכע בריוו, נאָך מער פאַרצווייפלטע, באַקומט ער פון האַנקען, וואָס קלייבט זיך פון מאַן אַוועק, „אַוועק ווו די אויגן וועלן טראָגן". ראובן הייבט אָן צו קומען אין געשעפט נישט צו דער צייט, נעמט זיך אַלץ אָפטער אָן פאַרן משרת לייבלען, וואָס האָט ביים פעטער אויסגעריסענע יאָר, און ר' שמחה זילבערוואַסער ברייַ־טערט אויס זיין תקיפישע רוגזה אויפן זון זיינעם, וואָס ווידערשפּעניקט אים. די שטילע צימערן, וואָס זענען ווי אויסגעבעט מיט וואַטע, וועקן זיך אויף פון פעטערס געשרייען, וואָס לאָזט אויס דעם כעס צו דער גוטער מומע פריידל, וועלכע גיט אים אַליין אויף צום טיש. טעלערס פלי̇ען צוואַ־מען מיטן עסן אויף דער שיינענדיק פּראָטירטער פּאָדלאָגע. די ווייס־ווייסע טירן מיט די געשייערטע מעשענע קליאַמקעס, וואָס זענען צוגעוווינט צו בעימותדיקן וויגן זיך מיט אַ ניגונדל, טראַסקען זיך פון פעטערס משוגעת.

3.

# משפחה צעפּאָרט זיך

...און באַזונדערס האָט עס זיך איינגעקריצט מנשהן אין זכרון, ווען ער איז געלעגן קראַנק ביים פּעטער.

ס׳איז דאָס ערשטע מאָל געווען, ווען מנשה האָט דעם טויט דערפילט אין זיין בלוט.

מנשה געדענקט: דעם פּעטערס שטוב אין אַן אָוונט־טונקלקייט און פון דער וואַנט אַדורך אין שכנות — די אומעטיקע קלאַנגען פון אַ פּיאַנאָ־שפּילערין.

מנשה קען זיך אַפילו געבוי פאַרשטעלן יענע שטוב, פונוואַנען די ציטערדיקע אַקאָרדן דרינגען אַריין.

קיין טאַטע־מאַמע זיינען דאָרט נישטאָ. דאָרט וווינען שוועסטער־ברידער, קינדער פון דעם בעל־הבית פון הויז — סטודענטן.

מנשהן נעמט אַדורך דער גאַנצער עלנט פון יענער שטוב פון 6 צימערן, וואָס קיינער איז דאָרט נישטאָ אַחוץ שוועסטער־ברידער, גאַנצע טעג אַזוי, אַ גאַנצן פאַרפרילינג אַזוי.

טאַטע־מאַמע זענען אין זייער „גוט״, אין זייער וויטן פאָלוואַרק אויף די „קרעסן״ און פון אַריבער דער וואַנט וועט זיך שוין הערן גאַנצע אָוונטן יענער אומעטיקער ניגון, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין לייב. שוין 4 וואָכן ווי מנשה איז נישט אַרויס פון שטוב, זיך געגרייט צו דער שווערער אָפּעראַציע, וואָס האָט איבער אים באַדאַרפט פאָרקומען און דערוויל געלעבט מיט פּאָמעראַנצן־זאַפט און מיט לייכטן קליי (אַ פאַרשריבענע דיעטע אַזאַ) און מיט לייב און לעבן געווען איינגעגעסן אין די טונקעלע מחשבות וועגן טויט.

די דאָזיקע טונקעלע מחשבות — ווי אַ קורצער סך־הכל פון זיין 15־

יעריק לעבן האָט מנשה אויפן פּאַפּיר געצייכנט און זיין קוזין געוויזן. ס'איז אַזויפיל אומעט געלעגן אין יענע בלעטלעך פונעם בחורל, וואָס האָט געמיינט, אַז מיטן אַרויפגיין אויפן אָפּעראַציע־טיש ענדיקט זיך זיין לעבן.

טעג — געמישטע פון לעבן און טויט, פון די פאַרבענקטע קלאַנגען פון איבער דער וואַנט און שטיקלעך אָפּערע־אַריעס, וואָס דער קוזין ראובן פלעגט יעדן אָוונט ברענגען פון דער אָפּערע, קומענדיק אַהיים נאָך צוועלף אויף דער נאַכט. אַזאַ געהיימער טייטש צו די אַלע אַבונגען, וואָס מנשה האָט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט געפּילט.

דעם טויט האָט מנשה געקענט פון חדר, פון דעמאָלט, ווען זיין חבר שלמהלע, דאָס דאַרינקע ייִנגעלע, איז אין דער צייט פון חומש־אָנהייבן געשטאָרבן. — מנשה געדענקט געווי זיין קליין חברל אויפן טויטן בעט. מ'האָט אים נישט אַריינגעלאָזט צו דער גסיסה. דער רבי איז געשטאַנען אין דער אָרעמער שטוב פון שלמהלען מיט אַ פּאָר רויטע אויגן פון וויינען, געטריבן פון שלמהלען די פליגן און אַז שלמהלעס מאַמע האָט אַ געשריי אַרויס געטאָן אַלע מאָל איר פאַרשפּיצט געשריי, האָט דער רבי מיטגעוויינט, עפּעס ווי ער וואָלט אין זיין טויט שולדיק זיין, כאָטש שלמהלע איז דאָך גלייך געקומען אַ קראַנקער, אַ הוסטנדיקער אין חדר אַריין און די מאַמע זיינע פלעגט צוויי מאָל אַ טאָג אים טראָגן קאָזע־מילך און בשכר פאַרן טרינקען אים געגעבן צוקערקעלעך און איריסן.

נאָך שפּעטער, ווען שלמהלעס מאַמע איז שוין אַרומגעלאָפן אַ דולע אויפן גאַס מיטביידע פויסטן זיך האַקנדיק אין קאָפּ, האָט דער רבי צונויפגעזאַמלט אַלע תלמידימלעך צו שלמהלען אין שטוב קאַפּיטלעך תהילים צו זאָגן.

דער קליינער שלמהלע איז אונטער דער ווייסער דעק ווי לענגער געוואָרן. אויפן בייכל האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט זאַלץ ער זאָל נישט שוועלן, אָט אַזוי ווי ביי דערוואַקסענע טויטע און אַרום אים זענען ליכט געצונדן געוואָרן. זיי האָבן זיך געבויגן, געטריפט פון גרויס צער און אַלע חדר־ייִנגלעך מיטן רבין האָבן זיך געטיילט מיט פּסוקים פון תהילים פאַרן קליינעמס נשמה.

מנשה געדענקט אויך, אַז פון אַלע איז ער אַמווינציקסטן טרויעריק

געווען. ער האָט זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז שלמהלע זאָל טאַקע ליגן אויפֿן דיל מיט די ליכט אַרום זיך, טאַקע אָפּגעשיידט זיין אויף אייביק און מ׳זאָל נעמען פֿאַר אים מורא האָבן, מיט דער אויסטערלישער מורא פֿון אַ יינגל פֿאַר טויטע, פֿאַר אַ בית־עולם. ווייל ווי לאַנג איז דען ווי שלמהלע אַליין האָט אים דערציילט די מעשה פֿון צוויי חברים, וואָס האָבן זיך געוועט צו גיין אויפֿן בית־עולם און דאָרט אַריינקלאַפּן אַ שטעקן, איז איינער פֿון זיי אַוועק דאָס טאָן, האָט זיך פֿלוצים דער שטעקן פֿאַרטשעפּעט אין זיין פּאָלע, האָט ער געמיינט, אַז דאָס ציִען אים אַזוי די מתים און ער איז פֿאַר שרעק געשטאָרבן. ווי לאַנג איז עס דען ווי דער שטילער אומעטיקער שלמהלע האָט דאָס אים, מנשהן, דערציילט. ער האָט געמיינט דעמאָלט, אַז דאָס לעבן אויף דער ערד איז עפּעס אַזאַ אויף צומישנע, אַ קאַטאַוועס אַזאַ ווי דעמאָלט, ווען די חדר־יינגלעך האָבן זיך געשפּילט אין דער עקדה און מנשהן אויך אַזוי אַוועקגעלייגט מיט אַ ליילעך איבערגעדעקט אויף דער ערד.

נאָר ערשט, אַ פֿופֿצן־יעריקער, האָט מנשה די גאַנצע גרויזאַמקייט פֿון וואָרט דערפֿילט. דאָס דאָזיקע וואָרט איז אַזוי גרויס געווען, גרויס און שווער־טונקלדיק, אַז אַלץ איבעריקע איז קליין געווען אַנטקעגן דעם.

ווייט איז ער דעמאָלט אַרומגעגאַנגען, ווייט און פֿרעמד צו אַלץ. אַלץ איז אים דערווידער געוואָרן. דעם פּעטערס ליבלינג איז נאָך אַלץ געווען די 14־יעריקע סאָניע, זיין אייניקל פֿון דער גימנאַזיע. אַ קאַפּריזנע, אַ שטיפֿערישע מיט אַ פֿול מויל געלעכטער. שטענדיק אַ פֿלאַטערדיקע, פֿלעגט זי פֿון דער גימנאַזיע גייענדיק אָפּטרעטן צום „דזשאַדוש״, ווי אַ ווינט זיך דורכטראָגן איבער אַלע צימערן, אונטערטאַנצנדיק און צווינגענדיק אַ קוש־טאָן דעם זיידן, באַקומען דערפֿאַר אויף אַ גרויסער שאָקאָלאַדע (אַ גרויסע נאַשערקע!) און דערנאָך שוין נישט צורו־געלאָזט דעם אייביק פֿאַרחלומטן און צעווייטיקטן מנשהן. זי פֿלעגט אים וועלן אַרויספּירן פֿון זיין גלייכ־געוויכט און אָפּטאָן אים שפּיצלעך ער זאָל מוזן רעאַגירן און אַז מ׳האָט זיך שוין אויסגעשטיפֿט, אַז די גאַנצע שטוב איז פֿול געווען מיט געפּילדער, פֿלעגט די מומע ערשט פֿאַרקאָשערן די אַרבל, פֿון דער רייכער קיך קומענ־דיק, און אַזוי יום־טובדיק אַ זאָג־טאָן צום זון ראובן:

— וויסטו, וואָס ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק? ס׳וואָלט געווען אַ פּאָר, וואָלט עס געווען, אַ גלייכע פּאָר!

און ס׳האָט איר שוין נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק אַ גאַנצן טאָג און אין זיך געטראַכט:

עס וואָלט געווען יום־טובדיק, שוין איינמאָל יום־טובדיק. און געפּרעגלט וואָלט מען און געבאַקן, שוין איינמאָל געפּרעגלט און געבאַקן, און די פּאָר־קלעמטע שטוב, וואָס איז אייביק פול מיט תרעומות צו זיך אַליין, וואָלט פול געווען מיט יום־טוב, אויף איבער די ברעגעס פול געווען. און פאַר גרויס הנאה האָט די מומע צוגעשיט מאַן־צוקער איבער דער מאָס צו די פלוימען אויף דער קיך.

— זאָל זיס זיין, זאָל זיס זיין, וואָס זיסער איז בעסער.

...וועט, הייסט עס, פון דעם שידוך מיטן זון ראובן גאָרנישט ווערן. מען שמועסט שוין ביים פעטער וועגן ארץ־ישראל. די בלעטער זענען פול מיט ארץ־ישראל, חברות גרינדן זיך אַהין צו פאָרן, מ׳קויפט דאָרט פּלע־צער, מ׳בויט קאָלאָניעס. אַפילו אַ רבי איז דאָ, וואָס גרינדעט דאָרט אַ קאָ־לאָניע. ער איז געווען אין וואַרשע און אַפילו ביים פעטער געווען. ווער עס וויל היינט אַלץ פאָרן, אַפילו לייבל, ווי די משפחה רופט אים „מאַטשעק לייבל״, פאָרט אויך אַהין. ער שטאַמט פון דעם זעלבן שטאַם, וואָס דער פּע־טער ר׳ שמחה, פון א יחוסדיקער משפחה און אַז מען קומט זיך צונויף שיט ער נאָך אַלץ מיט ווערטלעך און פסוקים (געקענט אַמאָל לערנען).

אַ בחור איז ער נאָך, לייבל, אַ בחור אַ פאַרזעסענער, אַ יאָר פופציק. דער זכות זיינער ביי ר׳ שמחהן, באַשטייט אין דעם, וואָס ער האַלט זיך אויף ביי מאוריצין, דעם דירעקטאָר פון דער פירמע „באָבלעס״, ווו עס נעמט סחורה ר׳ שמחה און ער, לייבל, ווייסט אַמאָל צו דינען, אַ טובה־טאָן. און אַז ער קומט אַריין, לייבל טוטשינסקי, און טוט אויס דאָס היטל (אים איז ר׳ שמחה מוחל), באַווייזט זיך אַ גרויסער קיילעכדיקער פלעק ווי אַ לבנה אין סאַמע מיטן חודש. ווייבער פון דער משפחה זאָגן אויף אים:

— אַ גוי גמור, ווייסט נישט פון קיין יידישקייט.

— אַן אַסימילאַטאָר!

איז טאַקע אַ חידוש געווען, וואָס אין גאַנצן געטומל פון דער עליה

איז לייבל טוטשינסקי איינמאָל אַ בייטאָג אַריינגעקומען צום פעטער און געפּיפּקעט אויף זיין שטייגער אַ ליולקע און מיטן רויך אויסגעפּיפּקעט:

— ס'וואָלט געווען אַ יושר אַליין אויך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל...

רעדנדיק אַזוי וועגן ארץ־ישראל האָט לייבל זיך אַ שאַר־געטאָן די איינצלנע האָר אויף זיין ליסינע, וואָס האָבן טרויעריק זיך געבויגן ווי פאַר־געסענע זאַנגען אויף אַ פעלד נאָכן שניט, זיך אַ רייב־געטאָן די רויטלעך גלאַנציקע אַלט־בחורישע נאָז און זיך דערמאָנט אין אַ מעשהלע וועגן ר' דוד יאַשינאָווסקין, פון זיין פעטער ר' לייבס שטעטל, ווי אַזוי יענער איז מיט פערציק יאָר צוריק אין הייליקן לאַנד געפאָרן שטאַרבן און נאָך אונ־טערגעלעבט אַ 15 יאָר אין דער זקנה, ערגעץ אין אַ ירושלימער בית־מדרש אין „מאה שערים", און פון דאָרט דעם פעטער ר' לייב געשיקט מצה־טיש־טעכלעך אויף פסח, אַמאָל אַן אתרוג אויף סוכות, אַ פושקעלע ארץ־ישראל־זאַמד פון דער מוטער רחלס קבר.

און פאַר איינוועגס שוין רעדנדיק, נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם פעטער מענדל, דעם חכם פון דער משפחה, וואָס איז אַ רב געווען אין אַ ליטוויש שטעטל.

ער האָט אים געקענט, לייבל טוטשינסקי, און ער רעדט וועגן אים אַזוי נאָענט, פונקט ווי זיין גאַנצער לעבנס־שטייגער וואָלט נישט קיין סתירה געווען צו די שבחים.

ער האַלט, לייבל, מיט די אַלטע, האַלט ער, האָט פיינט די יונגע מיט זייערע „מאָכערייען". ביי די מחלוקתן צווישן אַלט און יונג, האַלט ער מיט די אַלטע. ער גיט שטענדיק גערעכט דעם פעטער ר' שמחה ביי די שפּאַ־רענישן מיטן זון ראובן.

און כאָטש אַלע ווייסן דאָך וויל, אַז לייבל איז אַן אוכל־טריפות ביי מאַור־ריצין אין שטוב, דעם דירעקטאָר פון דער פירמע, ווו ר' שמחה נעמט סחורה, פון דעסט וועגן צעפלאַמט זיך אַלץ מער לייבל טוטשינסקי און ער רעדט וועגן די אַלטע ייִדן, וואָס זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל שטאַרבן און וועגן נישט דאָס וואָס ער קלערט, לויט זיין אַלט־בחורישער אויסרעכענונג, אַז דאָ וועט ער די פרנסה פאַרלירן, וואָלט ער אויך געפאָרן אַהין שטאַרבן. וויל, זאָל ער ר' שמחה גלייבן, ער, לייבל, האַלט עפּעס נישט פונעם יונג־

וואָרג, וואָס פּאַרט אַהין. אים דאַכט זיך, לייבלען, אַז דאָס יונגוואָרג קוקט אים צופּיל אין זיין אייגן לעבן אַריין, דערמאָנט אים צופּיל, אַז ער איז זייט, ווייט אַוועק פון יענער וועלט, פון אַ ר׳ דוד יאַשינאָווסקין, פון זיין פּעטער מענדל דעם רבֿ, פון זיין טאַטן ר׳ וועלוועלע טוטשינסקי, דעם „שיי־נעם ייִדן" אין דער גרעסערער פּראָווינץ־שטאָט, דעם טאַטן, וואָס איז געווען אַ תורה אי חכמה. אים וואָלט זיך נאָך אַלץ וועלן וועגן זיי רעדן און אַלץ זיך איינרעדן, אַז אייגנטלעך איז ער נאָך אַלץ „דערנעבן". ער זאָגט דאָך נאָך אַמאָל אַ תורהלע, אַ גלייכווערטל, ער האָט פּיינט דאָס יונגוואָרג, וואָס דערמאָנט אים, אַז ביידע וועלטן זענען ווייט, זייער ווייט איינס פון צווייטן און אַז דאָס רעדן מיטן טאָן און נוסח פון זיין טאַטן ר׳ וועלוול, פּאַרט זיך נישט צו אים, דעם אַסימילאַטאָר. און דעם דאָזיקן כעס לאָזט ער אויס צו יעדן ביסל מאָדערניזם אַפילו ביי ייִדישע מענטשן, וואָס באַדאַרפן אַ בלאַט־צייטונג, רעדן וועגן פּאָליטיק, פּאַרטיי־זאַכן.

און פון דעסט וועגן פּאַרט ער, לייבל טוטשינסקי, כאָטש מיט זיין גאַנ־צער אויסגערעכנטקייט ווייס ער, אַז פּאַר אַזעלכע ווי ער איז שוין דאָרט קיין אָרט נישטאָ, אַז ער איז שוין בכלל אַן „אָפּגעדאַנקטער" און אַז ר׳ שמחה איז גערעכט.

— וואָלט בעסער חתונה געהאַט און אָפּגעלעבט דאָס ביסל יאָרן, וואָס גאָט האָט נאָך באַשערט צו לעבן אויף דער וועלט.

אָבער עס וואָרצלט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער אויס די איינגעפּונ־דעוועטקייט, וואָס איז ביים פּעטער געשטאַנען די לעצטע עטלעכע יאָר פון מנשהס זיין דאָ, אַן איינגעפּונדעוועטקייט פון אַ זייגער, וואָס צעטיילט שעהן, מינוטן, רגעס אויף געהיימע אויסרעכענונגען.

דער פּעטער קומט אין געשעפט שוין נישט אין דער צייט און די שטרענגקייט הייבט אָן נאָכצולאָזן.

אַלץ אָפטער פּאַרט דער פּעטער צו מאָוריצין, אָבער ס'איז שוין אַ פּאָרן אַן יענער יום־טובדיקייט פון זיינע אַמאָליקע וויזיטן ביי זיין שוועסטערקינד, בעת וועלכע ר׳ שמחה פלעגט פאַרשלייפן זיין געפּרעסטן קאָלנער פון העמד מיט אַ ספּעציעל שלייפל. אין שטוב פלעגט דאַן שטיין עטלעכע שעה אַ טומל:

— שאָקאָלאַד פאַר מאָוריציס קינדער, אַ באַמבאַניערקע מיטנעמען, די קאַמאַשן ווו זענען? די נייע געהאַקטע קאַפּאָטע? און אַזוי פלעגט ער שוין בכלל אַרומגיין אומרו;ק עטלעכע שעה און גערעדנקען:

— דאָרט מעג מען נאָר טרינקען טיי און פּירות בלויז מעג מען עסן. און רעדן דאַרף מען דאָרט פּויליש, ווייל כאָטש מאָוריצי אַליין, מאָוריצי גאָלד, שטאַמט אויך פון דער זעלבער משפחה וואָס ער, ר׳ שמחה, און געדענקט נאָך די קינדהייט זיינע אין שטעטל ביי זיין נגידיש־אַריסטאָקראַטישן טאַטן, איז דאָס ווייב די „וואַרשאַוויאַנקע” אַסימילירט און ווייסט שוין גאָרנישט. און געסט זענען דאָרט דאָ גרויסאַרטיקע, פרעמדע און אַ לאָקיי איז דאָרט פאַראַן ביי דער טיר, ווען ר׳ שמחה פאַרגעסט נישט איבערצולאָזן אַ פאַר גילדן ביים אַרויסגיין פאַרן אַרויפלייגן דעם מאַנטל. און, נאָכדעם, אַהיים קומענדיק, נאָך זיין אַ שטיקל צייט פאַרנומען אין יענער פרעמדער וועלט ביי מאָוריצין און אַרומגיין און שוויגן. היינט פאָרט ער אַהין נאָר אויף מינוטן, מען שמועסט וועגן איבערגעבן דאָס געשעפט מאָוריצין. מאָוריצי וויל דאָרט אַריינזעצן זיינעם אַ מענטש.

סוחרים קומען, וואַרשעווער פירמע־סוחרים און דאָס טישטעך איז אויפן טיש געשפרייט און אַ זיידענער בלויער רויך וויקלט זיך פון זייערע גוטע פּאַפּיראָסן און די מומע דערלאַנגט טיי מיט וואַרעניע און רעדן רעדט מען אַלץ וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

מען ליקווידירט געשעפטן, מען זאָגט אָפּ פּערסאָנאַלן און אַלץ איז דאָ „אויף איין פוס”.

דער ראש־המדברים איז, ווי שטענדיק, שטיינפעלד, וואָס איז מער מעקלער ווי סוחר, מיט שטאַרק קורצזיכטיקע אויגן, איבער וועלכע ער טראָגט אַ פּאָר דיקע ברילן, וואָס מאַכן זיי דורך די גלעזער קלענער און דעם אייביקן שמייכל אין זיי — קינדיש. מנשה האָט שטיינפעלדן ליב געהאַט צוליב אָט דעם שמייכל, וואָס האָט אַזוי געפעלט אין דער ערנסט־אומעטיקער שטוב.

שטיינפעלד פלעגט אַלע געשעפטן פּטרן מיט אַ שמייכל, קויפן מיט אַ שמייכל און פאַרקויפן מיט אַ געלעכטערל, מיט אַ וויצל אויפן דיקלעכן פנים. דעם פעטער פלעגט ער ברענגען געשעפטן, שידוכים, דירות צו טוישן

און דערפאַר האָט ער זיך געקויפט שמחהס האַרץ. פון שטיינפעלדן פלעגט ער האַלטן, אים געטרויט געשעפטן אָן געלט אויף וואָכן גאַנצענע און שטיינפעלד האָט טאַקע באַדויערט, וואָס ר׳ שמחה גרייט זיך אין וויטן וועג אַריין.

די שטוב, די אומעטיקע שטוב, וואָס איז ווי געהאַלטן געוואָרן אין קלעם פון ר׳ שמחהס שטרענגען בליק, איז ערשט צעשטיפט געוואָרן ווי אַ חדר־יינגל בין־הזמנים. משפחה האָט גענומען קומען אומגעבעטן און די קניפּן אַרום דעם עלנט־געוואָרענעם הויז זענען אויפגעקניפּט געוואָרן.

...איז געקומען באַשע־גיטל דער מומעס שוועסטער, סתם אַזוי אינמיטן טאָג.

— ס׳קאַצל קומט, וואָס מאַכט באַשע־גיטל?

באַשע־גיטל האָט שטענדיק אויף וואָס צו וויינען. באַשע־גיטל טוט אַ סאָפּע פון שווער־אָטעמדיקייט און וויינט אַראָפּ איר ביטער האַרץ. אָבער וואָס גייט דען ערשט אָן איר ביטער האַרץ, אירע צרות, אַז אומעטום נעבעך טויג נישט און די משפחה ווערט צעוואָרפן איבער שבעה ימים.

נאָר בינו־לבינו קען זיך באַשע־גיטל נישט אָפּגעוווינען פון איר טבע עפּעס אַ מאַך צו טאָן אַ מחלוקהלע אין שטוב צווישן טאַטן און זון, דערציילנדיק אַ פּליאָטקעלע.

— אוי טאַטע, די היינטיקע קינדער... וואָס דאַרף מען עפּעס פּריש פון דער הויט אַ נייעם אַנצוג און דעם טאַטן אויסברענגען געלט. אָדער צו דער מומען:

— פון דעסט וועגן, אַ מענטש זאָל קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געבן אין שטוב, קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט האָבן... קיין שמייכל.

און ס׳איז איר גרויסע הנאה און קוויקעניש, אַז ס׳מאַכט זיך עפּעס אַ מחלוקהלע, אַז דער פעטער פּאַטאַקעוועט אויף אַזוינע רייד מיט אַ גרימצאָרן אויף זיך, אָדער די מומע ווישט זיך פון די אויגן די טרערן און שווערט, אַז זי וועט היינט נישט צוגיין צום טיש, גענוג געליטן...

# IV

# נײַער שטײגער

# עס טרעפט

(דערציילונג פון איצטיקן לעבן אין פוילן)

אין דער סאַנאַטאָריע האָט גענומען ווערן לאַנגווייליק.

מענטשן האָבן זיך געטראָפן צוויי מאָל אַ טאָגביים שפּרודל פון די ספּעציעלע הייל־וואַסערן צו אָטעמען און נירן; אויסגעזעסן רייען צו די וואַנעס, צו אינהאַלאַציעס; זיך געטראָפן איין מאָל אַ וואָך ביים דאָקטער, און דאָס ערשטע ביסל פאַרגעניגן, אַז דאָ איז מען אין דער בעסטער פּוילישער סאַנאַטאָריע, אַז דער פּלאַץ איז פון אַן אַלטן דייטשן באַראָן, פול מיט מאַר־מאָר און גאַנצע ווענט שפּיגלען, האָט גענומען פאַרבלייכן. נירן־ליידנדיקע האָבן זיך געפּלאָגט מיט שטיינער, געהאַט טענות צום דאָקטער, אַז די וואַסערן טרייבן די שטיינער נישט אַרויס, זיך געקלאָגט אויף ווייטיקן; אַסט־מאַטיקער האָבן געדעכעט, אַרומגעטראָגן קאַרפּינקלס מיט ספּעציעלע לופט, געוועקט די דיזשורנע שוועסטער אין די נעכט.

ווען נאָר, אַמאָל, איז מען זיך צונויפגעקומען אינעם גרויסן עס־זאַל אויף אַ קאָנצערט; כדי צו אינטריגירן דעם עולם, האָט דער קולטור־טוער פון דער סאַנאַטאָריע דערציילט, אַז דאָ אין אָט דעם זאַל האָט געזאָלט פאָר־קומען הערמאַן גערינגס חתונה און אַז אין אָט דעם שטעטל פון מערב־פּוילן איז געווען דעמאָלט אַ צענויפקום פון דער גאַנצער היטלעריסטישער „אַריס־טאָקראַטיע".

אויפן קאָנצערט זענען אַרויסגעטראָטן די היימישע „טאַלאַנטן" פונעם עולם געסט: אַן איטאַליענער וואָס האָט געזונגען איטאַליענישע אַריעס פון ווערדי און פּוטשיני, זיך אַלע מאָל פאַרהוסט און געווישט דעם שווייס מיט אַ טיכל; אַ פּליט פון אונגאַרן האָט אויף אַ גיטאַרע אויסגעשפּילט אונגאַרי־שע פאָלקס־טענץ; עפּעס אַן אַלטער הער, אַ פּאָליאַק פון פּיאָטריקאָוו, האָט געווילט דעם עולם מיט ביליקע לידלעך וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט,

און דאָס יונגע אַכצן־יאָריקע מיידל מיט דער אויסגעשניטענער ניר און מיט שטיינער אין דער צווייטער געבליבענער ניר איז פּשוט באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, נישט הערנדיק די סטראַשונקעס פון די דאָקטוירים, און דאָס ביסל לעבן אירס אויסגעטאַנצט צעפּלאַמט אויף דער בינע.

אַלע פּליאָטקעס זענען פאַמעלעך צוגעגעסן געוואָרן, אָפּגעוויאַנעט ווי בלעטער אין האַרבסט. ס'איז שוין נישט געווען קיין נייעס, אַז אַ דירעק־טאָרשע פון אַ לאָדזשער פאַבריק שאַרט זיך צום יונגן אונגאַר, און אַז אין איר באַציִונג צו אים איז דאָ עפּעס מער ווי דאָס מיטגעפיל וואָס אַ פּאַ־ליאַק האָט געוויינטלעך צום קרבן פון אונגאַרישן אויפשטאַנד; מ'ווייסט אויך, אַז דער טעמפּעראַמענטפולער אונגאַר, וואָס איז געקומען אַהער אין דער סאַנאַטאָריע בלויז זיך דורכשוועגקען די נירן מיט אַלקאַלישע וואַ־סערן, איז אויפגערעגט וואָס די דירעקטאָרשע שפּילט זיך אין אײַפּערזוכט, אין דער צייט וואָס ער איז איר גאָרנישט פאַרפליכטעט, און אַז סך־הכל פאַרקייכט זי זיך דאָך ביים אויסדריקן אַ מינדסטן ליבע־געפיל...

און אַז די „עלטסטע" פון דער אַסטמע־אָפּטיילונג האָט געכאַפּט אַ שפּאַציר ביז שפּעט אין דער נאַכט מיטן אַלטן פון פּיאָטריקאָוו, — ווייסט מען שוין לאַנג, אַז בלויז מיט דער פאַרערונג צום אַלטנס פּאַטעטישן טאַ־לאַנט, ווי זי דערקלערט דאָס, האָט עס ווייט נישט צו טאָן. אַ פּאָר טעג, וואָס אַן אמת, איז די סאַנאַטאָריע געגאַנגען „כאָדאָראָם" מיטן אומגליק־לעך מיידל מיטן איינציקן ניר, ווען מען האָט געדאַרפט אָפּערירן און מען וואַרט אַלץ אויף דער קינסטלעכער ניר וואָס דער פּראָפעסאָר דאַרף באַקומען אַ מתנה פון אַמעריקע. ווייל אָן דעם קען מען די שטיינער פון דער געבליבענער ניר נישט אַרויסנעמען. יאָ, מ'האָט איר געפּאַקט מיטן אונגאַר, דער דאָקטער וואָלט איר אפשר קיין אויסרייד נישט געמאַכט, קע־נענדיק איר לאַגע, ווען נישט וואָס די דירעקטאָרשע וואָלט פון אייפערזוכט נישט פאַרקאָכט אַ קאַשע.

אָבער ס'איז ווידער שטיל געוואָרן, ווידער לאַנגווייליק, ווידער ווײ־טיקלעך פאַרבענקט, צוזאַמען מיט די פאַרשוירענע קוסטעס אַרום דער סאַ־נאַטאָריע וואָס הויבן שוין אָן צו געלן; צוזאַמען מיט די ביימער, וואָס האַלטן

אין איין וואַרפן אין די גאַסן די גאָלדיקע בלעטער ווי מענטשן פאַרן טויט וואָס וואַרפן זייער גאַנץ פאַרמעגן: — נאַ, ראַטעווע מיך!

כאָטש קיין טויטפאַלן זענען אין דער סאַנאַטאָריע נישט פאַראַן, ווייל שוועד־קראַנקע נעמט מען גלייך אין שפּיטאָל, קומט נישט איין מאָל דער געדאַנק פון טויט צו די באַוווּינער פון דער סאַנאַטאָריע: אַז עמיץ ענדיקט די קוראַציע און פאָרט אַרויס, — באַגלייטן אים צענדליקער בליקן מיט אַזויפיל אומעט, ווי מ׳באַגלייט דעם זומער וואָס האַלט זיך אין איין פּאַקן הינטערן פענצטער און פאָרט ערגעץ אויך אַוועק...

עמיץ, אַ יאָלד וואָס וויל געפעלן ווערן ווייבער, סטאַרעט זיך צו ברענגען „נייעס". ער ווייסט צו דערציילן, אַז דאָס ביסל דייטשן וואָס זענען נאָך דאָ געבליבן און אַרבעטן מיינסטנס אַרום דער סאַנאַטאָריע און די בעדער, קלייבן זיך אין וועג אין די דייטשלאַנדס, און אַז דעם זומער וועט קיינער פון זיי נישט זיין, — בלייבן זיינע רייד הענגען אין דער לופטן. אין די שפּיגל־זאַלן קלייבט מען זיך צונויף אויף אַ קערטל, פּויל קריכנדיק ווי די קראַנקע פליגן אויף די שויבן. מענטשן טראַכטן שוין וועגן אַוועקפאָרן אַהיים פאַרן טערמין, נאָענטער זיין צו די אייגענע, צו די געזונטע אין דער היים, וויט זיין פון דער טויט־אַטמאָספער. איז טאַקע געווען אַ שטיקל נייעס דאָס נייע פּאָרפאָלק, וואָס האָט זיך אין דער סאַנאַטאָריע באַוויזן. מענטשן האָבן נאָך דאָס פּאָרל געזען ביים צוג, צו וועלכן מען קריכט אַלע טאָג צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט. זעט זיך אַרויס, אַז דער הער איז שוין דאָ ערגעץ געווען פריִער איינקוואַרטירט און געוואַרט אויף אַ פרייען אָרט אין דעם גרויסן סאַנאַטאָריע־בלאָק.

...ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז דער יונגער שוואַרץ־חנוודיקער דאַמע מיט אַ קינד אויף דער האַנט, וואָס האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ ייִדישקע, אַנטקעגנגעקומען אַ מיטליאָריקער הער, אַ הויכלעך איינגעבויגענער, וואָס האָט אויסגעזען ווי איר פאָטער, לויט זיין עלטער צעקנייטשט געזיכט, מיט די קישעלעך אונטער די גרויע אויגן און מיט זיינע געמאָסטענע באַוועגונגען; דער אונטערשייד איז נאָר געווען אין די געזיכט־שטריכן: דער עלטערער הער, מיט זיינע גרויסע, געדיכטע וואָנצעס און בלאָנדע האָר, האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּישער פּאָליאַק; זיין אַרומכאַפּן דער

דאַמע ביים אויסשטייגן פון צוג, דאָס ליידנשאַפטלעכע קושן, דאָ איר, דאָ דאָס קינד, דאָס פאַרלויפן איר מיט זיין שלאַבעריקן גאַנג דעם וועג ביים אַריינזעצן איר אין טאַקסי וואָס פירט צו דאָס קליין שטיקל וועג צום קור־אָרט־שטעטל, האָט גיכער דערמאָנט אָן אַן אומבאַהאָלפענעם פאַרליבטן, וואָס האָט זיך קוים דערוואָרט אויף זיין גליק...

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס „אַרומשמעקן" דאָס פאָרפאָלק; יונגע־לייט האָבן מיט יענעם טריפהנעם בליק, וואָס מ'קוקט אַרום אַ יונגע פרוי אין דער געזעלשאַפט פון אַן עלטערן מאַן, דערוואָרט פון דער פרויס זייט דעם פיל־צוזאָגנדיקן הסכם אין אַ מינדסטער באַוועגונג, אין אַ זייטלען זיך, אין אַ שמייכל, אין אַ פאַרשעמטן בליק אויף אָנצוהייבן אַ וועב טאָן אַ שטיקל ליבקן פלירט און וואַרטן, וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט.

מען איז דער „יידישקע" פאַרלאָפן דעם וועג, ווען זי פלעגט אַראָפּ־נעמען דאָס קינד אויף אַ שפּאַציר, אַ כאַפּ טאָן דאָס קינד ביי איר. פרויען האָבן געהאַלטן אין איין שמייכלען צום באַיאָרטן הער, אים געהאַלטן אין איין מאַכן קאָמפּלימענטן, אַז ער זעט יונג אויס, אַז ער זעט אויס ווי אַ „שליאַכטשיץ" און געוואָלט אַראָפּלייענען פון זיין פּנים דאָס ביסל טשיקאַוו־קייט פון אַן עלטערן מענטשן, ווען ער נעבטיקט מיט אַזאַ שיין שוואַרץ־חנוודיק דאַמעלע.

דאָס ביסל קנאה צו דער שלאַנקער דאַמע, ווען זי פלעגט אַזוי ווייך שווימענדיק אַוועק אין אַ טאַנגאָ־טאַנץ אין זאַל נאָכן עסן און פלעגט געכאַפּט ווערן פון די שענסטע יונגעלייט, די דאָזיקע קנאה איז צערונען געוואָרן אין דעם רחמנות־געפיל וואָס פרויען האָבן געוויינטלעך צו אַ יונגער פרוי, וואָס מוז נעבעך חתונה האָבן מיט אַן עלטערן פון זיך.

דער נייגיר איז ערשט אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג: די דאַמע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יידיש קינד, האָט וואָס אַמאָל מער זיך אויסגעוויזן ווי אַ פוילישע, סיי מיט איר ריין פוילישן אַקצענט, סיי מיט אירע מאַניערן. דער מאַן דאַקעגן, וועמען אַפילו דאָס יאָלדל מיט די וואָנצעלעך, וואָס איז מסתמא אַזוי געניט געווען אין דערקענען אַ יידן נאָך פון דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אַפילו אָט דאָס פאַדעכטיקט פאַרשווינדל — האָט נישט חושד געווען אַז דער מאַן איז אַ ייד — האָט אַלץ מער אַרויס־

געװיזן אין זיך דעם ייִדן, סײ מיטן חברן זיך מיט די פּאָר ייִדן אין דער סאַנאַטאָריע, סײ מיטן אינטערעסירן זיך געהיים מיט דער ייִדישער צײַטונג װאָס אײנער, אַ ייִדישער גאַסט, באַקומט דאָ.

די סאַנאַטאָריע האָט „אױפגעלעבט". מען האָט אַלץ געװאַרט אויף עפּעס אַן אַװאַנטורע, אַ שטײגער: דער פּאַנגער פון פּרויען־הערצער, דער איטאַליענער, זאָל פאַרשפּינען אַ נעץ אַרום דער שװאַרץ־חנװדיקער; אַז די „עלטסטע" פון דער אַסטמאַ־אָפּטײלונג, װאָס האָט פון איר מאַן די גאַנצע צײַט קײן אײן בריװ נישט באַקומען, זאָל אָפּטאָן דעם מאַן אַ צו־להכעיס דאָס צענטע מאָל און אַ פלאַנטער אַרײַן טאָן זיך צװישן פּאַרפּאָלק. נאָר געענדיקט האָט זיך גאָר אַנדערש, אויסטערלישער, אומגעריכטער.

...אין אײנעם אַן אין דער פרי, װען קוראַרטניקעס שטײען אין די קאָרידאָרן פון דער סאַנאַטאָריע, װאַרטנדיק אויף דער רײ, װער צו אַ דאָקטער, װער צו אַ רענטגען־צימער, צו אַ קראַנקנשװעסטער אויף אַן אײַנשפּריצונג, האָט זיך געהערט פון צימער פון פּאַרפּאָלק אַ שרעקלעך געשרײ און געװײן.

באַלד איז דער עלטערער הער אַרױסגעשטױסן געװאָרן אין קאָרידאָר. די יונגע דאַמע איז געשטאַנען איבער אים מיט אַ צעפלאָשעטן קאָפּ האָר אין איר נאַכטיקן שלאָפראָק און נישט אױפגעהערט שלאָגן אים מיט אירס אַ לעטשל איבערן קאָפּ. דורך דער אָפענער טיר האָט זיך געזען דער גאַנצער מושב אין צימער: אַלץ איז געװען איבערגעדרײט מיטן קאָפּ אַראָפּ; טשעמאָדאַנעס האָבן זיך געװאַלגערט אויפן דיל מיט אויסגעשאָטענע װעש; קינדעריש שפּילצײַג איז געלעגן צעװאָרפן איבערן בעט; דאָס קינד האָט זיך געװאָרפן אין אַ װינקל אין אַ געיאָמער; אַ קלײנע קאַלוזשע האָט זיך אַרױסגעשלענגלט אין קאָרידאָר אַרײַן פון אַן איבערגעקערט געפעס מיט װאַסער.

דער עלטערער הער איז געלאָפן איבערן קאָרידאָר, אַנטלױפנדיק אין אַ צװײטן עק, צו די פּאָר ייִדן אין אַ װינקל, שלוכצנדיק אין ייִדיש:

— די מרשעת האָט דאָך מיך הײנט אָװעקגעהרגעט, זי איז דאָך פון דײַטשער גזע... איר װײסט דען מײַן אומגליק?... איר ציט צו דער מאַמען אירער קײן דײַטשלאַנד... פון די היטלעריסטישע רוצחים האָב איך זיך גע־

ראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט... ערשט וויל זי מיך דערהרגענען... יעדן טאָג דאָס זעלבע... אַלע טאָג געפינט זי עפּעס אַנדערש מיך צו פּייניקן...

— און פאַרוואָס־זשע האָט איר זי גענומען?

— זי האָט אַ ייִדישן טאַטן געהאַט, אָבער איר ציט צו דער מאַמען ציט איר... אַ שיין פּנימל, דער יצר־הרע פאַרנאַרט מענטשן, ווי איז מיר!..

— כוואָלט געוואָלט ראַטעווען דאָס קינד, און זאָל זי פאָרן אַז זי וויל...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַלצאיינס, איז דאָס ביסל פּלוידערער אין דער סאַנאַטאָריע נישט באַשערט געווען געבונג זיך אָנצופּאַסמאַקעווען פון דער אַוואַנטורע. דער ייִד האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן. ווען ער איז אַרויס, האָבן זיינע לאַנגע וואָנצעס אויסגעזען ווי ביי אַ פּאַיאַץ, צוגעקלעפּט. דאָס שלאַנקע מאַדאַמל האָט זיך נאָך אַ פּאָר טעג אַרומגעדרייט אין דער סאַנאַטאָריע, געהאַלטן אין איין זידלען זיך מיט דער גאַנצער וועלט פאַר יעדער קלייניקייט; געהאַלטן אין איין דערציילן די „נסים" פון איר מאַן, דעם אינזשעניער, וואָס פאַרדינט דריי טויזנט זלאָטעס אַ חודש, און אַז זי געוועלטיקט איבער אים; אַז ער איז ביי איר שטענדיק ביי די קנאַפּל און אַז זי האָט דריי צימערן מיט אַ קיך אויף דער „קראַקאָווסקע פּשעדמיעשטשע" אין וואַרשע, און אַז דאָס איז אַלץ „דראָבנאָסטקי" (קלייניקייטן) און אַז זי וועט באַלד נאָך אים נאָכפאָרן און ער וועט ווייטער זיך בויגן צו אירע פיס, ווייל ער שטאַרבט פאַר איר אַוועק. „יאַק באָגאַ קאָכאַם" (ווי גאָט איז מיר ליב), ער שטאַרבט פאַר איר אַוועק...

— — — — — — — — — — — — — — —

די פּאָר ייִדן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשעמטע און יעדער בליק האָט זיי געשטאָכן ווי עס וואָלט געווען זייער אייגענע חרפּה.

# אויף „טאַימס־סקווער“

(אַ בילד פון ניו־יאָרקער לעבן)

ס'איז געווען ביי האַלבער נאַכט.

ער איז געזעסן אין אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע האַרץ פון „טאַימס סקווער“. נאָכן לאַנגן שפּאַציר, האָט זיך אים געפּלאָנ־טערט אַ געדאַנק, ווי ער וואָלט אָט דעם געדאַנק אַרויסגעלייענט פון ערגעץ אַ בוך אַרויס: „אויפן באַרימטסטן ווינקעלע אויף דער וועלט, אויף „טאַימס סקווער“, איז אויך אַזוי אומעטיק... אַזוי אומעטיק...“

פאַר די אויגן זענען אים נאָך געשטאַנען די ליכט־רעקלאַמעס וואָס מאַכן קונצן, ריזלען ווי גאָלדענע קייטן, חזרן איבער ווי קונצנמאַכער אָן אויפהער זייערע „טריקס“. ליכטיקע אותיות וואַרפן זיך אַראָפּ פון צענטן שטאָק און בלייבן אַ ווײַלע שטיין צעשמייכלט, ווי איינער זאָגט: עס האָט אונדז גאָרנישט נישט געשאַדט! דער טורעם פון „טאַימס“ האָט שוין פאַר־לאָשן זיין לאַנגע לויפנדיקע לענטע מיט די נייעס, נאָר די געשעפטן זענען נאָך אָפן, אָפן מיט דער זעלבער קאָכעניש אין זיי ווי בייטאָג. און ס'דאַכט זיך, אַז ס'איז נישט נאַכט, נאָר עמיץ האָט די זון אויף אַ ווײַלע צוגעגנבעט און אויסגעלאָשן דעם הימל.

דער „פאָני מען“, דאָס מענטשל, וואָס זיצט ערגעץ אין פענצטער פון היטל־געשעפט, שטעפּט זיינע משונהדיקע קעפּקעס מיט די פּנימער פון פאַרשידענע ווילדע באַשעפעניש, זיצט נאָך און פייפט אויס מיט אַזאַ פלאַס־טיק אונטער דער צונג אַזאַ משונהדיקן משוגענעם זמר ביי דער באַגלייי־טונג פון אַ דזשאַז, וואָס קלאַפּט דאָ פון ערגעץ אַ קעסטל אַרויס. די צייי־טונג־פאַרקויפער אויף די ראָגן פאַרקויפן שוין די צייטונגען פון מאָרגן, נאָר דער „היינט“ איז נאָך נישט געענדיקט. די גאַסן זענען פול מיט שפּאַצירנ־דיקע. אַמאָל לויפט פאַרביי מיט שנעלע טריט אַ „נאַכט־פויגל“, זוכנדיק אַ

בעלן אויף זיך. ערגעץ אויף אַ טראָטואַר בעטלען נעגער־קינדער ווייזנדיק אַ „פאַרשטעלונג“: איינער קלאַפּט אין פּיקעלעך, וואָס זענען צו אים צו־געטשעפּעט צו די גלענקען פון די פיס, און זיינע ברידערלעך טאַנצן אויס עפּעס אַ טאַנץ.

...אין רעסטאָראַן זענען שוין געווען ווייניק מענטשן. פון יעדן ווינקל האָט זיך פון סופיט, דורך געהיימע הילכער, געטראָגן אַזאַ טרויעריקע, שטילע, הייזעריק־פאַרשלאָפענע מוזיק, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, אַ מו־זיק וואָס האָט זיך געפּאָרט מיט די אַלע פאַראיינצלטע מענטשן, וואָס זענען אַזוי עלנט געזעסן ביי זייערע טישלעך. אַ האַלבער זאַל איז שוין אָפּגעליי־דיקט, און די קעלנערס האָבן שוין דאָרט די שטולן איבערגעקערט און אַראָפּגערוימט צום לעצטן מאָל דאָס געפעס. ער איז געזעסן ביי זיין טיש און פון נייגעריקייט געכאַפּט אַ בליק אויף זיינע שכנים. זעלטן ווו עס זע־נען געזעסן פּאָרלעך. דאָס מייסטע זענען דאָ געווען עלנטע מענטשן, גרעס־טנטייל פרויען, וואָס איין גאָט ווייסט וואָס עס ברענגט זיי אַזוי שפּעט דאָ אין רעסטאָראַן. זיי עסן אָדער טרינקען זייער, זייער פּאַמעלעך, זיכער אַז זיי האָבן זיך נישט וואָס צו יאָגן, דאָרט ווו זיי ווען שפּעטער גיין, דער־וואַרט זיי אַוודאי אַ גרויסע, שווערע איינזאַמקייט.

אָבער נישט ווייט פון זיך, האָט ער באַמערקט, אַ יונג פּנים מיט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן, וואָס זענען פאַרקוקט געווען אויף אים, איינגעשפּאַרט איינ־געגעסן אין אים.

ס׳איז געווען אַ יונגע פרוי מיט נאַטירלעך בלאָנדע האָר, וואָס זענען זיך צונויפגעגאַנגען אין אַ לאַנגן פאַרפלאָכטענעם צאָפּ. איר אַביסל דיקלע־כער קערפּער האָט זיך נישט געפּאָרט מיט איר געזיכט און מיט דער יונ־גער באַוועגלעכקייט פון איר בליק. די פרישקייט פון איר פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז נישט פון „יענע“, וואָס כאַפּן זיך אַמאָל אַריין אין אַ רעס־טאָראַן בלויז אויף אָנצוואַרעמען זיך פון דער גאַס. ס׳האָט אים אַביסל גע־לאָקט איר פאַרעקשנטער בליק אויף אים. וואָס האָט זי אין אים דערזען? ער איז דאָך שוין ביי די זעכציקער און אין זיינע געדיכטע האָר זענען דאָך שוין אַזוי פיל גרויע פּאַסמעס פאַראַן, און זיין געזיכט איז דאָך מיט קנייטשן צעאַקערט!

ער האָט געטראַכט וועגן אַ מיטל ווי אַזוי אָנצוקניפּן אַ שמועס און פאַרטראַכט צו בעטן ביי אָט דער שכנטע שוועבעלעך, וועלכע זענען אים אויסגעגאַנגען.

זי האָט אים העפלעך דערלאַנגט שוועבעלעך, און אים גלייך פאַרזי־כערט, אַז ער דאַרף זיי איר נישט אָפּגעבן. ער האָט איר נאָך העפלעכער באַדאַנקט, און דערביי דערזען קאָנטורן פון זיין געזיכט אויף אַ פּאַפּיר, וועלכן די פרוי האָט פאַרזיכטיק געהאַלטן פאַרשטעלט אונטערן טיש.

— איר זענט אַ צייכענערין? — האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן.

— כ׳וויס נישט, אָט אַזוי פון גאַרנישט טאָן.

ער האָט ערשט מיט אַמאָל פאַרשטאַנען, אַז איר נייגעריקער בליק אויף אים איז נישט דער נייגער פון אַ פרוי צו אַ מאַן, נאָר פון אַ קינסטלער צו זיין מאָלעריי, און דאָך האָט ער געוואָלט זיך אַביסל באַפרידיקן מיט דער פאַרשטעלונג, אַז זיין געזיכט האָט אַן אינטערעס פאַר אַ מאָלער.

— פאַרוואָס צייכנט איר גראָד מיך?

— כ׳האָב עפּעס אין אייער געזיכט דערזען, וואָס עס אינטערעסירט מיך.

ער האָט זיך צוגעגעבן מוט, און נישט בעטנדיק קיין דערלויבעניש, זיך צוגעזעצט.

— וואָס אַ שטייגער האָט איר אין מיין געזיכט דערזען?

ער האָט אַזוי געוואָלט הערן פון איר אַ גוט וואָרט וועגן די אינטערע־סאַנטע שטריכן פון זיין געזיכט, וואָס נישט איין פרוי האָט אַמאָל אין ליב־שאַפט באַמערקט. גראָד איצט, ווען פון אַלע ראָגן אויף די גאַסן איז אים אַנטקעגן געקומען אַזאַ אומעט און האַרבסטיקער טרויער.

אָבער זי האָט מיט אַ שמייכל און מיט איידעלער העפלעכקייט אַ זאָג געטאָן:

— טייערער, אפשר וואָלט איר זיך געזעצט אַביסל ווייטער אין דער זעלבער פּאָזע ווי איר זענט געזעסן? שטרענגט זיך נישט אָן, האַלט זיך פריי, איר קענט טרינקען אייער קאַווע, לייענען אייער צייטונג, נישט צו פאַרשטעלן דאָס געזיכט. איך וואָלט וועלן פאַרענדיקן דאָס בילד. עס דאַרף זיין אינטע־רעסאַנט.

שפּעטער, אַז דאָס בילד איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער געזען אין זיין געזיכט די האַרבסטיקע גאַס נאָך האַלבער נאַכט, און דער ווינט, וואָס לויפט אָן פון אַלע ראָגן מיט אַזוי פיל אומעט, און זיין פאַרלוירנקייט אין דער גרויסער שטאָט, און אַלע ליכט־רעקלאַמעס ביי די דעכער, ווי קונצנמאַכער אין זיין קליינעם שטעטל אויפן מיטן מאַרק נאָכן אָפּשפּילן, וואָס טראָגן זייער געצייג אַהיים מיט אַזאַ טרויער.

ער האָט די צייכענונג געוואָלט ביי איר קויפן, אָבער זי איז אַוועק צו־זאַמען מיט זיין בילד.

# דער קעלער

אין דעם נייעם הויז, וואָס מיסטער זילבערבערג האָט געקויפט, האָט מען דעם אַלטן טאַטן אָפּגעגעבן דעם קעלער.

נאָכן טויט פון מיסטער זילבערבערגס מוטער, ר׳ שלמהס ווייב, האָט די שנור, זעלדע, אָדער ווי זי רופט זיך פאַרקירצט, „זאַ״, כסדר געמאַטערט איר מאַן, מען זאָל דעם טאַטן אַריינגעבן אין מושב־זקנים. ס׳איז איר נישט אָנגעשטאַנען דער אַלטער, וואָס בלויז מיטן באַוויזן זיך אַמאָל דורכשלייכנ־דיק די שטוב, „פאַרשעמט״ ער זי פאַר אירע געסט.

די געסט זענען באַשטאַנען פון אַזעלכע גיך־אַרויפגעאַרבעטע ווי זי, אַריבערגעקומענע פון אייראָפּע האַרט פאַר דער מלחמה. אויף צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן דאָס אמת שיינע און דערהויבענע פון נייעם לאַנד, דאַרף מען דאָך לערנען, איז אַ סך לייכטער זיך פאַרווילן מיט „קאָקטעיל־פּאַרטיס״, נאָכפּלאַפּלען וואָס מען הערט אויף דער „טי־ווי״, מיט די ביליקע ראָמאַ־נען, וואָס מען קויפט פאַר פּופּציק סענט און מיט קאָרטן־שפּיל. און מיסעס זילבערבערג האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דעם אַלץ.

דער אַלטער האָט אָבער נישט געוואָלט גיין אין אַ מושב־זקנים און דער זון, שמואל, אָדער, ווי זיין ווייב רופט אים, סעם, האָט דווקא שטאַרק געשעצט דעם טאַטן. האָט מען אים אין נייעם הויז אויסגעפּאַרטיקט אַ שיי־נעם, גרויסן צימער אין קעלער, אין „בעיסמענט״. דאָרטן האָט ר׳ שלמה, וואָס אין שטעטל איז ער געווען אַ שוחט, צונויפגענומען זיינע ספרים אין אַ שענקל, אויפגעהאַנגען די פּאָר פּאָרטרעטן פון גרויסע, הייליקע ייִדן אויף די ווענט. דאָס בילד פון ווילנער גאון אין טלית און תפילין; דאָס פאַר־טראַכטע הימלישע געשטאַלט פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי; דער קוידע־נאָווער צדיק, דער סלאָנימער רבי. ער האָט זיך פאַרנומען מיט לערנען, אויף־געוויינט ווי אין דער אַלטער היים משמורים, אַריינגעקוקט אין הייליקע ספרים, און אַליין זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן עסן אויפן אייגענעם

קיכל אין קעלער, ווייל ער האָט פון דער שנורס קיך נישט געוואָלט קיין שום זאַך פאַרזוכן.

די שטוב מיטן קעלער זענען געווען צוויי וועלטן.

„זאָ", וואָס פלעגט זיך אַזוי פלייסן צו באַווייזן די געסט אירע צימערן, האָט דעם קעלער קיין מאָל נישט באַוויזן קיינעם.

די שטוב איז געווען אויסגעפּוצט מיט אַן איבערגעטריבענער רייכ־קייט. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט געשמאַקלאָזע שרייענדיקע בילדער. די איינציקע טאָכטער, קעראָל, וואָס איז געווען טויב פּאַר מוזיק ווי די וואַנט, האָט ביי מיסיס זילבערבערג געמוזט ענדיקן אַ מוזיק־שול, כדי פּאַר געסט אַמאָל אַ שפּיל טאָן אויף דער פּיאַנאָ עפּעס אַ מאָטיוו, און די געסט האָבן שטענדיק אויף דעם זיך אָפּגערופן מיט אַ „וואָנדערפול, וועריִ נאַיס!", „דיין קעראָל וועט אַמאָל געבן קאָנצערטן!"

כאָטש אַ גוטער אויער האָט געקענט הערן, אַז דאָרט, ווו דער קאָמ־פּאָזיטאָר שלייכט אַזוי שלאַנק ווי אויף אַ לאַנגן זיידענעם פאָדעם אין דער לופטן, פאַלט קעראָל נעבעך אַראָפּ פון אַלע שטיגן.

ר' שלמה האָט געוווּסט זיין פּלאַץ. ער פלעגט זעלטן אַרויפקומען אין דער הויך. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער אַריינגאַנג. אַ פּאָר געציילטע פריינד פון דערבייאיקן חסידישן שילעכל „שערי צדק", ווו ר' שלמה גייט דאַוו־נען, פלעגן צו אים אַמאָל אַראָפּקומען אין אַ יום־טוב טאָג.

בלויז דער מיזיניק, דער קליינער הערי, פלעגט באַהאַלטענערהייט פון דער מאַמען צום זיידן קומען אין קעלער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם אָפטן נייגער פון אַ קינד צום אויס־טערלישן און נישט־געוויינטלעכן. דער זיידע האָט ליב געהאַט הערין, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען נאָך זיין פאָטער, ר' הענעך, דעם רב אין שטעטל, און דער קליינער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעבונדן צום אַלטן.

פון אָנהייב האָט דאָס יִנגל פון סתם אינטערעס זיך געלערנט ביים זיידן די ייִדישע אותיות און שפּעטער זיך אויסגעלערנט דאַוונען, ריידן ייִדיש. דער אַלטער ר' שלמה פלעגט אין דער צייט ווען דער קליינער פלעגט קומען פון זיין שול און די מאַמע זיינע מיטן טאַטן זענען נאָך געווען אין קראָם, אין דעם אייניקל אַלץ מער איינפּלאַנצן ייִדישקייט.

העריס בר־מצווה האָט מיסיס זילבערבערג געפּראַוועט ווי מאַמעס פּראַוועז אין אַמעריקע: מיט געשמאַקלאָזיקייט און איבערגעטריבענער רייכקייט. די פּאַרטי איז פאָרגעקומען אין רייכסטן האָטעל. מ׳האָט אַראָפּ־געבראַכט אַרטיסטן. עס זענען געווען פאַרבעטן הונדערטער געסט. אַלץ האָט געוואַרט אויף העריס ענגלישער רעדע, וואָס אַ ספּעציעלער טיטשער האָט אים געלערנט. אָבער ווי דערשטוינט זענען אַלע געסט געוואָרן, און מער ווי אַלע די מאַמע זיינע, די מיסיס זילבערבערג אַליין, ווען דער קליי־נער האָט אין אַ קנאַקעדיקן יידיש געזאָגט אַ גאַנצע דרשה, וואָס דער זיי־דע האָט אים אויסגעלערנט.

און כאָטש די געסט האָבן אַלצאיינס געשריען „בראַוואָ״ און „וואָנ־דערפול״, נישט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט, איז ביי דער מיסיס זילבער־בערג געווען תשעה־באָב.

אַזאַ פאַרשעמטקייט!

דער „קעלער״ האָט איר באַזיגט!

# אויף דער על־טער

די איינציקע זאַך, וואָס ברענגט אַהער אַ גרוס פון דער ווייטן, איז די באַן, וואָס גייט דאָ פאַרביי. זי קומט פאַרסאָפּעט און קרעכצט מיט מיחושן, שרעקט איבער די פייגל אויף די ביימער. זיי גיבן אַ שפּריץ אַוועק האַסטיק און קרייזן אַרום הויך־הויך ווייט, ווייט אַוועק און שטעלן זיך שפּעטער אויס פּאַרזיכטיק אויף דעכער פון הויכע הייזער, אויף סאַמע שפּיצן ביימער.

שפּעטער באַווייזט זיך עפּעס אַ מאַן אין אַ פאַרשמירט רעקל, מיט צוויי פענדלעך אין די הענט. די באַן וועקסלט זיך אויף אַ זייטיקער ליניע, דער לאָקאָמאָטיוו גייט צום ערשט אַליין ווייט־ווייט אַראָפּ, ווי ער וואָלט אַלץ געוואָלט איבערלאָזן און אַנטלויפן. שפּעטער בעט ער זיך איבער, קומט צוריק, נעמט מיט די וואַגאָנעס, וואָס לויפן פאַרביי ווי אַ לאַנגע שנור; דריי קאַנטיקע וואַגאָנעס פון שטיינקוילן, רויטע פולמאַן־וואַגאָנעס, בייכיקע איי־זערנע ציסטערנעס פון בענזין, און ס׳ווערט ווידער שטיל און איינטאָניק, ווי גאָרנישט וואָלט געשען.

מר. בעל נעמט אַרויס פון זיין הויז די לייוונטענע אויסלייג־שטול און זעצט זיך אַוועק אין גערטנדל הינטערן גרעסטן שאָטנדיקן בוים. ס׳איז סאַמע מיטן זומער, אָוונט־צו. די טעג, דאַכט זיך, זענען באַלאָדן ווי קי מיט פולע אייטערס צוריקקומענדיק פון אַ ווייטער פּאַשע. דאָס גרינס אויף די ביימער איז ווי איבערגעזעטיקט און נייגט זיך שוין פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צום געל. אַ קיל ווינטל, וואָס רייסט זיך פון ערגעץ אָפּ, דערמאָנט, אַז די נאַכט הויבט אָן אָנקומען פריִער. ערגעץ אין דער טונקל, צווישן די צווייגן פאַרגנבענען זיך אומעטיקע פענצטערלעך גאָלד פון דער אונטערגייענדיקער זון. מר. בעל לייגט זיך אויס אויף דער שטול, קוקט אַרויף אויפן הימל, איבער וועלכן עס ציִען זיך לאַנגע צויטן פון ווייסע וואָלקנס און ס׳איז אים ליב אַזוי פּאַמעלעך זיך צו פאַרגעסן און נאָכפּאָלגן די דאָזיקע וואָלקנס, ווי זיי שיפן זיך און צעגייען זיך לאַנגזאַם, פּונקט אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט נישט עקסיסטירט קיין זאַך מער.

...שוין עטלעכע יאָר ווי ס'ווייב איז ביי מיסטער בעלן אָפּגעשטאָרבן. די אויסגעגעבענע קינדער, באַזונדערס די טאָכטער, האָבן שטאַרק געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל זיך איבערציִען צו זיי. אָבער מר. בעל וויל דערפון נישט הערן. ער וויל נישט אָפּגעבן דעם אַפּאַרטאַמענט ווו אַלץ שטייט אין דער זעלבער אָרדענונג ווי בשעת דאָס ווייב האָט געלעבט, אַפילו איר בעט מיט די אויסגעלייגטע קישנס און קישעלעך דערויף, אַפילו דאָס טישעלע מיטן גרויסן שפּיגל, דאָס קליינע טישעלע, אויף וועלכן עס שטייען נאָך אַלע יענע פלעשעלעך און צאַצקעלעך וואָס דאָס ווייב זיינס, העלען, האָט באַנוצט צו איר טואַלעט.

אויף דער קליינער גאַס, ווו ער וווינט, קענען אים אַלע פאַרן איינזאַמען מאַן. קינדער האָבן זיך ליב מיט אים צו שפּילן, לויפן אים נאָך ווען ער קומט צוריק פון דער אַרבעט, און מר. בעל קויפט פאַר זיי שטענדיק צוקערלעך אָדער אייזקרעם, פון דער גרויסער, שיינער מאַשין, וואָס שפּילט אויס שטענדיק אַזאַ קינדערישע מעלאָדיע פאַרגדיק; ער שפּרייט פונאַנדער קערנער פאַר דעם צענדליק טויבן, וואָס האָבן דאָ ערגעץ הינטער די קאַרניזן פון די הייזער זייערע נעסטן.

ליגנדיק אויף דעם אויסלייג־שטול, פאַרגעסט מר. בעל די אַכט שעה אַרבעט אין שאַפּ, דעם טומל, דאָס געיאָגעריי; די גראָבע רייד אַרום אים, וועלכע ער פאַרשווייגט, פאַרשווייגט שטענדיק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט.

ער וואָלט נישט געוואָלט קיינער זאָל צו אים ערשט קומען אין די מינוטן פון רו, פון באַהעפט־זיין מיט דער אַרומיקער נאַטור.

אָבער שטענדיק מאַכט זיך שוין אַזוי, אַז עמיץ קומט צו אים אין „בעקיאַרד" אויף אַ באַזוך.

באַזונדערס דערקוטשעט אים מיט אירע באַזוכן די מרס. גרונסטיין. מרס. גרונסטיין איז פונקט אַזוי ווי מר. בעל, אַ געקומענע פון אוקראַיִנע, און כאָטש אוקראַיִנע איז גענוג גרויס, און דיביידע שטעט פון וועלכע זיי זענען געקומען, זענען גענוג ווייט איינע פון דער אַנדערער — האַלט זיך פון דעסט וועגן מרס. גרונסטיין פאַר אַ לאַנד־פרוי. זי וווינט טאַקע דערנעבן, אין דעם צווייטן הויז, און איז אַן אַלמנה. איר מאַן, מר.

הערי גרונסטיין, איז דאָ געווען אַ טשערמאַן אין דער שיל „עדת ישורון”. כאָטש די מרס. גרונסטיין איז שוין אין די הויכע פופציקער, טראָגט זי נאָך איר יוגנטלעכע פריזור, מיט די צעפּ פאַרפלאָכטן אויף אַרויף, און קומט שטענדיק מיט אַן אַלט פאָלקס־ליד אויף די ליפּן. די ווערטער פון פאָלקס־ליד זינגט זי נאָך ווייטער, שוין שטייענדיק נעבן מיסטער בעל, אַ סגולה אויף אָנצוהייבן פאַמעלעך אַ שטיקל שמועס מיטן „שוויגער”. מיסטער בעל טראָגט איר אַרויס, נישט ווילנדיק, אַ שטול און וואַרט זי זאָל פּרוּוון אָנהויבן.

מיסעס גרונסטיין האָט שטענדיק צו דערציילן פון גליקלעכע פּאָרן, וואָס האָבן זיך „געגומען” אויף דער עלטער.

— מען דערציילט, אַז מיסעס שטיינהויז וועט פון מיאַמי קומען אַ פאַרהייראַטע. זי איז געפאָרן אויפן פרילינג און אַ מאַן האָט זיך אין איר פאַרליבט.

— אין איר פאַרליבט? — גיט אַ לאַנגן געניץ מיסטער בעל — ווי קען מען עס זיך פאַרליבן אין אַ 60־יאָריקער פרוי?

— פאַרליבט אין אַ 60־יאָריקער פרוי? מען דערציילט, אַז אין מושב־זקנים פאַרליבן זיך 70־יאָריקע פאַרלעך אויך. באַ, ס׳טרעפט אַפילו ביי קנאַפּע אַכציק. מ׳איז עלנט, מיסטער בעל, אַז מען קומט אויף דער עלטער דערזעט מען ערשט, אַז מ׳האָט נישט קיינעם, קיינעם נישט, מ׳ווערט עלנט ווי אַ שטיין.

— אידער זיין אַליין אין צווייען, איז קאַראַנטער זיין מיט זיך אַליין אָן קיינעם, — חזרט איבער זיין באַליבט ווערטל, מיסטער בעל, פאַרקוקנדיק זיך אויף אַ טויב, וואָס האָט זיך אַ שיף געטאָן אין דער לופטן פאַרן שלאָפן גיין.

עפּעס ווי ער וואָלט איר אַ כישוף אָפּגעטאָן, דער מיסטער בעל. זי קען דאָך אים אַזוי גוט פאַר אַ שוויגער און פאַרשלאָסענעם אין זיך, און צו איר חנדלען זיך דאָך אַזוי פיל מענער, וואַרטן נאָר אויף אירן אַ „יאָ”, גלוסט זיך איר, ווי אַמאָל אין שטעטל, „נעמען אַ פעסטונג”, נעמען דעם שענסטן און געבילדעטסטן בחור, אַז אַלע אירע חברטעס זאָלן זי מקנא זיין.

זי האָט אים שוין אַ מאָל צען איבערדערציילט וועגן איר גוטס, וועגן

הויז, וואָס איז נאָך איר מאַן געבליבן, און וועגן דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט וואָס ליגט אין די בענק, און ווי לאַנג איז דער שיעור, מיסטער בעל זאָל זיך מאַטערן אין שאַפּ? מען ווערט דאָך נישט יינגער.

מיסעס גרונסטיין וואַרט ביז ס'ווערט גוט טונקל. מיסטער בעל פאַר־נעמט דעמאָלט די שטולן אין הויז אַריין. זי באַט זיך אַן אים צו מאַכן אָונט־ברויט. מיסטער בעל זאָגט איר העפלעך אָפּ. אָבער מיסעס גרונסטיין מאַכט אַזוי האָקוס־פּאָקוס שנעל דעם סאַפּער, אַז מיסטער בעל באַוויזט נישט זיך אומצוקוקן. דעמאָלט קוקט זיך מיסעס גרונסטיין אַרום אין די ווינקעלעך; ווי מיסטער בעל זאָל נישט זאָרגפעליק אָפּהיטן זיין דירה, פעלט אין אַלע ווינקעלעך אַ פרויען־האַנט. אומגעפרעגט הייבט זי אָן מאַכן אָר־דענונג. אומדערוואַרט שטויסט זי זיך אָן אויף אַן אַלבום. זי כאַפּט אַ בליק אין די ערשטע טאָוולען. דאָרט איז אַריינגעקלעפּט אַ גרויס יוגנט־בילד פון מר. בעל, אַ זעלטן שיינער, קוטשעראַווער בחור אין אַ פּאָר פּענסנע מיט אַ בוך אין דער האַנט. עס צינדט זיך עפּעס אין איר אָן צום דאָזיקן געזיכט, וואָס זיינע שפּורן זענען נאָך אַזוי בולט געבליבן אינעם פּנים פונעם מאַן, וואָס זיצט איצט ביים טיש און עסט דעם אָונט־ברויט, וועלכן זי האָט ערשט אַזוי שנעל צוגעגרייט.

מר. בעל, עפּעס נישט ווי זיין טבע — בעט איר צום טיש, אָבער מי־סעס גרונסטיין פאָרעט זיך נאָך אַלץ מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן איבער די צימערן, רייניקנדיק זיי, ביז זי בלייבט שטיין ביי יענעם צימער, ווו אַלץ איז אַזוי שטיין געבליבן, ווי בעת מיסטער בעלס פרוי האָט געלעבט; דאָס טישעלע מיטן שפּיגל און די פלעשעלעך צום טואַלעט און די קישנס און קישעלעך אויפן ברייטן, ברייטן בעט.

מר. בעל זעט ווי אירע געזונטע, באַקעטע אָרעמס פאָרען זיך אינעם דאָזיקן צימער. עפּעס שטעלט זי איבער, עפּעס שטויבט זי אָפּ.

ער ווייסט, אַז אינעם דאָזיקן צימער וועט עפּעס געענדערט ווערן, נאָר ער שווייגט.

# איינזאַמקייט

דער האַרבסט האָט גאַנצע טעג געוויינט מיט אַלע זיינע קאָלירן, זיך געריסן צום לעבן, נישט געוואָלט אַוועקגיין, ווינטיק־פאַרצווייפלט זיך געוואָרפן אין יסורים, און שפּעטער נאָכגעגעבן, אומבאַהאָלפן קעגן דער העכערער קראַפט, וואָס קיין זאַך אין באַשאַף איז קעגן איר נישט מעכטיק.

עס זענען געשטאַנען די שטילע טעג צווישן האַרבסט און ווינטער; טעג וואָס האָבן שלום געמאַכט מיט זייער גורל, ווי חולאים וואָס ווייסן שוין אַז קיין רפואה פאַר זייער קרענק איז נישטאָ, און באַמיִען זיך אַפילו אַרומצוגיין מיט אַ שמייכל אויפן פּנים.

די זון האָט קילבלעך צומאָל אַ שיין געטאָן פון צווישן אַזוי פיל וואָלקנס, וואָס איין גאָט אין הימל ווייסט פון וואַנען זיי האָבן זיך פאַראַמאָל אַזוי פיל גענומען.

דער אָוונט האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער שטאָט ווי אַ ריזיקע דלאָניע מיט לאַנגע פינגער, און ווען דער צייג־פינגער האָט מיטן נאָגל אָנגערירט דעם שפּיץ פון הויכן קלויסטער, איז פּלוצים צוגעפאַלן די פינצטערניש. אויף דער אָפּגעלייגטער זייטיקער גאַס מיט אַלייען ביימער האָבן זיך טיר און טויער אָנגעהויבן פאַרמאַכן. הינט, וואָס שלענדערן זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג — קערן זיך אום אַהיים איילנדיק זיך, נישט צו בלייבן אין דרויסן. דאָס ביסל שיין, וואָס גיסט זיך אַרויס פון די שויבן און פון די גאַס־לאַמטערנעס, פאַרגרעסערט נאָך מער די בענקשאַפט.

מר. געלבאַרט האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער פון זיין בוידעם־צימער. קעגנאיבער אין שכנותדיקן הויז, האָבן אַלע פענצטער געלויכטן. אין יעדן פענצטער איז אָנגעגאַנגען אַ לעבן. אומעטום, דוכט זיך, טוט זיך עפּעס, מען פאָרעט זיך אַרום דעם ביסל רו נאָך אַ טאָג אַרבעט. עמיצער האָט זיך צעלייגט אין זיין וויג־שטול און לייענט אַ צייטונג; אַ באַלעבאָסטע טוט עפּעס אין קיך; ערגעץ טענהט זיך אויס אַ פאָרפאָלק, און ער זעט נאָר די שטומע

באַוועגונגען, ווי אין אַ שטומען פילם. ערגעץ לעשט זיך פלוצים אויס די עלעקטריע־שיין אויף צו פאַרבייטן זי מיט דער מאַט־בלויער ליכט פון אַ געעפנטן טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, און די גאַס אַרום איז אַזוי אומעטיק! עס דוכט זיך אים, אַז די גאַס אַליין וואָלט זיך אויך געוואָלט ערגעץ פאַרקלייבן אין איינעם פון די פענצטער און נישט זיין אַזוי עלנט.

מר. געלבאַרט שטעלט אַרויף אַ רעקאָרד אויף זיין שפּיל־קאַסטן. ער קלייבט אויס דעם סאַמע טרויעריקסטן, אומעטיקסטן פון באַכס ציקל, „בראַנדענבורגער קאָנצערטן", און אַז דאָס נאָדעלע פאַרפאָרט שוין צום לעצטן קרייז, שטעלט ער זי אָן פון אָנהייב אויף נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַרויסצובאַקומען די וויטיקדיקע מוזיק.

היינט האָט זיך מר. געלבאַרט פאַר אַלע יאָרן אַלט־בחורישקייט דער־פילט פלוצים אַליין.

ער פאַרשטייט אַליין נישט וואָס עס איז מיט אים אַזעלכעס געשען זינט דער טראַגישער ליבע זיינער. ביי זיינע פריִע דרייסיקער, האָט ער דאָך אויף זיך אַליין גענומען די איינזאַמקייט אויף טיפער צו פילן זיין אָנווער. און שפּעטער האָט ער דאָך פאַרגעסן, פאַרגעסן אין אַלעם, און עס איז אים גוט געווען מיט זיך אַליין; אַפילו אָפּגעוואָרפן פאַרשלאָגן פון באַקאַנטע פרויען, וואָס זענען אפשר אינטערעסאַנטער און שענער געווען ווי ליזע. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זיין „האָבי" צו זאַמלען די בעסטע רעקאָרדס פון קלאַסישער מוזיק. זיין קאַטאַלאָג ציילט שוין עטלעכע טויזנט רעקאָרדס. און דער האַרבסט איז דאָך אַלע יאָר אויך דער זעלבער — דער זעלבער וויטיק פון שיידן.

נאָר מיסטער געלבאַרטן קומט עס פאָר, ווי מיט אונדז אַלע, ווען מען גיט אַמאָל אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט אַ הייב־אויף די אויגן צום הימל און מען דערזעט די געהיימניספול־פאַרכטיקע שפּראַך פון די שטערן. מען זעט זיי דאָך יעדע נאַכט, נאָר מען דערזעט זיי נישט. פלוצים האָט זיך מר. געלבאַרט דערפילט, אַז ער איז שוין איבער צוואַנציק יאָר איינזאַם. און אים דוכט זיך איצט, אַז עס זענען גאָר קיין זומערס נישט געווען און קיין זילבערדיקע ווינטערס, און קיין גרויסע געשעפטן און פרייד פון זיינע דער־פאָלגן, און דאָס ביסל געשעפטלעכע אַרבעט, נאָר ווי עס וואָלט געווען

כסדרדיקער האַרבסט, און די מוזיק וואָלט געשפּילט דווקא אָט די טרויע־ריקע באַכס צווייטע סוויט, וואָס איז אַזוי ענלעך צו ליזעס אומעטיקן שמייכל. נאָר דאָרט, אין דער מוזיק, שלעפּט זיך נאָך איין געשעעניש דער צווייטער, און אַלץ מוז אַזוי געשען, ווי דער געניאַלער מכשף האָט עס פאַר־טראַכט, און אין זיין לעבן האָבן צופאַלן, קליינע, דראָבנע, אים אַוועקגע־שטעלט אין אַ זייט, אַליין, אַליין. נאַריש צופעליק.

מר. געלבאַרט זוכט צווישן זיינע רעקאָרדס עפּעס אַ פּינקטלעכע מו־זיקאַלישע אויסטייטשונג פון האַרבסטיקן אָוונט. אָט געפינט ער זי ביי ווי־וואַלדין, אין זיינע „פיר צייטן פון יאָר". ער שטעלט אָן אויף „האַרבסט" און דאָס פידעלע נאָגט אַלץ:

לי—לי—לי—ליזאַ...

# אַ צופּאַל

מיס טיגעל איז אפשר געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז מיאוס. זי האָט שלום געמאַכט מיט איר מיאוסקייט און איר איז געווען גוט.

אַוועק די צייטן, ווען זי פלעגט שטיין פאַרן שפּיגל; זי איז ברוגז אויפן שפּיגל און אויף זיך אַליין, וואָס זי זוכט אַזויפיל אויף זיך גישט־שיינקייטן.

חברטעס האָט מיס טיגעל געהאַט אַ סך, און דווקא די שענסטע מייד־לעך פון איר געגנט. שיינע מיידלעך האָבן ליב צו גיין מיט מיאוסע, כדי אונטערצושטרייכן זייער אייגענע שיינקייט.

איר מיאוסקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט אַזש געהאַט אויף איר דערפאַר רחמנות, און דער רחמנות־געפיל האָט אַרויסגערופן אַ מין ליבשאַפט צו אַן אומגליקלעכן ווען אויף דער וועלט, איז זי געווען דערפון גליקלעך.

מיס טיגעל פלעגט זיך פאַרשלייערן בלויז פון יוצא וועגן. אַלע פּודערן זיך, פּודערט זי זיך אויך און שמירט די ליפּן, בלויז פון אָפּצאָלן אַ חוב דער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער מען דאַרף זיך ווייזן שענער ווי מ׳איז אַליין צווישן פיר ווענט.

מיס טיגעל האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן קיין באַשערטן. מענער זענען שטענדיק געווען פאַרזיכטיק איר נישט צו באַליידיקן מיט אַ גוט וואָרט אויף איר אויסערלעכקייט.

מען האָט שטענדיק געלויבט איר ערלעכקייט, איר געלערזאַמקייט, איר גוטסקייט.

מאַכט אַ מענטש אַ קליין סטעזשקעלע אין לעבן: פון דער היים אין אָפיס און פון אָפיס צוריק אַהיים, ווו עס וואַרט שטענדיק עפּעס צו טאָן: רוימען, וואַשן, צורעכט מאַכן. שפּעטער — אַ שענקל מיט ביכער, טעלע־וויזיע, אַ חברטע קומט, מען גייט צו גאַסט.

אירע חברטעס, די שיינהייטן — לעבעדיקע ווינטמילן, האָבן געמאָלן פּאַסירונגען, ליבע־אַוואַנטורעס, סודות.

מיס טיגעל האָט אַלע זייערע געהיימנישן געוווּסט. פאַר איר האָט מען זיך נישט געהיט. מיס טיגעל האָט אַליין גענומען קוקן אויף מענער ווי אויף שוואַכלינגע: די בלאָנדע, די שוואַרצע חברטעס אירע פאַרפּלאָנטערן זיי די קעפּ אַזוי לייכט!

ביז ס'איז געקומען דער אומגליקלעכער צופאַל.

איינער אַן עלנטער מענטש איז געקומען. אַראָפּגעקומען אין שכנה־שאַפט איינער פון טויזנטער, וועמען דאָס לעבן האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט.

ער איז געווען מער ווי מיטליעריק, און אַ צופאַל האָט אים געמאַכט אַ טרעט צו טאָן אויף דער קליינער שמאָלער סטעזשקעלע אויף וועלכן מיס טיגעל שפּרייזט אַזוי טויזנט מאָל אַליין פון דער היים צום אָפיס, און פון אָפיס צוריק אַהיים.

דער מענטש האָט אַלץ אין לעבן אָנגעוווירן און פאַרלוירן אַפילו דאָס ביסל פאַרזיכטיקייט, נישט צו געבן דער מיס טיגעל אַ קאָמפּלימענט אויף איר אויסערלעכקייט.

מיס טיגעל איז מער נישט געווען דער מענטש אויף וועלכן מען האָט רחמנות, נאָר אַ מענטש, וואָס דאַרף אַרויסווייזן רחמנות גאָר אַ צווייטן.

מיס טיגעל האָט גענומען צווייפלען אין איר מיאוסקייט, און דאָס האָט איר פאַרשאַפט אַזויפיל ווייטיק!

זי האָט ווידער גענומען שטיין פאַרן שפּיגל שעהן און באַטראַכטן יעדן טיילעכל פון איר געזיכט און אויף צו להכעיס זוכן חסרונות.

זי האָט גענומען אַרומטאָן אַרום איר געזיכט מיט אַ גאַנצער אַפּטייק מיט פלעשעלעך, מיט פושקעלעך, מיט אַ באַזונדער ערנסט און פייערלעכ־קייט.

זי האָט אויפגעהערט צו לייענען ביכער. מיט אַלע כוחות זיך באַמיט נישט צו זיין אַזוי גוט, — די מעלות פאַר וועלכע מ'האָט זי אַזוי געלויבט, און נישט צוליב איר אויסערלעכקייט.

זי האָט אויסגעטראַכט אינצידענטן, אויף צעבייזערן זיך מיט אירע

חברטעס. זי האָט געוואָלט אירע חברטעס זאָלן איר מקנא זײַן, זײַן אײפּער־זיכטיק, כאָטש אַ טראָפּן אײפּערזוכט. זי האָט זײ דערצײלט נישט נאָר וועגן דער ליבעס־דערקלערונג פונעם עלנטן מענטשן, נאָר פאַרפלאָנטערטע אינ־טריגעס, וואָס זי האָט געלײענט אין ביכער, אָנגעמאָסטן אויף זיך אַלײן.

אַלץ האָט איר אָפּגענאַרט. בלויז אײן שונא איז איר געבליבן: דער שפּיגל.

און זי איז געוואָרן אויף אַן אמת אומגליקלעך.

# אויפדאָסנײַ

די קינדער, וואָס האָבן ביים לעבן פון דער מאַמען אַ טראָפּן ווידער־געשפּעניקט, נישט חתונה געהאַט מיט וועמען טאַטע־מאַמע האָט געוואָלט, האָבן נאָך דער מאַמעס טויט נאָכגעגעבן דעם טאַטן אַלץ וואָס ער האָט געהייסן.

דער אַלטער חיים־שלמה, אין די אַכציקער, האָט די לוויה און די קבורה געפּראַוועט ווי אין דער אַלטער היים.

אויסער דעם הספד וואָס דער אָרטאָדאָקסישער רב פון דער חברה „בני צדק" האָט געהאַלטן, אויסרעכנענדיק דאָס צדקות פון דער אַלטער שרהן, איר צדקה געבן, דאָס זיין אַ מיטגליד אין אַ סך צדקה־סאָסייעטיס, איר פרומקייט און גוטסקייט, האָט דער אַלטער חיים־שלמה אַליין געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און אָנגעוווּנקען די דריי זין און פיר טעכטער וואָס זענען זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקן פון אַמעריקע צו דער מאַמעס לוויה, אַז זיי זאָלן גיין אין דער מאַמעס וועג.

דעם מת האָט מען אַליין פאַרשאָטן און נישט איבערגעלאָזט, ווי דער שטייגער איז, דעם גוי ער זאָל פאַרשיטן. מען האָט געשאָטן לויט דער רייע רידלעס ערד, און דעמאָלט, האָט דער אַלטער חיים־שלמה אַרויסגענומען פון אַ פּושקעלע ארץ־ישראל־ערד פון דער מוטער רחלס קבר, צו באַשיטן; דאָס פּושקעלע, וואָס ער האָט שוין אַ יאָר פופציק ביי זיך, פון נאָך איידער ער איז קיין אַמעריקע געקומען.

אַהיימקומענדיק פון דער לוויה, האָט מען געגעסן בלויז בייגל און האַרטע אייער באַשאָטן מיט אַש, ווי דער מנהג ביי ייִדן איז, אַ סימן, אַז די וועלט איז אַ גלגל־החוזר, עס דרייט זיך דאָס מזל, און לאָז דאָס מענטשעלע נישט מיינען אַז ער איז אַזאַ תקיף. אָט אַזוי האָט חיים־שלמה געוואָלט, און נישט פּראַווען קיין גאַנצע סעודות, ווי ביי די ערלים להבדיל, וואָס מען האָט שוין דאָ ביי אונדז איבערגענומען...

די דריי זין זענען געזעסן שבעה, נישט געשאָרן די בערד און געדאַוונט מיטן מנין, וואָס מ׳האָט צונויפגערופן פון אַרום. באַדינט האָט אַלעמען די געוועזענע שנור, אסתר־גאָלדע, וואָס כאָטש זי לעבט שוין נישט מער מיט איר מאַן אַ יאָר צוואַנציק, איז זי די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטראָטן פון דער אַלטער, טעג און נעכט אַרום איר זיך געפּאָרעט, איר געמאַכט לאָבעכצן, „טייגלעך מיט האָניק", געפּרעגלטע מאַלינעס, וואָס די אַלטע האָט מיט דער אָן־ציינערדיקע מויל מיט די יאָסלעס געוויגט הין און צוריק, ווי דער טייך וויגט אַ שיפל אָן אַ רודער. מען האָט געקענט זען, אַז עס איז איר שווער אַראָפּצושלינגען און אַז זי שלינגט שוין יאָ אַראָפּ בלייבט עס איר שטעקן אין האַלדז.

געוויינט האָט די שנור אסתר־גאָלדע נאָך דער שוויגערס טויט עפּעס ווי נישט נאָך קיין שוויגער נאָר נאָך אַ לייבלעכער מאַמען, וואָס וואָלט איר אָפּגעשטאָרבן נישט אין די אַכציקער, נאָר אין דער פולער יוגנט.

היינט האָט שוין אסתר־גאָלדע אַליין קינדער און אייניקלעך אַפילו, אָבער זי געדענקט, אסתר־גאָלדע, די צייט, ווען זי איז געבליבן מיט יונגע קינדער בשעת דער מאַן האָט איר פאַרלאָזט. אמת, נישט געווען וואָס צו פאַרלירן. די שטאָט האָט אויף אים גערעדט. אָבער וואָס מער די שטאָט האָט אויף אים גערעדט אַלץ מער האָט זי אים ליב געהאַט. די שוויגער האָט אָבער געהאַלטן נישט מיטן זון נאָר מיט דער שנור, די קינדער געהאָלפן כאָוון און דעם זון נישט אַריבערגעלאָזט איבער דער שוועל אַ שטיק צייט.

**
*

ווי דער אַלטער חיים־שלמה האָט נישט באַמיט זיך, אַז אין שטוב זאָל מען דערקענען דאָס אבילות, איז אין שטוב געשטאַנען די גאַנצע צייט עפּעס אַן אויפצולהכעיסדיקע פרייד; עס זענען כסדר געקומען מענטשן מנחם־אָבל זיין און די אייניקלעך — שול־„באָיעס" און „גוירלס", שוועסטער־קינדער פון פאַרשידענע עקן לאַנד האָבן אויסגעשטיפט זייער באַזונדער לעבן אין און פאַר דער שטוב. אסתר־גאָלדע האָט מער נאָך ווי זי האָט זיך באמת געפּאָרעט, זיך באַמיט אַרויסצוּוויזן איר מי, דער געוועזענער מאַן זאָל עס

זען און איז געוועזן איבערגליקלעך, אַז דער אַלטער חיים־שלמה האָט איר געריימט פֿאַרן עולם.

— די אסתר־גאָלדע, ס'איז דאָך נישט קיין מענטש, ס'איז אַ מלאך, וואָרעם לעאָן (דער זון) איז דאָך איר גאָרנישט ווערט געווען.

פֿון דעסט וועגן, אַז דאָס געטומל האָט זיך איינגעשטילט, די אייניקלעך זענען אַוועק און די לעצטע געסט האָבן זיך געזעגנט און אסתר־גאָלדע האָט זיך מיטאַמאָל שיין געמאַכט, אַ פֿאַרקעם געטאָן דעם קאָפּ און איבערגעטאָן זיך אין נייעם קלייד, האָט חיים־שלמה הוסטנדיק אַזוי אַ זאָג־געטאָן צום זון זיינעם:

— ס'איז אפשר צייט... כ'מיין... ע... מען מעג צוריקגיין צו אסתר־גאָלדען, אָפּגעפּינצטערט אַ לעבן נעבעך און נישט געוואָלט חתונה האָבן די גאַנצע צייט... קכע־ע...

לעאָן, דער זון, וואָס איז שוין אַליין איינגאַנצן גרוי, מיט סימנים פֿון אַדורכגעמאַכטן סטראָוק, מיט אַ טראָפּן אַ פֿאַרקרימט פּנים און קליינעם פּאַראַליז אין לינקן פֿוס, קוקט נישט אָן קנאה אויף זיין געוועזענעם ווייב, וואָס זעט אויס ביי די פֿופֿציקער, נאָך יונג און פֿריש און אין קאָפּ איז נאָך נישט פֿאַראַן קיין איין גרויע האָר. אסתר־גאָלדע האָט זיך אַ זייטל־געטאָן, דערלאַנגענדיק אים אַ גלאָז טיי מיטן חנדל וואָס זי האָט אים שטענדיק געהאָט אָנגעגרייט פֿון די אַמאָליקע צייטן, עפּעס אַזאַ שמייכעלע וואָס ווערט גיך צערונען ווי אַ שטייגער די רינגען וואָס פֿאַרשווינדן גיך אין אַ טייך ווען מען וואַרפֿט אַריין אַ קליין שטיינדל. די שטעכיקע האָר פֿון לעאָנס נישט־געשווירענער באָרד און דאָס קאַפּעלע אויפֿן קאָפּ, האָבן אים צוגעגעבן חשיבות, געמאַכט פֿאַרגעסן אין זיין הפֿקרדיק לעבן אַלע יאָרן אָנעם ווייב און אַז לעאָן האָט אַ זאָג־געטאָן:

— זי וועט מסתמא שוין נישט וועלן, — האָט אסתר־גאָלדע, ווי דערדריך געוואָרט, געענטפֿערט:

— האָסט זיך לאַנג שוין געמעגט מיישב זיין, נאָר ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט...

# גראַזשינאַ

מיט גראַזשינאַן פלעג איך טרינקען אָפט „קאַוועלעך" אינעם הויז פון די פוילישע שרייבער אין וואַרשע, אויף קראַקעווער פאַרשטאָט. דער מאַן אירער, אַ פוילישער שרייבער, האָט אָפּגעדרוקט אַ בוך דערציילונגען, וואָס די קריטיק האָט שטאַרק געלויבט, איז ער אַרומגעלאָפן איבער די פאַרלאַגן גאַנצע טעג מיט גאַנצע דריי נייע ביכער אויף אַרויסצוגעבן.

און גראַזשינאַ פלעגט זיצן און וואַרטן אויף אים.

פלעגט זי מיר לייענען אירע לידער אין פויליש, שוואַכע לידער געשריבן אין מאָדערניסטישן סטיל, אין וועלכע עס איז געווען אַ סך גערויש, דזשאַז־קלאַנגען און סתם־ווערטער; און איך האָב געהאַט דערוויל די געלעגנהייט צו באַטראַכטן איר וווּנדערלעך שיין געזיכט און די נאָך מער וווּנדערלעכע טונקל־בלויע אויגן. דאָס אַלץ צוזאַמען, איז אַזוי ווייט געווען פון אירע לידער, ווייל איר געזיכט איז געווען אַ שטיל פאַרטראַכטער אָוונט. אין אירע אויגן איז געווען אַזעלכעס, וואָס מיר הערן אַמאָל אין אַ מינאָרן פיאַנאָ־קאָנצערט פון סען־סען.

אַז זי פלעגט ענדיקן לייענען, פלעגט זי חנעוודיק אַ פאַרוואַרף־טאָן דאָס וועלדל שוואַרצע האָר מיט אַ שאָקל פון קאָפּ אויף לינקס און, אַ האַלב־שעמעוודיקע, וואַרטן אויף מיין מיינונג.

דאָס איז געווען גראַזשינאַס איינציקער שוואַכער פונקט, אויף וועלכן טייל איינגייער אין שרייבער־הויז האָבן געשפּילט.

כ'האָב געקוקט אויף גראַזשינאַן, ווי אויף אַ סך זייער פיינע אָנגעזעענע מענטשן, וואָס שפּילן אַ ראָל אין לעבן, וואָס מ'וואָלט פאַר זיי טאָפּלט געהאַט דרך־ארץ, ווען זיי מאַכן זיך נישט נאַריש מיט שרייבן...

כ'האָב איר געזאָגט:

— גראַזשינאַ, איר האָט אַלע אייגנשאַפטן צו זיין אַ פילם־אַרטיסטן, אַ שיינהייטס־קעניגין פון גאַנץ פוילן. צו וואָס שרייבן לידער?

גראַזשינאַ וואָלט אפשר טאַקע געוואָרן אַ פילם־אַרטיסטן ווען נישט איר איינציקער קליינינקער פעלער: זי פלעגט זייער לייכט, פון צייט צו צייט אונטערשטאַמלען. אמת, דאָס דאָזיקע קוים־מערקבאַרע שטאַמלען, האָט איר צוגעגעבן חן ווי אַ קינד, אָבער צו ווערן אַ פילם־סטאַר שאַדט עס.

— און וואָס זאָגט איר וועגן מיינע לידער? — האָלט גראַזשינאַ נישט אויס.

— אייערע לידער, טייער קינד, אייערע לידער? גאָט שענקט נישט אַלע מתנות איין מענטש; ער שענקט אַוועק די מתנה פון שרייבן לידער אַזעלכע, וואָס זענען ווייניקער שיין פון אייך...

כ׳האָב מיך געוווּנדערט, וואָס נאָך אָט דער מיינונג ציט עס נאָך אַלץ גראַזשינאַן צו מיין טישל.

איינמאָל גיט זי מיר פּלוצים אַ זאָג:

— איר ווייסט, איך וויל שרייבן אַ טאָג־בוך, אַ טאָג־בוך פון אַ ייִדיש מיידל וואָס איז געוועזן אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּויער.

— איר זייט אַ ייִדישע?

— רעדט אַביסל שטילער; כ׳וויל נישט זיי זאָלן דערפון דאָ וויסן. ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך אַ סך דורכגעלעבט. ווען מ׳האָט מיין מאַ־מען געפירט קיין טרעבלינקע האָט זי מיך פון וואַגאָן אַרויסגעוואָרפן. האָט מיך אויפגעהויבן אַ פּויערטע און אויסגעהאָדעוועט. ווען די פּויערטע האָט מיך צו זיך גענומען בין איך נאָך געווען אַ פּיצל קינד... שפּעטער האָט זי מיר אַלץ דערציילט. איך שטאַם פון קאָצק.

— און אייער מאַן ווייסט אַז איר זייט אַ ייִדישע?

— ער וויס... ער איז אַ גוטער מענטש און באַהאַנדלט מיך זייער גוט, אָבער... עס ציט צו ייִדן!

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר גראַזשינאַ געלייענט אַנגעוואָרפענע גע־דאַנקען פון איר טאָג־בוך. זי הייבט אָן פון דעם וואָס זי וואָלט אפשר נישט באַדאַרפט אָנהייבן: פון איר פעלער צו שטאַמלען, וואָס איז געקומען פון דער דערשיטערונג ביים אַראָפּוואַרפן איר פון וואַגאָן וואָס איז צו די גאַז־קאַמערן געפאָרן. עפּעס אַ מין פאַרענטפערונג פאַרן שטאַמלען פאַר איר מאַן, פאַר דער גאַנצער וועלט.

כ׳האָב אַרײַנגעקוקט אין גראַזשינאַס אויגן און באַקעמפּט אין מיר דעם מאַן, וואָס איז געפֿאַנגען פֿון דער אויסטערלישער שײנקײט פֿון אַ זעלטן פּרעכטיק פּרויען־געזיכט. כ׳האָב געזען אין אירע אויגן טויזנטער ייִדישע קינדער ווי זי, וועלכע מען האָט נישט באַוויזן פֿון וואַגאָן אַרויסצו־וואַרפֿן און זענען אין די טרעבלינקעס אומגעקומען.

כ׳האָב נישט געזאָגט גראַזשינאַן קײן מײנונג.

אין מײַנע אויגן זענען געשטאַנען טרערן.

# דעם אַפּטייקערס טעכטער

(פּ אַ ס י ר ו נ ג)

מיין לאַנדסמאַן האָט מיר אַ סך געהאַט וואָס צו דערציילן פון זיינע שווערע איבערלעבונגען בשעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון פוילן.

איך בין אויפגעציטערט געוואָרן פון די שוידערלעכע איינצלהייטן, וואָס כ'האָב דאָך אייגנטלעך אַליין אַביסל איבערגעלעבט און אַזוי פיל וועגן דעם געלייענט.

מיר לייענען יעדן טאָג וועגן אַ סך אויסטערלישע געשעענישן און מיר זענען שוין כמעט דערצו גלייכגילטיק, אָבער ווען עס פּאַסירט מיט אונדז אַליין טרייסלען מיר זיך אויף.

מיין לאַנדסמאַן האָט ווידעראַמאָל אויפגעמישט אין מיין זכרון, אַזוי פיל הייליקע בלעטלעך פון מיין קינדהייט, אַזוי פיל בילדער פון אונדזער שטעטל אין פוילן וואָס איז איצט געבליבן אָן ייִדן. און פּלוצים האָט אויפ־געטויכט אין זיין זכרון אַן אויסטערלישע פּאַסירונג. און כאָטש ער האָט געהאַלטן אין מיטן דערציילן די געשיכטע, ווי אַזוי עס איז אים אויף אַן אומגלייבלעכן אופן געלונגען זיך אַרויסצודרייסן ממש פון אונטערן תליונס הענט, האָט ער אין מיטן איבערגעריסן און אָנגעהויבן:

— געדענקסט דאָך אַוודאי יאַשן, דעם אַפּטייקער אין שטעטל?... יאַש איז אַ שם־דבר געווען אין שטעטל; ווער האָט נישט געקענט יאַשן? דער ייִדישער אַפּטייקער האָט מיט ייִדן גאָנץ ווייניק געהאַט צו טאָן; מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משומד; געשמדט איז ער נישט געווען, אָבער ער האָט פיינט געהאַט ייִדן און ייִדן האָבן אים פיינט געהאַט. מען איז בעסער געגאַנגען באַשטעלן רעצעפּטן צו די גוייִשע אַפּטייקערס, — גאָ־לאָמביעווסקין און מיעצקאָווסקין, איידער צו אים. די שנאה האָט זיך קודם־כל געגומען, וואָס ער האָט זיך געפירט ווי אַ גוי; זיין געשעפט איז אָפן

געווען אַפילו אין די פּאַרכטיקע טעג, ראש־השנה און יום־כיפור; און צווייטנס, איז זיין קאַרגשאַפט געווען אַן אַ מאָס: ער האָט קיין אָרעמאַן נישט אַריבערגעלאָזט דורך דער שוועל און זיך טאַקע כסדר געחברט נאָר מיט גויים. געווען איז ער אַ הויכער, אַ שטאַלטנער און מיט אַ פאַרברענטן פּנים. יודעי־חן האָבן געוווסט, אַז דאָס פאַרברענטע פּנים האָט ער עס באַקומען פון אַ גלאָז זאַלץ־זויער וואָס אַ געליבטע, ווען ער האָט אַוועקגעוואָרפן, האָט אים דאָס געזיכט באַגאָסן. די ווייַס זענען ביי אים געווען ווי איבערגעקערטע אויף אַרויף; די שפּיץ נאָז — אַ טראָפּן ווי אָפּגעהאַקט — אויך אַ זכר פון דער דאָזיקער געשיכטע. זיין קאַרגשאַפט איז נישט געווען בלויז צו יענעם, נאָר צו זיך אַליין אויך! ווייסט אים דער רוח וואָס ער האָט אַזוי געשפּאָרט. ער איז שטענדיק געגאַנגען אין דעם זעלבן ראָק און אין דעם זעלבן מאַנטל, אַז דער קאָלנער איז אַזש גלאַנציק געווען פון אַלטקייט; געטראָגן אויפן האַלדז האָט ער אַ גומי־קאָלנער צוליב שפּאָרעוודיקייט ביים געבן צו וואַשן... צוליב דער גיריקייט נאָך געלט פלעגט ער קיינמאָל נישט גיין אַהיים עסן. די גוייִשע דינסט פלעגט אים ברענגען דאָס עסן אין אָפּטייק־סקלאַד.

צווי טעכטער האָט ער געהאַט, פלעגן זיי גיין צום גלח „זיך בענטשן"; מ׳האָט געשמועסט אַז ער שמדט זיי אָפּ.

אַ שוועסטער האָט ער געהאַט אַן אַקושאָרקע, האָט זי געהאַט אַ טאָכטער אַ ווילדע שיינהייט, האָט זיך אין איר פאַרליבט עפּעס אַ צייַן־דאָקטער, געעפנט אַ קאַבינעט, האָט מען אים געפונען אַ געשאָכטענעם; ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען צוליב אייפערזוכט, אַזאַ מעשה גאָר... איז טאַקע געווען מאָדנע די גאַנצע משפּחה, נאָר מילא, קנאַפּ משומדים איז דאָ אויף דער וועלט? האָט דאָך לאָמזשע דערנעבן, געקאָכט מיט אַ אודי קאָוונער, וועגן וועמען דער זיידע פלעגט גאַנצע מעשהס דערציילן. איז אָבער מער ווי אַלץ קשה די ווייב זיינע, וואָס רעדט גאָר העברעיִש און גייט צו יזכור אין שול אַריין. פרומע ייִדן זאָגן, אַז די גאַנצע קליפּה ליגט אין איר העברעיִש, עלעהיי די מיסיאָנערישע ברית־החדשה, וועלכע איז אויך אין העברעיִש און די גאַנצע שמד־שטיק קוקט פון דאָרט אַרויס.

אַ גאַנצע מלומדת געווען דאָס ווייב זיינס, אָפּגעגעבן לעקציעס פאַר־

טעפּיאַן אין די רייכע הייזער, אַפילו פּריצישע קאַטשן פלעגן נאָך איר פאַר־פאָרן צו לערנען אין די פּריצישע הייף מוזיק. נאָר וואָס האָט זי זיך אָפּגע־זוכט אַזאַ פאַרשוין פאַר אַ מאַן? און פאַרוואָס קוקט זי זיך צו ווי אירע קינ־דער ווערן פאַמעלעך אָפּגעשמדט? גוטע ייִדענעס האָבן געפּרוווט מלמד־זכות זיין אַז ווייס איך וואָס, נעבעך אַ מיאוסקייט, אַ קליינע אַזאַ, אַ דיקלעכע און קאַטשעט זיך אויף די פיס ווי אַ גאַנדז, האָט זי נישט געוואָלט פאַרזיצן...

ערשט אין יאָרן אַרום, שוין האַרט פאַר דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע, האָט מען זיך דערוווּסט פאַרוואָס יאַש דער אַפּטייקער האָט יאָרן־לאַנג אַזוי געקאַרגט, — דאָס האָט ער אויסגעבויט אַ הויז אין דער גוייִשער געגנט, געוואָלט אַרויס פון די ייִדן, אָבער ס׳האָט אים אַלץ איינס גאָרנישט געהאָלפן, מאַן און ווייב זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן און זענען אומ־געקומען.

און די טעכטער וואָס האָבן זיך געשמדט אָדער זיך געהאַלטן ביים שמדן? אָט וועגן דעם דערציילט מיר איצט מיין לאַנדסמאַן: וועגן דער עלטערער טאָכטער, דער בלאָנדער, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געענדיקט דעם יורי־דישן פאַקולטעט פון דער וואַרשעווער אוניווערזיטעט, קען איך דיר דער־ציילן ווי אַן עדות. ביי דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן מיר אַ שטיק צייט ביידע געלעבט אין איין שטאָט, אין דאַנציקער קאָרידאָר אויף דער אַרי־שער זייט; ביידע זענען מיר לויטן אויסזען ענלעך אויף אַריער, דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אַ צייט זיך צו ראַטעווען. מיר איז זייער אָפּט אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט איר, לאַנג צו שמועסן. איר וואָלט זי נישט דערקענט; זי האָט זיך אינגאַנצן געענדערט; אַ שטאַרקער ייִדישער נאַציאָנאַלער געפיל האָט איר באַהערשט; איך האָב זי געלערנט העברעיִש אויף איר פאַרלאַנג. איר חלום איז געווען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אויב זי וועט נאָר אַרויס פון די נאַצישע לאַפּעס; זי איז פול געווען מיט האַס צו אירע עלטערן, באַזונדערס צום פאָטער וואָס ער האָט זיך און די קינדער אָפּגעפרעמדט פון ייִדישן פאָלק. אָבער עפּעס אַ פּאָליאַק, אַ מיאוסער פאַר־שוין האָט זי אויסגעגעבן דער דייטשער מאַכט. ווי אַזוי ער האָט זיך דער־וווּסט פון איר ייִדישן אָפּשטאַם — בלייבט אַ סוד; זי איז דאָך אַזוי נישט ענלעך געווען אויסערלעך אויף קיין ייִדישקע! מען האָט זי געשלעפּט אין

דער געסטאַפּאָ, מען האָט זי שווער געפּייניקט זי זאָל אויסגעבן נאָך פאַר־באַהאַלטענע ייִדן, אָבער מען האָט פון איר נישט געקענט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט. דאָרט טאַקע אין די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ איז זי אומגעקומען.

און וועגן דער צווייטער טאָכטער, דער ייִנגערער, דער שוואַרץ־חנעוו־דיקער איז נאָך דער סוף אויסטערלישער און אומגעריכטער.

— איך בין נאָך לאַנגע גילגולים אָנגעקומען קיין אַמעריקע — זעצט מיין לאַנדסמאַן פאָר — אַ סך, ווי מען זאָגט: „געפּאַקט און געמאַזלט", ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַ פאַרשטייערשאַפט פון אַ גרויסער פירמע. און אָט האָב איך איינמאָל געמאַכט אַ רייזע איבער די שטעטלעך פון אַ ווייטן אַמעריקאַנער שטאַט. אין איינעם פון די שטעטלעך איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַ פרייטיק. איך בין געווען אויסגעבענקט נאָך אַ ייִדישן פרייטיק־צונאַכט, געבלאָנדזשעט איבער געסלעך צו זען ווו עס לייכט זיך אַרויס ליכט פון אַ פענצטער. און אָט עפן איך אַ טיר פון אַ ייִדישער שטוב און עס גיט אַן אָטעם אויף מיר מיט עכטער ייִדישקייט: דער מאַן גייט אַרום איבער דער שטוב און זינגט דעם שבתדיקן שלום עליכם מלאכי השרת. אויפן טיש ברענען ליכט אין אַ זילבערנער מנורה און די פרוי, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, האַלט זיך אין פאַרען ביים דערלאַנגען די שבתדיקע מאכלים צום טיש. צוויי קינדערלעך שפּילן זיך דערווייל אויפן סאָפע.

כ'האָב זיך אַנטשולדיקט וואָס איך האָב זיי אַ טראָפּן געשטערט דאָס געמיטלעכקייט פונעם שבתדיקן טיש.

כ'האָב זיי דערציילט דעם אמת: כ'פאָר אַרום פאַר אַ פירמע און ס'האָט זיך מיר אַ בענק־געטאָן נאָך אַ ביסל ייִדישקייט.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און מיר האָבן זיך צערעדט פון אונדזערע אי־בערלעבונגען און שטעלט זיך פאָר, אַז אָט די סימפּאַטישע פרוי, מיט אַזוי פיל ייִדישן חן אויפן פּנים, איז נישט געווען קיין אַנדערע ווי יאַש דעם אַפּ־טייקערס טאָכטער.

אַז מען לייענט אַזאַ מעשה אין ביכער מיינט מען אַז עס איז אויס־געטראַכט, אָבער דאָס לעבן אַליין איז די שענסטע פאַנטאַזיע; יאָ, עס איז די אַמאָליקע וואַנדע, די קלענערע טאָכטער. זי איז אַריינגעפאַלן אין היט־

לעריסטישן לאַגער ווי מיליאָנען אַנדערע ייִדישע קינדער, נישט איינמאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן און ניצול געוואָרן על־פּי־נס.

דער מאַן שטאַמט פון אונגאַרן, שטרענג אָרטאָדאָקסיש געזאָגען. זיי האָבן זיך בײדע באַקענט אין דײַטשלאַנד, נאָך דער באַפרײַונג, און דאָרט חתונה געהאַט. זיי זענען געקומען קיין אַמעריקע ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק. דער מאַן האָט פאַרלייגט אַ געשעפט און עס גייט אים נישט שלעכט. דאָס פּאָרפאָלק פירט אַ ייִדישע שטוב און דערציט די קינדער און טראַדיציאָנעלן גייסט. פון מיר האָט זיך די פרוי דערוווּסט וועגן גורל פון איר שוועסטער וואָס איז אַזוי העלדיש אומגעקומען אין די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ. זי האָט נישט געקענט איינהאַלטן אירע טרערן, אָבער זי האָט מיט שטאָלץ צוגעגעבן:

— דאַנקען גאָט וואָס זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן...

***

— איך בין געזעסן און געגאַפט — האָט מיין לאַנדסמאַן פאַרענדיקט זיין דערציילונג, — האָב זיך שטאַרק איינגעקוקט אין די אידעלע געזיכט־שטריכן פון דער באַחנטער פרוי און געוואָלט געפינען כאָטש אַ שפּור פון דער אַמאָליקער וואַנדאַן, דאָס האַלבע שיקסל אין שטעטל, וואָס די גויישע דינסט פלעגט פירן צום גלח... אָבער גאָרנישט איז פון דעמאָלט נישט איבערגעבליבן. איך האָב פאַר זיך געזען אַ ייִדישע מאַמע וואָס איז, ווי איך, דורכגעגאַנגען דעם שווערן גורל־וועג פון אונדזער פאָלק און וועט אירע קינדער דערציִען אויסצוהאַלטן די שווערסטע נסיונות, אויף וועלכע זיי זאָלן נישט געפּרוּווט ווערן, זיך ווייטער צו האַלטן ביי זייער שטאַם.

# V

# פאַרדעקטע שפּיגלען

# אַ מזוזה

אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אין פּוילן, האָבן די היטלעריסטן אַרויסגעלאָזט אַ פאַרקרימטע געשיכטע פון יידישן פאָלק, פול מיט האַס. אין יעדן פאָדערשטן טאָוול איז געווען, צוליב עקזאָטיק, אַרייַנגעקלעפּט אַ מזוזה.

אַ בוך אַ דייטשער עס ליגט פאַר מיר,
אין טאָוול — אַ מזוזה איינגעשניטן,
פון וואָסער הויז, פון וואָסער טיר
די טמא האַנט, עס אָפּגעריסן?

מיין מאַמעס הויז אַן שמוק, אָן ציר
אַרום נישט קיין בלימל, אַרום נישט קיין ביימל
בלויז די מזוזה ביי איר טיר
די איינציקע צירונג, דער איינציקער שומר.

מיין מאַמעס הויז — עלנט אָן אַ שיער,
אַזוי ווייניק יום־טוב, אַזויפיל אינדערוואָכן!
זי פלעגט אַ קוש טאָן די מזוזה ביי איר טיר
אין וועג צו גיין אויף מזל און הצלחה.

ווען מ׳האָט דער מאַמען צום לעצטן וועג געפירט
האָט זי אויך אַזוי מסתמא,
די ליפּן צו דער מזוזה צוגערירט
און צום לעצטן וועג געגאַנגען אין מיין מאַמע.

כ׳האָב לאַנג שוין קיין מזוזה נישט געקושט,
דער מאַמעס וועג נישט איינמאָל איבערהיפּן,
ווייַנט אין מיר אַ ווייטער זעקסטער חוש
און בייגט צו דער מזוזה מיינע ליפּן.

# אין ירושלים

הרואה ששים רבוא מישראל
ביחד מברך: ברוך חכם הרזים.
(תלמוד, ברכות)

מאַך איך אַ ברכה איבער ייִדן:
— אַזויפיל ייִדן קיין עין־הרע, אַזויפיל ייִדן,
פון פאָרנט מיר ייִדן
פון הינטן מיר ייִדן
פון ביידע זייטן ייִדן.

איך בין אויסגעווען אַ וועלטס יאַרידן
און זיך אויסגעהונגערט נאָך אַביסל ייִדן,
נישט יודע, זשוויף, זשיד און יעווריי,
נאָר אַלע וואָס שטייען מיט מיר אין דער ריי
זענען יהודים, ייִדן.

אַ טייערער בחור, זעלנער מיט פיאות,
איך שעם זיך פאַר דיר אַז אָך מיר און ווי איז:
איך בין דאָך פון קינדווייז אַ גאַנצער מחותן,
מיט קמצא בר קמצא פון מסכתא גיטין,
נאָר ווען כ׳בין זיך אין שפעט־נאַכט מיט ירושלים מתיחד —
צעשפּרינגט מיר דאָס האַרץ אין טיפן פאַר פּחד,
און כאַטש איך טובל אין ברונעם פון נאַכט מיין נשמה
שרייט אַלץ אַ קול אין מיר: טמא, טמא!
און ס׳וויינט נישט מיין מאַמע, די האַרציק געטרייע
פון איר צאינה וראינה אויף חורבן ירושלים,
נאָר אויך מיין אייגענעם חורבן.

„לבבתני אחותי כלה״ —
תּימנער מיידלעך, איך צייל אייערע מעלות,
געזען טרעבלינקע — פרעגט מען קיין שאלות,
כ׳בין עלטער אַוודאי אויף אַ פערטל יאָרהונדערט,
נאָר כ׳בענטש מיטן בליק אייך און שטוין און באַוווּנדער,
ס׳ווערט די נשמה אויף דרייסיק יאָר ייִנגער,
און שלמה קלעזמער שפּילט אויס „כלה צו באַדעקנס״,
אַ מיליאָן מאָל פאַר שוועסטער געטויטע אין שרעקן,
און סע ווײנט דער ניגון
פון מיין איטלעכן פינגער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, ייִדישע מיידלעך אין סיצענע קליידלעך
אָרעם און שיין, כ׳וואָלט וויינען בקהל,
ווי ס׳האָט אַמאָל געוויינט ר׳ ישמעאל:
„בנות ישראל יפות הן״ — — —
טייערע קינדער מיט יחוס און חן,
זאָל גאָט אייך אויסהיטן פאַר שרעק און געוויין,
ונאמר אָמן.

און הינטער די עצי זית, די עצי זית,
אַזעלכע צדיקים וואָס האָבן געגנוג אַ כזית
רעגן, אַזעלכע ענווים וואָס שטייען געבויגן,
שפּילן זיך משהלעך שלמהלעך
וואָס אייגעלעך פאַרמאַגן זיי אויגן,
איז די שכינה אין זיי פאַרשפּונען,
האָסט אַ ווענדקע אין זיי פאַרצויגן
און זיך אַליין אין זיי געפונען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מאַך איך אַ ברכה איבער ייִדן,

ישראל עמיאָט

אַזוי פיל ייִדן קיין עין־הרע, אַזוי פיל ייִדן
פון פאָרנט מיר ייִדן, פון הינטן ייִדן,
פון אַלע זייטן ייִדן.

ירושלים, 1958.

# די אַלטע פּעסעלע

די אַלטיטשקע פּעסעלע קענט איר?
איר קענט זי נישט — מעגט איר זי קענען,
קיין עין־הרע אַריבער די ניינציקער
די יאָרן נישט צו דערקענען.

אַ ייִדענע נאָענט צו דער מאה שויִן,
אַדרבה, קומט אויף טשיקאַגאָ
און זעט, ווי פּעסעלע פּאָרעט זיך
און קינצלט נאָך אירע פּאָטראַוועס.

דאָס קאָכן, דאָס וואַשן, דאָס רוימען —
קומט פון דער וועלט אויף חידושים,
ס'וועלן קיין יונגע נישט גלייכן
צו פּעסעלען אַריבער די תשעים.

ריין און ציכטיק דאָס אַלקערל,
עס שפּיגלען אין קיך אַלע כלים,
און פירט נאָך אַליין זיך אין שענק
דעם מסחר מיט די ערלים.

ס'וועט דער אַלטער פּעסעלעס שענק
דער פויער אויף קיין צווייטער נישט בייטן,
ס'קומט דער גאָספּאָדאַזש צו פאָרן
און אַ פריץ אַמאָל אויך צו רייטן.

שטייט די אַלטע פּעסעלע
אין הייבל מיטן שלייפל

און חשבונט פלאַים אויפן קאָפּ אויס
און חילוקט און חיסרט און כפלט.

און פרימאָרגנס ביי די שחריתים —
קיין מנחה קיין מעריב פאַרפעלט,
האָט פעסעלע דאַוונען בציבור —
אירע ווערטער ווי פערל געציילט.

און קומט דער הייליקער שבת
אין שטעטל אַ ליבער צו גיין,
זיצט די אַלטינקע פעסע
ביי דער הרובע שטיל מלא חן.

אין הייבל מיט די זיידענע בענדער
רויט, גרין און באָרדאָ און שוואַרץ,
קומט אַריין אויך אַ שכנה
דערציילט מען אַראָפּ זיך פון האַרץ.

זיצט מען אַזוי צוזאַמען
ביים אויוון שטיל אויף אַ באַנק,
דערציילט די אַלטינקע פעסע
אַזוי זיך אַ מעשה פון לאַנג.

פון מאַן אירן עליו השלום
וואָס רוט שוין פון לאַנג אין גן־עדן,
פון טאַטן, דעם עושר אין רייסן,
פון צדיק, דעם הייליקן זיידן.

און שבת ביי טאָג נאָכן שלאָפן
קומען די אייניקלעך צו גיין
ס'האָט קיין אייניקל פאַרפעלט נאָך
שבת די באָבע צו זען.

# פאַרדעקטע שפּיגלען

שבת־אויבסט טיילט זי כסדר
יעדן אייניקל באַזונדער, — — —

— — — — — — — — — — — — —

אָ גאָטעניו, אַזאַ זיסינקע עלטער
אויף אַלע יידישע קינדער!

.1934

## צווישן ברידער

און איך בין צווישן אייך, מיין בליק עס קושט אייך אויס,
אָ ברידער מיינע האַרציקע, שוועסטער מיינע טייערע,
מיר זענען קינדער דאָך פון איין מאַמעס שויס,
איר שטילע זאָרג פאַר מיר, ווי פאַר לעבנס אייערע.

ס'האָט יעדער צו דערציילן דאָ פאַסירונגען אָן צאָל,
יעדנס לעבן איז אַ וווּנדערלעכע מעשה,
איז גוט אַזוי צו וויסן אַז אייביק לעבט דאָס פאָלק
זיין פאָדעם ליכטיקן קיין שונא וועט צערייסן.

און איך בין דאָ ביי אייך צווישן גרויס און קליין
און צווישן מענגעס פרייד, דערמאָנונגען אומגעריכטע,
אַ בליק אַזאַ וואָס רירן קען אַ שטיין
און ווי זאָל עס נישט רירן די נשמה פון אַ דיכטער?

כ'האָב פאַרשטאַנען יענעם טריבן מיידל־בליק,
דעם מאָדנעם אויגן־שפּיל ביים בחורל פון זעכצן,
אָ קינדערלעך, זאָלן פול זיין איצט מיט גליק
ווי בעכער שוימיקע, אייערע יונגע הערצער.

אַוועק שוין לאַנג די צייט פון פּיינט און זיין געוואַלט,
מיט צוזאָג ליבן ווינקט אַ יעדער האַפן,
איך גיי צווישן אייך, צווישן יונג און אַלט
ווי אין אַ טיפן וואַלד מיט שלאָגנדיקע זאַפטן.

## פ אַ ר ד ע ק ט ע   ש פּ י ג ל ע ן

אַט באַלד צעברומט זיך, צערוישט ער זיך אין ווינט,
דערציילט ער פון דער קראַפט אין זיין טיף באַהאַלטן,
און יעדעס עופּהלע, יעדעס פּיצל קינד —
אַ צווייגעלע באַהעפט צום דעמבן־וואַלד דעם אַלטן.

# צו איינער פון געטאָ

איך קוק זיך איין אין דיר, ווי עס זענען פּיינען,
ווי עס זענען אַזוי גיך פאַרפלויגן,
ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט, ליכטיק שיינען
מיט לעבן פול דיינע יינגע אויגן.

עס זאָל כאָטש אַ קנייטש אין זיך פאַרבאַהאַלטן,
פון מאַרטירער־וועג דער קלענסטער סימן,
דיין צעזונגען לייב, ווי עס וואָלט אַ שאַל געטאָן
שטורעמדיק אַזאַ לעבנס־הימן.

און דו ביסט דאָך געווען אין געטאָ־מויער,
אויף דיר דאָך טעג און נעכט־געיעגן,
און נאָך דיר האָט דאָך דעם שונאס קויל געלויערט,
ווען אַרויס ביסטו פון טויטן־ריוו אויף וועגן.

איך קוק זיך איין אין דיר, ס'האָט נישט פאַרצערט
דער פּיין, דיין געמיט — אַ וווּנדער,
ביסט פון זאָפטן פון מיין פאָלק גענערט
פון פאָלק וואָס לעבט אויפסניי אויף מונטער.

# אַנדערש גייט אויס דאָ דער האַרבסט

ס׳איז ערגעץ ווו קאַרג אויף דער פאַרב
דער האַרבסט פון פאַרבן דער מייסטער,
אַנדערש גייט אויס דאָ דער האַרבסט —
ער וואַרפט זיין גאָלד פון די טייסטערס.

שיינקייט אַזויפיל אַרום
און טאָליקע ווייכקייט און מילדקייט,
און מויערן בוקן זיך פרום
אַרויפצו, צו באַרגיקער ווילדקייט.

און געסלעך בעטן: פאַרגעס,
ווי לאַנג איז דער שיער צו געדענקען?
(ווי פאַרגעסן אַ שלעכטן מעת־לעת
אַ פרוי בעט ביים ווערלן זיך שענקען).

— מיין ליבכען, זאָג איך, ס׳איז וואָר,
נאָר ס׳האָט גאָט מיך געבענטשט מיט זכרון,
ווען דיין פאַרק האָט געקעמט זיך די האָר
האָבן אין וואַרשע געפלאַקערט די גאָרנס.

ווען האָסט זיך געשפיגלט אין קוואַל
מיין גאָלדענע שיינהייט, מיין שענסטע,
האָט מעגלעך דיין זון מיט געוואַלט
קינדער געוואָרפן פון פענצטער.

ישראל עמיאָט

און ווי אַמאָל פאַרביי אַ צלם פון גאָלד
כ׳פלעג זאָגן „שקץ תשקצנו״,
שפייען כ׳וואָלט אויך איצט געוואָלט,
נאָר ביסט שיין אַזוי, איך קאָן נישט...

שטשאַווניע זדרוי, זאַלצברון, געוו. מזרח־דייטשלאַנד.

# נאָכוואָרט

דאָס טרויעריקסטע איז דער נאָכוואָרט ביי אַ מחבר. דער חשבון־הנפש מיט זיך אַליין.

דער מחבר דעקט אויף די אבלותדיקע „פּאַרדעקטע שפּיגלען" נאָך אַ וועלט וואָס איז שוין מער נישטאָ; ער דערזעט זיך אַליין אין שפּיגל און מאָנט ביי זיך מער ווי ער האָט געגעבן.

מיינע ייִדן שטייען פאַר מיר, באַגלייטן מיך אויף מיין וואַנדער־וועג, און נאָר גאָר אַ קליינעם טייל פון זיי האָב איך געשטאַלטיקט.

כ'האָב אָנגעהויבן געשטאַלטיקן מיין שטעטל נאָך פאַר דער מלחמה. אינעם „דאָס ייִדישע טאָגבלאַט" האָב איך 5 יאָר צייט, יעדע וואָך, געגעבן אַ דערציילונג און צווישן זיי די גרעסערע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג „די לבנה איבער אונדזער הויף". אָבער מיינע דערציילונגען זענען צוזאַמען מיט מיינע העלדן אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד דורך די נאַצישע רוצחים.

אין די צוויי אָפּטיילן „מצבות אויף קברים" און „אין גוטע צייטן" האָב איך געפּרוווט רעסטאַווירן די הייליקע וועלט פון מיין קינדהייט און יוגנט. קליינע פּרוון האָב איך אויך געמאַכט צו געבן עפּעס פון מיינע איבערלעבונגען אינעם סאָוועטישן לאַגער. דער נייער שטייגער אין אַמעריקע איז מיט קליינע פּרוון פאַרגעשטעלט אינעם פערטן ציקל „פונעם נייעם שטייגער".

דאָס בוך ווידמע איך מיין מאַמען, די צדיקת חיה־שרה, דערשאָסן אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, דורך די היטלעריסטן, אין נאָוועמבער 1939.

דער מחבר

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג-לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואָגאָ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואָנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פראָזע אין פוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אש — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד
75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, ווארשע, 1937
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשארני — ווילנע
79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך
82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספארקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פארטאג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר' אבא און אנדערע כתבים
91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע
93) שמעון הארנטשיק — אין געוויש פון מאשינען (ראמאן)
94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)
95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין
100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)
101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאס־איירעס, 1955).
102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע
103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105־106־107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958).
108—109) מרדכי שטריגלער — געזארעמט מיטן ווינט (ראמאן)
110—111) ד״ר א. מוקדוני — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).
112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).
113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון ביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האַפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאָס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זייט פּאַרהאַנג (אויספאַרקויפט)

153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברייננסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) אינזשׂ׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — יידן אין אַלטן פּוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
162 ישראל עמיאָט — פאַרדעקטע שפּיגלען

## עס גרייט זיך צום דרוק:

ישעיהו טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
מענדל עלקין — זכרונות
אברהם זאַק — אין אָנהייב פון אַ פרילינג
ד״ר ל. וולמאַן — יידישע דאַקטוירים אין פּוילן
יעקב צינעמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן
ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אמור

Este libro se terminó de imprimir en mayo de 1962, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 162

Copyright by
I. EMIOT-GOLDWASSER, Rochester, N. Y., U.S.A.

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

ISRAEL EMIOT

# Espejos Empañados

(CUENTOS)

Editado por la

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Buenos Aires, 1962